STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00393

RINGEN IN DER KEYT

Mordecai Jaffe

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Rafael & Shirley Brand
in memory of
Brokhtche (Bertha) & Khiel (Charles) Brand

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי יאָפּע

רינגען אין דער קייט

עסייען

אַרויסגעגעבן פון
מרדכי יאָפּע בוך־קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1939

ביכער פון זעלבן מחבר:

פאַרהאַנגען (לידער), פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", אָדעס, 1920
אָן אַ זייט (דערציילונגען), פאַרלאַג „מיר אַליין", קאָוונע, 1927
אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע, פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1935

Copyright 1939
by
Mordecai Jaffe
New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג „אַטלאַנטיק" — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט

178

* * *

מיינע עסייען — האָב איך אפשר דאָ אַ רעכט צו זאָגן — זענען נישט קיין פאַרגאַנצטע אָפּהאַנדלונגען, מיט קריטיש־אַנאַליטישע מסקנות, נאָר בלויז עסטעטישע עקסקורסיעס און אימפּרעסיעס, — הגם עס פאַרווילט זיך, אין אַ גוטער אָדער שלעכטער שעה, אויך פּסקענען אַ שאלה.

איך האָב זיך זייער געהיט פון סופּערלאַטיוון. סיידן זיי האָבן היינטערווייל־עכס זיך פאַרגנבעט און מיר פאַרדעקט די אויגן.

צוליב „טעכנישע סיבות", האָב איך עטלעכע זאַכן געמוזט מקצר זיין. צוליב די זעלבע סיבות, האָב איך ביי אייניקע קינסטלער באַהאַנדלט בלויז איין טייל פון זייער שאַפן.

צוליב דעם, ווערן רייזען און לייוויק כאַראַקטעריזירט דאָ „בלויז" ווי דיכטער. שניאור — ווי אַ העברעאישער פּאָעט.

מ. י.

מאָריס ראָזענפעלד

אַ טראַגישע געשטאַלט פון גאָר אַ גרויסן דיכטער — וועלֿכער איז געוואָרן מיספאַרשטאַנען. אַמאָל איז ער געוואָרן איבערגעשאַצט און אַמאָל אונטערגעשאַצט. נישט אָנגעווענדט האָט מען קיינמאָל ניט לגבי אים די גלייכגעוויכטיקע קריטעריע. מ׳האָט אים ניט געזען אין קלאָרן שיין פון שעפערישן אויפטו.

זיין לעבנס־בוך דערציילט:

געווען דער פּיאָנער פון קינסטלערישן ליד (מיט פרוגן בלויז אַ שותף אין דער זעלבער עובדא) — איז ער ערשט אַנטדעקט געוואָרן אויך ביי אונדז, ווען מ׳האָט גענומען ריידן שטאַרק פון אים ביי „זיי”. פריער האָט ער שווער געפראַצעוועט מיט נאָדל און מיט פען. פון מי און נויט אַרויסגעוואַקסן אין אַ ביי געשטאַלט, אין אַ דיכטער פון אַן אַנדער מין. געצויגן אויפמערק מיט די קינסטלעריש־סאָציאַלע לידער, וועלכע האָבן טריב און גרויליק אויפגעשטעלט דאָס בילד פון אַרבעטערס לעבן און מערכה. און אויך אויפגעטרייסלט, אויפגעשטורעמט, אָנגעצונדן די געמיטן; אַרויסגערופן, דאַכט זיך, ביי די טויזנטער פאַריאָכטע און געדריקטע — אָנערקענונג און קאָנטאַקט, — און דאָך האָט זיך זיין אייגענע מערכה נישט פון דעם געענדערט. זיין אָנערקענונג האָט ניט געהאָלפן אים, אַז זיינע לידער־ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין מאַרק, זאָלן קריגן קונים... און פּאָפּולער איז ער געווען צו קריגן אפשר נאָר דאָס ביסל כבוד, און נישט ער זאָל באַפרייען זיך פון גיהנומדיקער סוועט־שאַפּ.

ביז ס׳האָט דער נס געטראָפן. מען האָט געדאַרפט, אַז אַ פּראָפעסאָר (לעאָ ווינער) זאָל אים באַמערקן, אָנערקענען און איבערזעצן. מען האָט געדאַרפט, אַז אַנדערע לשונות זאָלן אונדז דערציילן סאַראַ גרויסן דיכטער מיר פאַרמאָגן. אויך ביי אונדז איז ער געוואָרן שוין דער גרויסער דיכטער. און געטייטלט האָט מען בלויז אויף זיינע מעלות.

נאָר נישט אויף לאַנג איז ער געקרוינט געוואָרן. די „יונגע” זענען אָנגעקומען. די מאָדערניסטן און עסטעטן האָבן זיך באַוויזן.

און ס'ערשטע וואָס זיי האָבן זיך פאַרגונען: אַנטקרויינען אים און מאַכן אים צו קליין־געלט. דאַן האָט געגומען גיין דער פּזמון: ער איז אַ גראַמען־פלעכטער, נישט קיין דיכטער. ער איז וואולגאַר און רוי און אויפגעבלאָזן. ער איז די פּוסטע פּויק אין דער פּאָ־עזיע...

און ס'האָט דער פּזמון אָנגעהאַלטן, ביז דער דיכטער איז שוין ווייט געווען פון אונדז — און אין דיסטאַנץ ערשט האָט מען זיין געשטאַלט דערזען אין אַ באַנייטער גרויסקייט. דער פּסק־דין איז געוואָרן רעווידירט — דער באַשולדיקטער איז געוואָרן רעאַ־בילויטירט.

וואו ליגט די סבה פון אַזאַ עקסטרעמען אָפּשאַץ און באַ־ציאונג?

די סבה איז — דער דואַליזם פון זיין דיכטערישן מהות. אַמאָל דערהויבט ער זיך מיט שוואונג און גבורה צו אַ שווינדל־דיקער הויך, ווי זיין „אָדלער"; און באַלד פאַלט ער אַרונטער, ווי דער זעלבער אָדלער, אויף דער פלאַכער ערד. אַמאָל איז ער צע־שפּילט אין סטיכיע פון אַ פייער־שפּייענדיקן וואולקאַן; און באַלד — אַ ליכטל אין איר נעבעכדיקן פלעמל — קאָפּעט, רויכערט... אַ טייל לידער זענען אינטענסיוו, פּולבלוטיק, שטאַרק אין שפּראַך, אין גראַם, אין ריטם; אַנדערע — שיטער, לויז, אַנעמיש; באַנאַלער גראַם, מליצה און באָמבאַסטיק. דאָ האָט ער מאָטיוון, וואָס שפּרודלען מיטן בלוט פון לעבן; און באַלד — אַזוינע וואָס עס היב־קען אויף די קוליעס פון בדחנות. אָט איז ער דראַמאַטיש, טראַגיש, ליריש; און באַלד — וואולגאַר און גראָב און אומגעלומפּערט.

ער איז דער דיכטער פון קאָנטראַסטן. נאָר נישט אַזוינע, וועלכע זענען פונקציאָנעל־סינטעטיש, נאָר וואָס זענען פרעמד און פיינטלעך איינע צו די אַנדערע.

פאַרלירט מען דאַן דעם פאָדים פון זיין דיכטערישן „יש". ווייס מען ניט זיין קינסטלערישע וואָג — ס'צינגל פון דער וואָגשאָל וואַרפט זיך אום אויף רעכטס און לינקס. ווערט מען בלויז באַ־הערשט פון סוביעקטיוון איינדרוק און געשמאַק — נישט זעענדיק דאָס גאָלד אין גאַנצן באַרג פון פּסולת.

דאָס איז די סבה — וואָס עס האָט אַזוי צו אים פאַרשווערט אי דעם קאָנטאַקט, אי די באַציאונג.

* * *

און וויל מען אָבער זען די אייגנאַרטיקייט און פילגעשטאַלטיקייט פון דיכטער — דאַרף מען נאָכפאָלגן די דריי עטאַפּן פון זיין שע־פערישער קאַריערע: 1) קולטור־היסטאָרישער, 2) סאָציאַל־ היס־טאָרישער און 3) קינסטלערישער.

ק ו ל ט ו ר ־ ה י ס ט אָ ר י ש. געווען איז ער כמעט דער ערשטער אויפן פעלד פון אייגנטימלעכער, מאָדערנער אידישער פּאָעזיע, זיין אידיש־דיכטערישע ירושה איז געווען — דאָס פּרי־מיטיווע פאָלקס־ליד, דאָס ראַציאָנאַל־סכעמאַטישע בדחנות און גע־גראַמטער משכּיליזם; און אויך דאָס רוי־נאַאיווע ביסל ליריק פון דעם פאָלקס־דיכטער.

ביים סאַמע אָנהויב, האָט ער נאָך געצאָלט אָט דער ירושה היפּשן צינז מיט די מטבעות, וואָס ער האָט געירשנט. נאָר נישט געדויערט האָט עס לאַנג, — און ס'איז זיין ליד געוואָרן אַנדערש: ס'האָט אַ הויב געטאָן אַ פליגל און צעפאָכעט זיך מיט ברייטן, הויכן פלי. ס'האָט פאַרמאָסטן זיך מיט גבורה צו דעראָבערן פאַר זיך דעם גרויסן וועג, וואָס פירט אַריין אין לעבן. זיין ליד איז מער שוין ניט געווען קיין המשך פון אַ וועלכער ניט איז אידיש־ליטעראַרי־שער טראַדיציע, נאָר גאָר אַ נייע ווענדונג און אַ פּאָזיטיווער אָנ־הויב פון אייגנקינסטלערישער פאָרמאַציע. אַן אָנהויב און אַ ווייטער־דיקע פאַרזעצונג, וואָס איז אַקצענטירט אויף פ אָ ר ם, ז י ן און א ו י ס ד ר ו ק.

און וואָלט ער נאָר פאַרמאָגט אַביסל מער קולטור, התמדה, ראַפינירטקייט פון טאַלאַנט, וואָלט ער געוואָרן אין דער אידישער פּאָעזיע דער „מענדעלי" אין ראָל און פּאָזיטיווקייט. נאָר שטיצן קען מען זיך ניט אויף דעם „וואָלט", נאָר אויף דעם „איז" פון אַ דערשיינונג. קולטור־היסטאָריש איז ער האָנט־ביי־האָנט מיט פרוגן, געווען דער פּיאָנער אין דעם געביט פון אידיש־קינסטלערישן ניי־מאָדערנעם ליד.

דאָס ליד, וואָס האָט געעפנט גאָר אַ שפּאָגל־ניי קאַפּיטל אין דער אידישער פּאָעזיע.

אין זעלבן זין איז זיין באַדייטונג און זיין ראָל ס אָ צ י אַ ל־ה י ס ט אָ ר י ש. און נישט נאָר ווייל ער האָט געשריבן לידער אויף סאָציאַלע טעמעס, נאָר צוליב דעם און דווקא — ו ו י ער האָט באַהאַנדלט אָט די דאָזיקע מאָטיוון; אויף וועלכן אופן ער האָט פאַרפיקסירט זיי.

סאָציאַלע לידער האָט מען אויך געשריבן פריער. כראָנאָלאָגיש — רעכנט זיך ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י פאַר דעם פאָטער פון דער פראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער דיכטונג. אָביסל שפּעטער פיגורירן—ע ד ע ל ש ט אַ ד ט און ב אָ ו ש אָ ו ע ר. דער ערשטער — אין זיין איינאיינציק־רעוואָלוציאָנערן מאָטיוו פון קאַמף, פּראָטעסט און ליידן. דער צווייטער — מיט זיין הימנאַרטיקער פּאַטעטיק און אַפילו ליריש ליד. נאָר פירט מען דורך אַ פּאַראַלעל צווישן זיי און אים — דאַן זעט מען ערשט באַשיינפּערלעך, אַז אַפילו אין דעם דאָזיקן געביט איז ער — דער ערשטער.

ווייל זיי — ווי גוט געוועסט עס זאָל ניט זיין ביי זיי און הייליק די כונה, ווי גרויס געוועסט עס זאָל ניט זיין די ראָל פון זייער דיכטונג — זיי האָבן נאָר געשריבן סאָציאַלע לידער; און ער איז אין די לידער — סאָציאַל. ביי זיי — אַ טענדענציעזער נוסח; ביי אים — אַ בולט־קינסטלערישע רעאַליזאַציע. ביי זיי איז די סאָציאַלקייט אויסגעדריקט אין ווערטער און טערמינען; ביי אים — אין ניגון און אין בילד.

„אין די גאַסן, צו די מאַסן,
פון גערדריקטע פעלקער, ראַסן,
רופט דער פרייהייט־גייסט" —

געזונגען האָט ווינטשעווסקי. מען וועט געפינען, אַז דאָס ליד האָט אַלע שיינע עפּיטעטן פון פרייהייט, גלייכהייט, ברודערשאַפט. מען וועט דערהערן, אַז עס קלינגט מיט לייכטן, טאַנצנדיקן גראַם. מען וועט דערזען די ווערטער־שורות אויסגעפּוצט אין פליטערלעך, — נאָר דער „פרייהייט־גייסט" אַליין וועט גאָרנישט לאָזן הערן און גאָרנישט לאָזן זען, צו גאָרנישט ניט דערפירן און אפילו ניט פאַרפירן...

„וואָס רוקט איר אַלץ די פלייש אין זיך
און שמייסט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר, וואָס? אַ הונט בין איך,
אַ הונט מיט קהלשע ציינער?"

דאָס איז פיל פּראָסטער, אָבער מענטשלעכער געזאָגט. דאָס איז ניט פליטערדיק — אָבער עס צעקאָכט די בלוטן. ס'איז דוי און האַמעטנע — נאָר עס צערייצט די חושים. ס'איז ניט דער „פרייהייט־גייסט", וואָס רופט, — נאָר פויסט, וואָס גיט אַ זעץ ווי אַ האַמער אין פּראָטעסט. — ס'איז מאָריס ראָזענפעלד.

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט;
און אַלעס דערפאַר ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע ליידנדע פאָלק". —

דער בעסטער עדעלשטאַדטישער מאָטיוו. דערציילט ער מיט אַזוינע מיני ווערטער — לייגט אַריין אין מויל דעם זין, — און ס'ווערט ניט הייס, ניט קאַלט און אפילו אויך ניט לעבלעך. און „אַלעס דערפאַר" ווייל ער דערציילט; און ווי ניט אויפריכטיק עס איז דערציילט — איבערצייגט ניט. ווייל ס'איז דער אמת, אַז „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן", נאָר אָנגעהויכט און נישט דערוואָרעמט.

נאָר וואָס, למשל, לאָזט „דער אַלטער שניידער" אונדז צו הערן?

„ער זיצט און נייט שוין פילע יאָרן
און זיין בלייכער פּנים שוויצט;
די באָרד איז אים שוין ווייס געוואָרן,
ווי דער פאָדים וואָס ער ניצט — — —
ער קומט און גייט אַוועק אין שטילן —
ריידן, רעדט פאַר אים דער הוסט!
דעם טרער פאַרדעקן אים די בריקן
און דעם שמערץ פאַרדעקט די ברוסט" —

צוויי סטראָפן בלויז פון אַ ליד — נאָר אַלע עלעמענטן פון עכטן ליריש־סאָציאַלן ליד זענען דאָ פאַראייניקט: בולט בילד, וואַרעמער עמאָציאָנעלער טאָן, טיפקייט פון געפיל, פשוטקייט אין אויסדרוק, רירנד אין געמעל. — און דאָ איז מער שוין ניט דער ראָזנפעלד פון צאָרן און פּאַטעטיק, — נאָר דער צווייטער — פון דער אומעטיקער ליריק.

די דאָזיקע צוויי עלעמענטן — פּאַטאָס און ליריק — דרינגען דורך די מערסטע לידער זיינע. נאָר זייער פולסטן, שטאַרקסטן אויסדרוק באַקומען זיי אין די סאָציאַלע לידער. די שילדערונג פון דעם אַרבעטערס פּאַריאַכטקייט, זיין לעבן און מערכה, איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטילן, אומעטיקן, נאָגנד־פּיינלעכן ליריזם. די אינדיווידועלע עמאָציעס, וואָס ברויזן־אויף אַנטקעגן אָט דער אומגערעכטער דערשיינונג; דער צאָרן און פּראָטעסט, וואָס פלאַקערט אויף אַנטקעגן די פּאַרשקלאַפער און באַדריקער, — טראָגן זיך אין אַ גאַלאָפּ פון ווילדן, שטורעמדיקן פּאַטאָס.

קינסטלעריש איז זיין באַדייטונג גרויס דערמיט, וואָס דער קאָמפּלעקס פון אַלע זיינע לידער — די גוטע און די שלעכטע — איז כולל זיין קולטור־געשיכטלעכן און נאָכמער — זיין סאָציאַל־געשיכטלעכן באַרוף און ראָל. און אויך די פּאָזיטיווע אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון זיין דיכטונג.

דאָס רויע וואָרט האָט ער גענומען, ווי ליים און זאַמד און ציגל, און מאָסטיענדיק די ווערטער איינע נאָך די אַנדערע אין פערזןשיכטן, און קלאַפּנדיק מיט האַמער פון אימפּולס, וואָס האָט באַפעסטיקט וואָרט צו וואָרט, און שטייגנדיק אויף רעשטאָוואַניע פון געזונטע גראַמען, געלייגט די ווערטער־שיכטן, זיי געטאָפּלט און געמערט, ביז — אויסגעבויט אַ שטאַרקן בנין פון אַ ליד.

ניט שטענדיק איז דער בנין פון זיין ליד געראָטן. דאָס ציגל־וואָרט האָט ער געמאָסטיעט, אַריינגעקלאַפּט מיט גבורה, — ווען ס׳האָט געפאָדערט זיך פאַרזיכט און אַ מאָס, וואָס זאָל פאַרגלייכן. די שפּראַך־ליים וואָס צעמענטעוועט די ציגל, האָט ער טאָקע ניט געזשאַלעוועט; נאָר צו געדיכט געלייגט עס — האָט עס גראָב געמאַכט די ציגל. אָן פּראָפּאָרץ, אָן מאָס און אָן געפּוצטקייט, — איז דאָך אַ יעדע ליד געווען — אַ בנין.

אין יענער צייט, ווען ס'איז נאָך וויסט געווען דער פּלאַץ פון אידישער פּאָעזיע, האָט ער, באַלד דער ערשטער, באַלידערט וויסטן באָדן, אויפגעשטעלט אַ בנין נאָך אַ בנין, אויפגעלעבט די וויסטקייט און געצאַמט דעם הפקר.

נאָר נישט אין דעם אַליין איז ראָזענפעלדס באַדייטונג. פיל מער דערציילט דאָס פּאָזיטיווע וועזן פון זיין דיכטונג. ראָזענפעלד אַליין.

ער האָט געהאַט דעם גרויסן כוח אויפצושטורעמען ווערטער, אָנצוזגליען שורות, אויפצולעבן גראַמען.

וואָרט און פערז און גראַם — האָבן אים געדינט, ווי כחות פון נאַטור: רוי און ווילד און עלעמענטיש. באַצוואונגען זיי — האָט ער זיי איינגעשפּאַנט אין דינסט פון לידער.

די ווערטער זענען נישט אין אייגענעם רשות. זיי ווערן אָנגעמינעוועט אין פערזן און אין סטראָפן. זיי עקספּלאָדירן, ווען מען 'טשעפּעט זיי נאָר אָן...

זיי זענען נישט קיין ראַקעטן וואָס צעשפּריצן שיינקייט. זיי זענען אָנגעפּולווערט פאַר יעדן פונק פון צאָרן און האָס, וואָס רייסט זיי אויף.

די ווערטער, די לידער, זיי זענען נישט קיין סטיליזירטע בלומען. זיי זענען לעבעדיקע בלומען פון ליבע און רחמנות, צו באַקראַנצן אומעטיקן קאָפּ פון אַרבעטער, דעם מידן קאָפּ פון פאָלק.

די לידער זיינע — די גוטע און אפילו אויך די שלעכטע — האָבן זייער זכות אין דעם, וואָס זיי זענען, אויך געשליפענע, גע־בליבן רוי און עלעמענטיש אינם תוך. געצוימט אין אַלע פאָרמען, — האָבן זיי ניט אָנגעוואָרן אָט די עלעמענטישקייט און רויקייט פון „כאַראַקטער”, און, ווי כח פון נאַטור, ניט אויפגעהערט צו שלאָגן סטיכיש.

דערפאַר איז זייער כח, נישט דער עיקר אינם פאַרב און טאָן, וואָס שפּילט אויף דער פאַנטאַזיע, גלעט און צערטלט, וויגט דעם זינען און געפיל און גיט עסטעטישן גענוס, — נאָר אין (אויפ־רעגנדיקן) וואָרט; דאָס וואָרט, וואָס איז געווען דער אָנ־הויב פון אַ יעדער עקזיסטירנדיקער קונסט; און אין דעם ריטם,

— דער ריטם, וואָס איז אייגנטלעך די פאַרב און טאָן פון גאַנצן אוניווערס.

דאָס וואָרט ביי אים איז אַזוי פּולבלוטיק, אַז עס גייט אַלץ אין אַ פעסטן און געזונטן מאַרש. און אַזוי הייס — אַז עס טרייבט אַמאָל אַוועק, ווי אַ שׂרפה, וואָס פאַרכאַפּט אַ וואַלד.

זיין חוש פאַר קלאַנג, פאַר גרונט־טאָן, אונטער־טאָן און ביי־טאָן, פאַר קאָמבינירונג און מאָדולאַציע פון ווערטער, אַז זיי זאָלן לאָזן זען און הערן, — איז אין לשער שאַרף און ווירטואָל און דאָ־מינירנדיק. ביי אים דער קלאַנג דערציילט און רעדט, און וויינט און מורמלט, שרייט און פילדערט, שפּילט און האַמערט, בליצט און דונערט, קנאַלט מיט פייער־שפּריצן און זיפצט ווי אַ פאַנטאַן אין שטילקייט... ער האָט דעם שאַרפסטן חוש פאַר זילב און אַק־צענטירונג, פאַר אינטערוואַל פון ווערטער, פאַר גראַדאַציע און באַ־טאָנונג, פאַר דער קאָמבינירונג פון וואָקאַל און קאָנסאָנאַנט, אַז יעדע זילב־ פאַרקייטלונג זאָל איבערגעבן כאַראַקטער, אַקציע, בילד און שטימונג. בקיצור, פאַר די קלאַנגען, וואָס גיבן איבער יעדן מינדסטן און יעדן שטילסטן און יעדן שטאַרקסטן, קלינגענדיקסטן ריטם. די שפּראַך־האַרמאָניע ווערט אַפילו ניט ביי אים צעשטערט, ווען ס׳קומען איינע נאָך די אַנדערע, איינע און די זעלבע אותיות, וואָקאַלן אָדער קאָנסאָנאַנטן, וואָרן שטענדיק גיט עס איבער אַקציע, ריטם און נשמה פון דערשיינונגען און זאַכן.

דערצו נאָך דינט אים דער ג ר אַ ם, וואָס מאַכט דעם פערז אי בויגעוודיק, אי מוזיקאַליש, און גיט אים שטאַרקן, האַרבן טאַקט.

ער האָט געוואוסט ווי און וואו אַנצואווענדן דעם מענערישן גראַם, וואָס האָט אים וואויל געדינט צו קאָנדענסירן זיינע ליד־טיראַדעס, צו פאַרמינערן און אויך פאַרמוזיצירן דעם דעקלאַמאַ־טאָרישן ברויז און פלוס פון ווערטער.

ביי אים געפינט מען סמנים פון מאָדערנעם גראַם — נישט חלילה אַסאָנאַנס צי סתם־הילך—נאָר פיינע קאָמבינאַציע פון וואָרט און קלאַנג, וואָס זענען, שפּראַכלעך, ניי און אַנדערש.

אין יענער צייט זענען ניי געווען אַפילו אויך אַזוינע, איצט „פאַר־עלטערטע״ גראַמען אין דער אידישער פּאָעזיע. דהיינו: „געמינט־טערט״ און „געזומערט און געווינטערט״, „אנטראָגנען״ און „רע־

גיאָנען״, „צעבייזערט״ און „צעקייזערט״, „יאָגן״ און „באַטאָגן״, „נייעס״ — „הולטאַיעס״, „קיין מינץ ניט״ — „קיין פרינץ ניט״, „באַמאַנטלט און באַיאַקעט״ און „לאָז דעם עולם נאַקעט״, „פסאַל־מען״ און „פאַלמען״, „געווינט״ און „פאַראַיינט״. „איך מאַך קיין גראַמען מער, אַ מערק עס!״ — „איך האַנדל טאַבעק מיט צוקער־קעס״, „זען, זעט אונדז קיינער דאָ״ — „איך בין נאָר איינער דאָ״, „באַגייסטערט״ און „באַמייסטערט״, „צערייץ אים״ — „לצים״.

זעט מען אויך אפילו אין די ביישפילן די עטלעכע, ווי דער גראַם ביי אים איז ניי און קרעפטיק, און ווי ס׳איז שוין פאַראַן אין אים, אי וואָרט־שייכות, אי זין, — אַזוינע אייגנשאַפטן, וואָס אַ אידיש ליד אין יענע צייטן האָט לחלוטין ניט פאַרמאָגט.

ראָזענפעלד איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט בשפע אויסגענוצט העברעאישע ווערטער פאַר גראַמען. ער האָט אין גראַם פאַראידישט דאָס העברעאישע וואָרט, וואָס האָט אגב געהאַט ביי אים אַלעמאָל — אי חן, אי פאַרב, אי שייכות... דער ניי־מאָדו־לירטער גראַם, און דער עיקר, דער העברעאיש־אידישער, האָט אים אַזוי גוט און וואויל געדינט אין זיינע שאַרפע, טרעפלעכע, הגם אויך אָפטמאָל זייער גראָבע עפיגראַמען און סאַטירעס.

אַ פאָר ביישפילן קענען אונדז דאָ דינען, צו באַווייזן אָט די אַלע אייגנשאַפטן פון דעם ראָזענפעלדישן גראַם. דערביי מיט דעם אויך עדותן אויף דעם דיכטערס שאַרפן חוש פאַר ריטם, מייסטער־שאַפט פון פערז; און אילוסטרירן צוויי געביטן — סאַטירע און עפיגראַם — אין וועלכע ראָזענפעלד איז געווען אין זיי (ביי אונדז) דערווייל בלויז איינער. דאָס ליד, וואָס באַווייזט אונדז אין די שאַרפסטע פאַרבן אַן אַמאָליק שטייגעריש בילד, וואָס איז אָבער פריש נאָך עד היום, איז די סאַטירע „דער קאַלוואַריער דאַטש״:

„איך בין אין קאַלוואַריע געבאָרן,
ניט ווייט פון דער שוסטערשער שול;
איך בין דאָרט אַ שוסטער געוואָרן,
איך האָב דאָרט געהאַט מיין קאַפּול.

מען האָט מיך פּאַרדרייט דאָרט מיט צירקען,
אַ מויד וואָס פּלעגט צירעווען זעק;
דאָך האָב איך אַ כאַפּ געטאָן מירקען
און בין מיר נאָך ניו־יאָרק אַוועק.

דאָ איז אונדז געגאַנגען אין אָרדער,
געמאַכט די אַפּויתיקה גיך;
מיין מירקע פּלעגט האַנדלען מיט באָרדער,
און איך — מיט פּאַרלאַטעטע שיך.

אצינד איז מיין מירקע אַ „קיידי",
און איך היים שוין ב ע ר ע ניט מער;
מיין ווייב איז געוואָרן אַ „ליידי",
און איך בין געוואָרן אַ „סער".

איך האַנדל שוין לאַנג מיט קיין שלאָרעס,
איך האָב איצט אַ סטאָר אין בראָדוויי;
און רעדט מען פון גבירים, פון שררות —
דערמאָנט מען מיך אויך צווישן זיי.

מען קען מער ניט מירקע ליידאַטשקע,
מען קען ניט מער בערע יונגאַטש;
מיין ווייב איז געוואָרן אַ דאַטשקע,
און איך בין געוואָרן אַ דאַטש.

איצט זוך איך קאַלוואַריער צו מיידן,
איך וויל זיי ביי מיר פאַר קיין געסט;
איך קען מער קיין ליטוואַק ניט ליידן,
אַ רוסישער איד איז אַ פּעסט.

איך האַס זיי און וואָס איז דער חידוש?
עס האָט מיר אַ טעם זייער קוואַטש!
איך קען ניט פאַרשטיין מער קיין אידיש,
צו מיר מוז מען שפּרעכן אין דאַטש".

האָרב איז ביי אים אויך דער עפּיגראַם. ער איז ניט דין־פּאַר־שפּיצט, נאָר האַמערט. אַזוי איז, ווען ער האַקט אויס אַ „טיפּ" און

ווען ער טוט אַ קלאַפּ מיט יעדן וואָרט און גראַם, ווי מיט אַ פויסט אָן טיש און לאָזט אונדז הערן וועגן קרומע, שעדלעכע און לעכער־לעכע „אידישע״ מדות. אַזוי, למשל, ווען ער רעדט וועגן אונדזערע „חברות״, זעצט עס, ווי אַ האַמער אין מעטאַל:

„מיר האָבן חברות שטאַרקע,
וואָס זאָרגן נאָר פאַר קרקע,
וואָס שאַפן אונדז נאָר קברים;
דאָך זעט מען זעלטן שטרעבן,
צו העלפן די, וואָס לעבן
און זענען קראַנק און אָרעם״.

דער גראַם איז אָבער בלויז אַ שטריך אין וועזן פון זיין ליד. ראָזענפעלד באַהערשט אויך דעם פערז אין אַלע זיינע פאָרמען, און יעדע פאָרם לעבט און אָטעמט און באַוועגט זיך מיט איר אייגענעם ריטם.

נישט קיין שוואונג, פאַנטאַזיע, בילדערישקייט און פאַרגלייך, — נאָר ריטם פון וואָרט און קלאַנג, הויבט־אויף זיין ליד אין וויטן און אין הויכן.

ווי אַ מוסטער פון זיין וואונדערלעכער ריטמיק, קען דאָ דינען אַ סטראָפע פון זיין פּאַטעטיש, שטאַרקע ליד „אויפן בוזים פון ים״. דער דיכטער שילדערט, ווי עס ראַנגלט זיך אַ שיף אויפן ים מיטן שטורעם:

„אָט מוז זי זיך לייגן, אָט מוז זי זיך שטעלן,
אָט טרייבט עס צוריק איר, אָט טרייבט עס פאָראויס, —
אַ שפּילכל איז איצטער די שיף ביי די וועלן,
זיי שלינגען זי איין — און זיי שפּייען זי אויס״.

דער ריטם פון ווערטער גיט איבער דאָס בילד, פון דער שיף, וואָס וויגט זיך און לייגט זיך און שטעלט זיך; ווי עס טרייבט איר צוריק און ווי ס'טרייבט איר פאָראויס. אַ שורה וואָס וויגט זיך, באַווייזט, ווי די שיף איז אַ שפּילכל ביי די וועלן. אַ אינטער־וואַל אין דעם גאַנג פון אַ שורה — און ס'זעט זיך דאָס מוראדיק בילד, ווי עס שפּילן זיך די כוואַליעס מיט דער שיף, ווי זיי שלינ־גען זי איין — און זיי שפּייען זי אויס.

„עס רוישן אין שאָפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפּטמאָל פאַרגעס איך אין רויש דאָס איך בין״. — — —

דער קורצער און קלאַפּנדיקער ריטם פון ווערטער, גיט איבער דאָס לעבן פון סוועט־שאָפּ, וואו מענטשן וואָס אַרבעטן גיך, אין געאייל, אין געיאָג, אָן חשבון, אָן אויפהער, פאַרלירן דעם „איך״, ווערן בטל און ווערן אַליין — אַ מאַשין.

צוויי מאַרשן. דער ערשטער — „אַ גלות־מאַרש״.

„מיט דעם וואַנדער־שטאָב אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד — — —
אימער וויי, וויי, וויי,
אימער גיי, גיי, גיי״ — — —

אַ ריטם פון מאַרש. אָבער אַ מאַרש מיט איילנדיקע, קליינע טריט. גלותדיקע, אומרואיקע, אַנטלויפנדיקע, זוכנדיקע טריט.

דער צווייטער — אַן אַרבעטער־מאַרש.

„מיר זענען סאָלדאַטן אין פרייהייטס־אַרמיי
און שטייען גאַנץ פעסט אין די רייען״ — — —

מען שטייט אין די רייען — דאָך איז אויך דער שטיין דאָ — אַ מאַרש. עס פילט זיך און עס הערט זיך דער גאַנג פון באַפרייער. די פעסטע, מאַרשירנדע טריט פון די פרייהייט־סאָלדאַטן. די ווערטער, זיי קלאַפּן אַזוי ווי אַ פּויק און שפּרייטן זיך אויס ווי אַ פאָן אין פאַראויסן. די שורות — זיי ציען זיך פעסט אין די רייען. דער ריטם איז האַרט, אָבער קרעפטיק און מונטער.

אַזוי איז דער כח פון ראָזנפעלדס וואָרט און ראָזנפעלדס ריטם.

אָבער דאָס איז בלויז די איין זייט פון זיין קינסטלערישן פנים.

און ווידער וועגן דעם דערמאָנטן דואַליזם.

ער איז געווען דער דיכטער־פענאָמען פון — סתירות. אַ „ויתרוצצו״ פון אידעאָלאָגיעס. אָט איז ער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַל — און באַלד — ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַל. אָט איז ער סאָציאַליסט, צי גאָר אַנאַרכיסט. — און שפּעטער — ציוניסט. אַפּאָטעאָז פון

אַרבעטער, דער ערשטער מאַי, די רויטע פאָן — און הימנען צו דעם שופר, סוכה, אתרוג; די האַרפּע און דער סידור, און גאָר — דער אידישער מאַי. „יוניאָן" און — „מתן תורה". פרייהייט־לידער און די נאַציאָנאַלע האַרפּע. „פאָראויס גייט אונדז מאַרקס מיט זיין מעכטיקער פען" — און — „גאָט און די כנסת ישראל"...

אַ קאַליידאָסקאָפּ פון זשאַנרען און געביטן: לירִיק און פּאַטאָס, עלעגיע און סאַטירע, עפּיגראַם און הימן, ליד און פּראָזע.

דער ים פון סתירות אין דעם עצם פון זיין דיכטונג: זאַפטיק־רייכע שפּראַך און — אויסגעדראָשענע מליצה. קערנדיקער אידיש און — רוסיציזמען און דייטשמעריזמען. דינער, לירישער מאָטיוו און — „עס שרייען קלוגע טעאָלאָגן: „געוואַלד, אַ בתולה קען ניט טראָגן!" זמירות און — קופּלעטן. נבואה און — גראָבע רייד. אויסגעהאַמערטע פאָרם און — שטאַמפּ. מייסטערשאַפט פון גראַם און — „דען באַלד וועלן ווערן פּאַראַדקעס — — — און אי מען מאַכט שווער די פּאַדאַטקעס". קאָנדענסירט, שאַרף און — שלאַ־בעריק, צעפלאָסן און צעגאָסן. פאַרשידנגאַמיקער, לעבעדיקער ריטם און — „אומ'טיק זיין" און „עד'לער טאַט" און „ליכט'גען שויס". לידער — מאָנומענטן און — בדחנות.

אַ באַרג מיט פּסולת, וואָס פאַרשטעלט דעם היכל פון נגינה. אַ חורבע פון באַלאַסט אויף ליד פון ניט פאַרגענגלעכקייט.

די אַלע סתירות האָבן, נאַטירלעך, שטאַרק פאַרטונקלט זיין געשטאַלט. — זיי האָבן אָבער ניט צעריבן אים אין ראָד פון צייט. ער האָט דערגרייכט די נישט פאַרגענגלעכע מדרגה, פון באַווייזן ווידער זיך, און לאָזן זיך ד ע ר ז ע ן אין גרויסן שיין פון עכטקייט.

ווייל ער געווען איז פּיאָנער און קינסטלער. ווייל ער'ט גע־שמידט דאָס נייע ליד און קולטיווירט דעם תוך און פאָרם. ווייל ער'ט געקלאַפּט מיט פויסט און קאָפּ און לעבן אין פעלז פון אונדזער אידיש לשון, — און עס האָט פון פעלז גענומען ריזלען...

אין זיין אומעטיקן לעבן האָט ער איינמאָל יאושדיק אַזוי גע־זונגען:

„דערפאַר פאַרגיי איך אָן אַ צייט,
דערפאַר וועפּט אוים מיין לעבן:
וואָס קענען מיר די אָרעמע לייט
פאַר אַ באַלוינונג געבן?"

ער האָט ניט זוכה געווען צו דערהערן דאָן דעם בת־קול: די באַלוינונג פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט אויסגעוויינט די אויגן פאַר די אָרעמע לייט — אַז נאָכן טויט שטייט ער ווידער אויף צו לעבן.

דוד פינסקי

אפשר איז דאָס ניט קיין צופאַל, וואָס זיין ערשטער טריט אין דער אידישער ליטעראַטור איז געווען אַ קריטיש־פּאָלעמיש אַרטיקל, וואָס האָט דאַן אויפגעריסן דעם דאָגמאַטישן קאָנסערוואַטיזם ביי אידן. דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווען — דאָס ערשטע פּינטל פאַר דער ליניע, דער סימן, וואָס האָט גלייך באַוויזן זיין סאָציאַל־עטישן כאַראַקטער און באַרוף.

סאָציאַל־עטיש איז ער אין גאַנצן ווייטערדיקן שאַפן — אַלס דערציילער און דראַמאַטורג. אין דעם טרעפן זיך צונויף די שטאַרקע און שוואַכע פּונקטן. טאַקע צוליב דעם טרעט אָפּ אַמאָל דאָס פּאָזיטיווע און ס׳קומט דאָס נעגאַטיווע. דער זייטיקער, רעטאָרישער עלעמענט מאַכט וואַקלען אָפּט צו שטאַרק די וואָגשאָל פון קינסטלערישער דערגרייכונג. דאָס טרעפט ביי אים אין קלענערער דערציילונג און דער עיקר אויפן שטח פון ראָמאַן און דראַמע, וואו צוזאַמען מיט די לעבעדיקע מענטשן, וועלכע ריידן אַ נאַטירלעך לשון, טרעטן אויף אין אַ רעאַלער האַנדלונג, — פּלאָנטערן זיך אויך, ווי זייטיקע, סכעמאַטישע פיגורן, וואָס האָבן ניט קיין ראָל און אויך ניט קיין שליחות, נאָר דאַרפן זיין פּאַרמענטשלעכטע פּראָבלעמען און באַגריפן. פּינסקיס כח איז — צו טראָגן מענטשן א י־ב ע ר די פּראָבלעמען און ניט דעם מענטשנשטאָף צו פּראָבלעמאַטיזירן. דערפאַר איז „יענקל דער שמיד״ רעאַלער און אמתדיקער ווי „דער שטומער משיח״, וואָס ווערט ניט וואָרהאַפטיק אפילו דורך זיין טראַגיזם; און „אייזיק שעפטל״ איז, אין געשטאַלט און האַנדלונג, אַקטועלער און אויך פּראָבלעמאַטישער ווי ר׳ משה פון „פאַמיליע צבי״, וואָס איז ניט קיין פיגור, נאָר אַ פּראָבלעמאַטיזירטער נוסח פון אַ לאַנגער דרשה...

סאָציאַל־עטיש איז פּינסקי שטענדיק אין זיין טעמאַטיק און אין דעם אופן ווי ער ווענדט זי אָן. עס ליגט אין זיין נאַטור, אויפצוכאַפּן, נישט דאָס סטאַטישע, האַרמאָנישע, אידילישע פון לעבן; נישט אויפצונעמען דערשיינונגען אין שיין פון גאַנצקייט, גלייכקייט און דערגרייכטקייט, — נאָר דווקא זען דערשיינונגען אוו

מענטשן אין דינאַמישן פּראָצעס פון קאַמף, געראַנגל, קאָנפליקט און סתירה. דערפאַר זיין סוביעקטיווקייט, וואָס עס לאָזט זיך פילן דורך די רייד פון זיינע העלדן, אין דער האַנדלונג, אין דער סיטואַציע; דערפאַר זיין פּערמאַנענטע ראָל אַלס שטראָפער, וואָרנער, מאָנער, פּראָטעסטירער און פאַרביינער; דערפאַר זיין טאָן און לשון, וואָס זענען הייס, דערהויבן און פּאַטעטיש, און זיין גרונט־נטיה — צו דראַמאַטיזירן.

ער איז בטבע נישט קיין עפּיקער, וואָס שילדערט און דער־ציילט, און שטעלט זיך אָפּ אויף קלענסטע פּרטים; און נישט דער ליריקער פון טענער און פון פאַרבן, — נישטאָ ביי אים קיין איין נאַטור־שילדערונג; נישטאָ ביי אים דער „טיפּ“, וואָס הויבט זיך אַרויס און שטייט באַזונדער, — זיין כח ליגט אין דער דראַמאַטי־שער עלעמענטישקייט, וואָס אין דעם גאַנג פון האַנדלונג, רייד און סיטואַציע, שפּילן ניט קיין ראָל די קליינע פּרטים און — פון דער צווייטער זייט — האָבן אויך אַ ראָל די מינדערוויכטיקסטע פאַר־שוינגען.

דערפאַר אין דער דערציילונג און נאָכמער אין דער דראָמע — נישט דער טיפּ פון סביבה און פון שטייגער, נאָר דער „העלד“ פון מדות און נטיות, די געשיכטלעכע פיגור, אָדער דער פאָרשטיי־ער פון אידייע, אידעאָלאָגיע, באַוועגונג.

די דראַמאַטישע פאָרם, וואָס גיט דאָך אייגנטלעך פאָרשטעל, לעבנס־שפּיל און לעבנס־אַקציע, דינט אים זייער אָפט אַלס מעדיום, אַריינצוטייטשן זיינע אייגענע אידייען און פּראָבלעמען, מאַנעוור־רירן מיט די פּערסאָנאַזשן, אַז זיי זאָלן אויספירן אַ פאָראויסבאַ־שטימטע שליחות. טרעפט עס גאָר אָפט, אַז זיי פאַרלירן זייער אייגנטימלעך לשון, אָדער האָבן עס לכתחילה ניט, מחמת דורך זייער מויל רעדט אַרויס אַן אַנדערער — דער, וואָס טראַכט זיי אויס. אָבער ס׳טרעפט אויך, אַז דער דראַמאַטורג האָט לכתחילה ניט אין זינען, אָדער פאַרגעסט לחלוטין די טענדענץ פון דורכפירן אַ סאָציאַלע אָדער אַ נאַציאָנאַלע פונקציע, — דאַן האַנדלען שוין די פּערסאָנאַזשן אויף זייער אייגענער אחריות; און אויב זיי פירן אויך אפילו דורך די זעלבע פונקציע, איז נישט ווי שלוחים, נאָר פריי און אומאָפּהענגיק, מיט אייגן ווילן, באַוואוסטזיין, לשון, איינ־

טאַנאַציע, זיי זענען ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אויפגעלעבט־געשאַפענע דורך דעם קינסטלערס אינטואיציע, און האָבן זייער אייגענעם זכות און רעכט און בחירה.

* * *

דער שטייגער־קינסטלער איז מקפיד אויף אומבאַדייטנדסטע פּרטים. די דעטאַל ווערט אָבער ביי אים אַזוי געכאַוועט, עמאַציאָנעל געזעטיקט, אַז זי ווערט פאַר זיך אַליין באַדייטנד: כאַראַקטעריזירט, באַטאָנט, באַלויכט און ווערט צוזאַמענשפּיל און גאַנצקייט פונם בילד, צי פון געשטאַלט.ביים עטיש־אידייאישן שרייבער ווערן פּרטים אוטיליזירט, ווי רעמאַנענטע מיטלען, כדי אַרויסצוברענגען דעם אַלגעמיינעם צוועק, וואָס וועגט אַראָפּ מיט דעם געוויכט פון תכלית. דער „ווי״ איז נאָר אַ ביי־זאַך צו דעם „וואָס״. די איינצלהייט איז נאָר אַן עפּיזאָד אין דעם שרייבערס לכתחילהדיקן עטיש־אידייאישן איינשטעל.

פּינסקי שפּילט זיך ניט מיט קיין פּרטים, נאָר מישט זיי איילנדיק, טוישט זיי אימפּעטדיק, כדי זיי זאָלן גיכער אים דערפירן צום קלימאַקס פון אידייע, צו דעם וואָגיק־אָנגעלאָדענעם מוסר־השכל. אפילו דער קאָנפליקט פון קעגנזאַצן, וואָס מאַכט די סיטואַציע דינאַמיש, פּייערדיק, דראַמאַטיש, — שטויסט ניט אַראָפּ די פּראָבלעמאַטיק פון איר דרך, פאַרהאַלט זי ניט, נאָר שטופּט איר אין גאַלאָפּ פון איר שליחות.

אין פלוג, אַ רעאַליסט, וואָס זיין דערציילונג און נאָוועלע זאָגן עדות — האָט ער אַריינגעבראַכט אין זיי אַ נייעם טאָן, וואָס מאַכט דעם רעאַליזם אַנדערש; אַ רעאַליזם, וואָס עס איז — דער עיקר אין דער ערשטער פאַזע פון זיין שאַפן — געווען דורכאויס דראַמאַטיש.

אין זיי — אין די **דערציילונגען פון אַרבעטער־לעבן** — איז שוין אַנטפּלעקט די ליניע פון זיין ווייטערדיקן דרך, דאָס וועזנטלעכע פון זיין שאַפן.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז־צו צו דער פּראָבלעם — דירעקט. דאָס לעבן פון דעם אידישן אַרבעטער, אין די 90־קער יאָרן, איז ניט געווען ביי אים אַ ביי־מאָטיוו צווישן אַנדערע מאָטיוון, נאָר ערשטער גרונט־מאָטיוו און לעגיטימאַציע אין זיין

שאַפן. דאָס דאָזיקע לעבן, אַ מוראדיק־אומהיימלעכע דערשיינונג, וואָס האָט אין פלוג אַזוי געשטאַכן די אויגן, איז דאַן נאָך ניט געווען אַנטפּלעקט פאַר קיינעם ווי אַ סאָציאַלער ענין, און קיינער האָט עס ניט געבראַכט צו ווערלכן ניט איז אויסדרוק. דער יאָמער־טאָל פון לעבן, ביי אידן פונקט ווי אומעטום, איז איזאָלירט געווען, און קיינער האָט קיין צוטריט ניט געהאַט, און אפשר אויך קיין ווילן, צו איינבויגן זיך אַהין־צו, מיט ליבשאַפט, מיט טרייקייט, אויפ־נעמען די פאַרצרהטע, פאַריאָכטע און אויסגלייכן זיך מיט זיי אינ־איינעם. דער העכסטער אויסדרוק איז געווען — רחמנות. מ׳האָט פאַרדייט די זאַטקייט מיט — רחמנות; און יוצא איז מען געווען, וואָס מ׳האָט צונויפגעקנאָטן ס׳גאַנצע פאָלק, מיט אַלע זיינע קלאַסן, און מען האָט אויך געהאַט אויף אים — רחמנות. אַזאַ באַציאונג קען זיך יעדערער פאַרגינען. ס׳רופט ניט אַרויס קיין פליכטן, קיין אחריות. און אויב עס זענען דאַן געווען ביי אידן אויך אַזוינע, וועל־כע האָבן געפילט דעם גרויל פון דער דערשיינונג, איז דאָס נאָר גע־ווען ביי זיי ס׳געפיל וואָס יורדט אין טיפעניש, פאַרהוילן און באַ־האַלטן, און האָט אַרויסגעשאָסן ערשט מיט יאָרן שפּעטער.

פּינסקי איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דערזען און פאַרפיקסירט די דאָזיקע דערשיינונג; וועלכער האָט דערשפּירט און אַרויסגעפירט אויפן ליכטיקן שיין די דיפערענצירונג פון דעם אי־דישן אַרבעטער, אויב נישט אַלס קאָלעקטיוו, צי קלאַס, על כל פנים אַלס יחיד־האָרעפּאַשניק, פון ספּעציפישן כאַראַקטער. ס׳איז ניט זיין שולד, וואָס עס ווערט דורך אים געשילדערט, נישט דער „מיוחס־דיקער” פּראָלעטאַר פון פאַבריק און זאַוואָד, — נאָר דער נעבעכ־דיקער, קבצנישער אַרבעטער און סתם־אָרעמאַן, — אַזוי האָט דאַן דאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט! — און אפשר טאָקע צוליב דער ספּעציפישקייט פון דעם אידישן אַרבעטער אין יענער צייט, איז שווערער נאָך געווען די אויפגאַבע און ראָל פון קינסטלער, און אומגעהויער גרויס — דער אויפטו; און דערפאַר ממילא אין דער פאַרפיקסירונג גופא אַזוי בולט — די מעלות און חסרונות. די אויפגאַבע — צו פאַרנאַטירלעכן די ספּעציפיק, פאַר־מירן דעם רויען, צעשטויבטן מאַטעריאַל, אַרויסשיילן פון דעם דער־שלאָגענעם קערפּער — דאָס שטיקל נשמה. דער אויפטו — אַרויס־

צופירן נייע געשטאַלטן, אין אַ נייעם שיין פון בונטאַרישקייט, העזה, ווירדע. די מעלות — נישט אידעאַליזירן, נאָר רעאַל שיל־דערן. געבן נאַטירלעך לשון, לעבעדיקן דיאַלאָג, האַנדלונג, סיטו־אַציע. די חסרונות — דער מעטאָד פון פרימיטיוון ראָמאַן—איבער־צוזאַלצן; אַנטקעגן שטעלן מלאך און שד, מער נישט מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ טריאומפירט קיינמאָל ניט די טוגנט, נאָר די רשעות; דער מאַניר, אָנצוואַרפן צו־פעטע, צו שרייענדיקע פאַרבן; דער שטייגער, אַרויסצוברענגען זייער אָפט נאַאיווע האַנד־לונג, איבערגעטריבענע אידיאַמאַטיק און פרימיטיווע אילוסטראַציע. און מער פון אַלץ — די צו־שווערקייט און צו־שרעקלעכקייט פון יעדער סצענע־דערציילונג, וואָס שאַפט אַזאַ מאַוימדיק בילד פון אידישן אַרבעטערס לעבן, וואָס איז שוין צו אומהיימלעך אפילו פאַר יענער צייט.

מען דאַרף אָבער אין זינען האָבן, אַז די דערציילונגען זענען געשריבן אין די 90־קער יאָרן, — מיט העכער פיר צענדליק יאָר צוריק. און — ווי פרעמדלעך זיי זאָלן שוין ניט זיין פאַר אונדז מיט זייער תוך און אופן—רעגן זיי נאָך אויף אויך היינט און דערשי־טערן. ס׳באַווייזט, דעם כח פון אַן עטיש וואָרט, וואָס איז ניט צו פאַלירט, נאָר איז פולבלוטיק, הייס און וויטואַל־באַצווינגענדיק; און נישט אַ פלירט, נאָר אַן איינשטעל פאַר אַן אידייע, וואָס האָט זיך טאַקע נאָכדעם אויסגעצייטיקט און אויסגעשטאַלטיקט.

דער אידישער אַרבעטער ווערט ביי אים געזען אונטער טאָפעלן אַספעקט פון גרוילעוודיקייט. דורך אים ווערט עקספּאָזיטיוו אַ סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון ברייטערע שיכטן — די אידישע אָרעמ־קייט בכלל. צווייפאַכיק איז די טראַגישקייט; אָבער די אומשטענדן ציען זיך פון איין און די זעלביקע וואָרצלען. די אידישע אָרעמ־קייט איז אַ „טראַדיציאָנעלע״. זי פאַרמאָגט אויך איר באַזונדערע שאַרפקייט, בולטקייט, איר ספּעציפיש לשון. די פּסיכאָ־פיזישע אַנ־טאַגאָניזמען טרעטן אַרויס אין מוראדיקסטער האַרטקייט און האַרב־קייט. ממילא איז די שילדערונג, די דערציילערישקייט, אַרויסגעע־וואַקסן אָרגאַניש, אָן שום באַפוצונג. די איינציקע „באַפוצונג״ איז — דאָס אידיאָמאַטיש וואָרט, דאָס רוי ווערטל, די האַרבע קללה, דער אומהיימלעכער שיין פון דער סיטואַציע. דער הויפּט־קאָמפּאָ־

נענט אין זיין טיפּאַזש איז דער אַרבעטלאָזער, דער הונגעריקער, דער משרת; דאָס משרתדיקע אין דעם צושטאַנד בכלל. די אַטמאָספער איז אָנגעדעמפּט מיט ביטערניש, בייזקייט, כעס, פּראָטעסט. ס׳איז אַ געראַנגל דורך פּרימיטיווע מיטלען: מיט אַראָפּריידן זיך פון האַרץ, מיט אָנווענדן אַ גראָב וואָרט, מיט אויסלאָזן דעם כעס צו אַ שוואַכערן פון זיך, מיט אָפּטאָן אַ „שפּיצל" סתם אין דער וועלט. די נויט קרעמפּט זיי איין, ווי די נעגל פון אַ לאַפּע — שרייען זיי, שילטן זיי, מאַנען זיי. דער הונגער מאַטערט — לויפט מען אום צערייצטע, וויל מען עפּעס טאָן, וואַרפט מען אַ שטיין, גיט מען אַ זעץ אַ הינטל, אָדער — פּאַלט מען און מען הויכט אויס די נשמה. ס׳איז ווידערשטאַנד — מיט ווערטער, מיט נעבעכדיקע מעשים; פּראָטעסט — מיט אויסשפּייען אַ קללה און — דאָס אייגן שטיקל האַרץ.

דאָס איז צו זען אין פּינסקיס גאַנצן קאָמפּלעקס פון טעמאַטיק.

„אַ מעשה מיט אַ הונגעריקן". — איציע האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד גאָרנישט אין מויל געהאַט, דאָס הייסט — געהונגערט. אויפן דריטן טאָג האָט ער אויסגענאַרט ביי אַ חדר־אינגל זיין אָנבייסן — צוויי קליינע קיכלעך מיט פּוטער — און אויפגעגעסן. דאַן איז ער געוואָרן בייז: די קיכלעך האָבן אים געקלעקט אויף אַ צאָן. אָבער דאָך האָט ער איצט געהאַט אַביסל כח בייז צו זיין. און ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט צו טאָן שלעכטס. די ערשטע זאַך — האָט ער אַ זעץ געטאָן דער באַלעבאָסטעס קליין הינטל, וואָס זי האָט געהאַלטן טייערער פאַר אירע אייגענע קינדער. דאָס הינטל לאָזט זיך מיט אַ קוויטשעריי. איז אים דאָס נאָך ווייניק — רייסט ער אויס אַ שטיין און טוט אַ שליידער — טרעפט אין טיר פון סימקין דעם אַדוואָקאַט. איציע איז צופרידן, ווייל עס וואָלט אים אויך ניט געאַרט, ווען ער טרעפט סימקינען און סימקיניכן אין קאָפּ... ווערט ער בייזער. פילט, אַז דאָס זענען קלייניקייטן. — גייט אַרויס פון הויף. לאָזט זיך גיין — וואו די פיס טראָגן. די פיס — ווי קלעצער. קען זיי קוים הויבן. מען דאַרף זיי אָבער אָנוואַרמען. גייט ער און ווייס ניט — וואו ער גייט. בלייבט ער שטיין אויפן מאַרקפּלאַץ. אַרום איציען זענען געגאַנגען, געאײלט, געלאָפן אַלערליי

מענטשן, מיט געפּעק און אָן געפּעק. יעדער האָט זיך אָנגערירט אָן אים, אַ שטויס געטאָן אים, — אָבער ער איז געשטאַנען רואיק, אָן באַוועגונג. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס אַליין איז שוין אַ גוטע זאַך; אַז דערמיט אַליין טוט ער שוין רשעות. די אויגן בלאָנ־דזשען, זוכן. זיי שטעלן אָפּ זיך אויף די ברויט־קראָמען און די וועקסל־געשעפטן: — ווי גוט וואָלט זיין, ווען ער קען אַוועקשלעפּן אַ פּעקל אַסיגנאַציעס! — אַ טרעגער גייט פאַרביי מיט אַ גרויסן קאָסטן — פאַרטשעפּעט אים. פאַלט ער אָן אויף אים און נעמט אים זידלען. ענטפערט יענער אים נאָך בעסער. בלייבן ביידע שוין חלילה ניט קיין בעלי־חובות... קאַפּלון דער קרעמער שרייט אויף אים, וואָס ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און לאָזט מענטשן נישט גיין. איציע ענטפערט אָפּ. יענער הייסט ברענגען אַ „גאָראָדאָוואָי“. איציע בלייבט שטיין. דער „גאָראָדאָוואָי“ הייסט אים אַוועקגיין. איציע פאָלגט ניט. דער „גאָראָדאָוואָי“ טוט אַ הויב זיין „שאַשקע“. איציע האָט געפילט, אַז ער דאַרף בלייבן שטיין. נאָר עפּעס האָט אַ ריר געטאָן די פיס. דאָס איז געווען דער אינסטינקט, אַז אַ „גאָ־ראָדאָוואָי“ מוז מען פאָלגן... ער גייט אַוועק. ווידער אין גאַס. איב־גאַנצן דערפראָרן. די פיס ווי אָפּגענומען. ס׳וואָלט גוט געווען אויס־צוציען זיך אַביסל! — אָבער ער מוז דאָך זיין אין גאַס, ווייל ער איז בייז און וויל עפּעס אָפּטאָן. נאָר די שווערע פיס ציען אים צו זיין דאַך־שטיבל, וואו עס איז שרעקלעך קאַלט. וואו עס רוישט און פייפט דער ווינט. — — —

אויפן וועג צום שטיבל קערן די פיס איבער אַ פּאָמויניצע און טוען אַ זעץ אַ קאַץ. זיי טוען אַ שטופּ די טיר, וואָס גיט זיך אַ ריס און שלאָגט זיך־אָן אין עפּעס אַ ווייכער זאַך... די ווייכע זאַך פאַלט— און די פיס האָבן געדאַרפט אַריבערטרעטן איבער אַ קופּע לומפּן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרמעט־געלע, איינגעקנייטש־טע, קליינטשינקע צורה פון אַן אַלטער, איינגעהויקערטער אידענע. — דאָס איז געווען די טויב־שטומע באַלעבאָסטע פון זיין דירה. — די פיס זענען שוין געווען אין בעט. ער איז אָפּגעשלאָפן אַ היפּשע צייט. אויפגעכאָפּט זיך. „אַ שטיקל ברויט!“ איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ. „ביי דער שטומער מכשפה!“ — האָט ער אַ טראַכט גע־טאָן. ער הויבט זיך אויף. גייט אַריין צו דער באַלעבאָסטע אין צי־

מער. די קופּע לומפּן איז געזעסן ביים טיש, איבער אַ קוואַרט וואַ־סער, אין וועלכן עס זענען געווען אָנגעבראָקט שטיקלעך פּאַרדאַרט ברויט. ער איז צו; באַוויזן איר מיט די פינגער, אַז ער איז הונ־געריק און וויל אַ שטיקל ברויט. זי האָט אָנגעהויבן בילן... האָט ער אַ ריס געטאָן די קוואַרט פון אירע הענט, אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט און אַריינגעשטופּט אין מויל. די לומפּן האָבן אים אַרומגעכאַפּט מיט אַ יאָמערלעכן בילן און געצויגן זיך צו דער קוואַרט. האָט ער אויפגעהויבן די קוואַרט און געקייט. דער ערשטער ביסן האָט אים צערייצט. האָט ער אָנגעהויבן שנעלער עסן, ער האָט כמעט געשלונגען נישט צעקייטערהייט. די אַלטע האָט געבילט און געוואָיעט מיט אַלע כחות און געשלעפּט אים די הענט. ער האָט זי אַ שטופּ געטאָן. זי איז געפאַלן אויף די קני, האָט אַרומגעכאַפּט זיינע פיס און מיט אַ ווילדן סאָפּען און כראָפּן איינגעגעסן זיך אין זיי מיט איר מויל, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען נאָר צוויי זיי־טיקע ציינער. ער האָט זי צוגעדריקט מיט די קני צו דער ערד און אַרויפגעזעצט זיך אויף איר. די אַלטע האָט זיך נישט געקענט אַ ריר געבן. — איצט וועט ער רואיק עסן! אַריינגעשטעקט די האַנט אין קוואַרט — נאָר שוין גאָרנישט געפונען. אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן: „נאָך ברויט, מכשפה!" אַ שטויס געטאָן זי מיטן פוס, אויסגעגאָסן אויף איר די קוואַרט וואַסער — און גענומען זוכן ברויט, גאָרנישט ניט געפונען. איבערגעקערט די גאַנצע שטוב, צעבראָכן דעם איינציקן שטול. — די אַלטע האָט אים אָנגעכאַפּט און גענומען שלעפּן — האָט ער זי אַ שטויס געטאָן. די אַלטע איז געפאַלן מיטן קאָפּ אָן אויוון און האָט משונהדיק אָפּגעקרעכצט. — האָט ער זיך דערשראָקן, דערנענטערט זיך. זי האָט זיך גענומען רירן אויפצוהויבן זיך. — ער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. — — — —

דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער דערציילונג, איבערגעגעבן כמעט אין זעלביקן כאָטש רעדוצירטן נוסח. אָבער ס'קלעקט. אויך אין די דאָזיקע עפּיזאָדן ליגט די גאַנצע קראַפט און ס'זעען זיך אַלע גע־זונטע און שוואַכע עלעמענטן פון פינסקיס דערציילערישקייט. דאָס גרויליק בילד, די שרעקלעכע סצענע, די שוידערלעכע פּרטים, די פעטע פאַרבן, די דראַמאַטישע סיטואַציע, די רעאַלע, כמעט נאַטור־ראַליסטישע שילדערונג, דאָס שרייענדיקע אומרעכט, וואָס שיסט

אַרויס פון דער אידייע. — און אויך די חסרונות: נישט קיין אויסגעטראַכטקייט — נאָר איבערטריבנקייט און אָנגעלאָדנקייט פון דער שילדערונג. און נישט ווייל — ס׳איז נישט „עסטעטיש״, נאָר ווייל עס איז צו געדיכט, צו האַמעטנע און צו פּרימיטיוו געצייכנט.

אויף אַזאַ שטייגער, הגם אויך אין אַנדערע שטילערע, רירנדיקע שאַטירונגען, זענען אַלע איבעריקע דערציילונגען. זייער זכות און ווערדע באַשטייט אין דעם, אַ חוץ וואָס זיי האָבן קינסטלערישן אָטעם, איז עס די ערשטע סאָציאַל־אַקצענטירטע, רעוואָלוציאָנער־סימנימדיקע געשטאַלטונג אין דער אידישער ליטעראַטור. פּינ־סקיס ליטעראַרישער אָנהויב איז פּאַקטיש געווען די התחלה פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אידיש, נאָך איידער מ׳האָט נאָך אפילו געחלומט פון אַזאַ מין קלאַסיפיקאַציע.

די שפּעטערדיקע דערציילונגען באַהאַנדלען שוין גאָר אַנדערע ענינים. אין זיי טרעט אַרויס די זעלביקע אידייאישקייט, נאָר אַק־צענטירט אויף דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן מאָמענט. אין זיי ווערן טראַנספּאָנירט אידיש־היסטאָרישע געשעענישן און געשטאַלטן. אין זיי גילטן אַלגעמיינע טעמעס. — די דערציילונגען זענען שטילער, געצוימטער, געלייטערטער און — גלאַטער. זיי זענען אָבער ניט אַזוי כאַראַקטעריסטיש און אייגנטימלעך, ווי די פריערדיקע מאָ־טיוון פון אַרבעטער־לעבן, אין וועלכע ס׳האָט דאָמינירט דאָס דראַ־מאַטיש־פונקציאָנעלע, און וואָס האָבן הייס געאָטעמט מיט רויען, ווילדן כח.

אויפן זעלביקן ניוואָ ווי די שפּעטערדיקע דערציילונגען, זענען אויך פּינסקיס ס׳רוב ראָמאַנען, ווי למשל, „דאָס הויז פון נח עדאָן״ און „אַרנאָלד לעוונבערג״. רואיקער, גלאַטער, עקזאַקטער אין לשון. אָבער די פּאַבולע שוין ווידער דראַמאַטיזירט. די לכתחילהדיקע גלייכע פּעדים, וואָס ציען זיך פון דער שילדערונג־דערציילערישקייט, נעמען ביסלעכווייז זיך דרייען און פּאַרדרייען, נעמען קניפּן זיך איינע אָן די אַנדערע — און ס׳ווערט אַ היפּשער פּלאָנטער. אַ פּלאָנטער פון קאָנפליקטן, צוזאַמענשטויסן, פּאַסירונגען, פּיקאַנטע, שפּאַנענדיקע, מיט קניפּלעך, קנופּן, וואָס מערן זיך און ציען זיך

אַזוי לאַנג, ביז זיי פּלאָנטערן זיך אַריין אין לעצטן קנופּ. ס׳איז אַ דראַמע בתוך דראַמע. ס׳איז קלימאַקס, וואָס איז אַלץ געטאָפּלט.

* * *

דאָס עטיש־אידייאישע — און קינסטלערישע — וואָס האָט פּאַרפונקציאָנירט בכח זיין דערציילונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן בפועל אין זיין ד ר אַ מ ע. דאָ איז שוין ניט געווען קיין ווינקל, קיין פּעריפעריע, — נאָר רחבותדיקע סביבה, ווייטער שטח. דאָ האָט זיך שוין ניט געפילט די נאָענטקייט פון דעם קינסטלער מיט זיין אָביעקט פון שאַפן, — עס איז געלעגן שוין אַ היפּשע דיסטאַנץ, וואָס האָט אָביעקטיוויזירט די סיטואַציע און פאַרשוינען, און האָט אַרויסגעפירט די אידייע אין אויסגעברייטערטע ספערן. דאָ איז שוין ניט געווען דער ענגער קרייז פון דערשלאָגענע יחידים, וואָס האָבן אויסגעצאַפּלט זייער אָרעם לעבן אין די פּענטעס פון אומ־שטאַנד, און אפילו זייער ווידערשטאַנד האָט אַנגעשלאָגן זיך אָן ראַנד פון זייער אָרעמאַנסקער געטאָ, — דאָ האָט שוין דער א ו מ־ ש ט אַ נ ד אַרויסגערופן א ו י פ ש ט אַ נ ד, פּסיכאָלאָגישער און פּסיכאָ־פיזישער ; די צוזאַמענשטויסן — רעזאָנאַנסן ; די קאָנ־פליקטן — ווייטע שפּרונגען ; אַנשטאָט כונות און יחודים פון יחידים — פאַקטועלע סצענעס און באַשיינפּערלעכע מעשים פון יחידים און פון מאַסן. דאָ ברויזן ליידנשאַפטן, דאָ בייטן זיך פּאַ־סירונגען און ס׳וואַקסן אויס — געשעענישן. דאָ פילט זיך דער טעמפּאָ פון צייט, דער אָטעם פון עבר, די טריט פון צוקונפט. דאָ פיגורירט דער יחיד און דאָס פאָלק, דער דורכשניט־מענטש און גאַנצער קלאַס. דאָ קומט צום אויסדרוק סיי די סאָציאַלע און סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די אינדיווידועלע און סיי די אַלמענטשלעכע דער־שיינונג און באַוועגונג. דאָ איז אויך פילפאַרביקייט, פּערספּעקטיוו, פאַרטיפונג.

ס׳איז ניט געדרונגען, אַז ביי פּינסקין איז פאָלקאַמע כסדרדיקע דערגרייכונג: נישט אַלע מאָל איז ביי אים דאָס דראַמאַטישע — קאָניוקטיוו־סינטעטיש ; דאָס אידייאיש־תכליתדיקע — דורכגעפירט בתכלית השלימות. די סוביעקטיווע אַריינטייטשונג שטערט געוויס די אינדיווידועלע כאַראַקטעריזאַציע ; די פּאַראַלעגמיינערונג וואַשט אַמאָל אַראָפּ דאָס טיפּישע. עס פילט זיך אָפּטמאָל אַ מעכאַניזאַציע

אין לשון, ווי דער דיאַלאָג, שמועס און רעפּליק וואָלטן געגאַנגען אויף שטאָלצן. אין דעם פאַרפלאָנטערטן קנופּ פון דער האַנדלונג, טרעפט אַז ער מוז אָנקומען, אַנשטאָט ווי אַמאָל צו דעם „דעאוס עקס מאַשינאַ" (גאָט פון מאַשין) — צו דער אידייע פון מאַשין. — אָבער די אַפּערפּעקציע ש ט ע ר ט, נאָר צ ע ש ט ע ר ט ניט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, די אוממיטלבאַרקייט פון איינדרוק, דעם אויסגאַנג־פּונקט. ס'איז שטענדיק דאָ דער פּלאַן און שטענדיק דאָ דער סדר. — אין דער סצענישער קונסט איז פּינסקי מער דער בקי, ווי דער חריף. דער חריף האָט ניט, אָדער וויל ניט האָבן, קיין סיסטעם; רעכנט זיך ניט אָפט מיט פאַקטן, נאָר ביי אים דינט דער איינפאַל, אַמאָל דער געוואַגטער עקספּערימענט, דער חידוש. דער בקי איז מער קוואַליפיצירט, סדרדיק, באַהאַוונט. ער איז, ווי דער קלוגער, וואָס זאָגט ניט וואָס ער ווייס, נאָר ווייס וואָס ער זאָגט.

פּינסקי איז דער בקי אין דער פאַרשטעל־קונסט. ער ווייס דעם אויסערלעכן און אינערלעכן מעכאַניזם פון זאַכן און ענינים. ער קען איינשפּאַנען, דיסציפּלינירן און באַוועגן דעם יחיד, די גרופּע, די מאַסע. ער האָט דעם כח, אויפצונעמען, אויפצולעבן די פּערספּעק־טיווע און רעאַל־קעגנוואַרטיקע דערשיינונג. ער קען אָרגאַניזירן מאַסן־פיגורן און מאַסן־סצענעס. ער ווייס, ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס דעקאָראַטיווע און דאָס תוכיקע, דאָס אַנטפּלעקטע און בחדרי־חדרים־דיקע פון דערשיינונגען אין אַלע מיני ספערן פון שטייגער, אידייע, עטיק, סאָציאַלקייט און סעקסואַלקייט. — אמת, נישט אומעטום קומט ער אַרויס מיט נצחון. נישט קיין מקפּיד אין דער שפּראַך און זייער אָפט ניט ביכולת — צו פאַראייגנטימלעכן דאָס לשון פון די אַקטועלע מענטשן, וועלכע ריידן צייטנווייז ביי אים ווי פון בוך אַרויס. אַ שווערלעכער דיאַלאָג. אַ מאָל אַ צוגעטשעפּעטע פיגור, אַ בלאַסע, אַ „במקומדיקע," אַ סתם געבראַכטע. אַ נאַאיווער אויס־טייטש פון אַ אידייע. — אָבער זענען דאָס נאָר גליבעס, וואָס פאַר־שווריקן, נאָר האַלטן זעלטן אָפּ דעם גאַנצן גאַנג און אופן פון זיין דראַמע; פאַרמינערן אָבער צעקאַליעטשען ניט איר, מער צי ווייניקער, קינסטלערישן טעמפּאָ. ביי פּינסקין זענען דאָ, אי גאַנצע גוטע זאַכן, אי נישקשהדיקע און אפילו — שוואַכע. און אַלערליי געביטן:

די אייגנטלעכע דראַמע, די טראַגעדיע, די קאָמעדיע, די סאַטירישע און אויך אפילו די גראָטעסקע שפּיל. די אַלע מיני זאַכן שאַפן, ווי זיי שטייען, גאָר אַ היפּשן און פּאָזיטיוון קרן אין דער אידישער דראַמאַטורגיע. און פּינסקיס איז דאָס — די ממשותדיקע דער־גרייכונג.

* * *

פּינסקיס פּיעסן זענען דאָס רוב געבויט אויף אַן אידייאיש־עטישער קאָנצעפּציע. אין די די שטייגערישע און סעקסועל־ראָמאַנטישע פּיעסן, איז די אידייע נעבנאַרטיק, זייטיק, בעת אין די סאָציאַלע און געשיכטלעכע — איז די אידייע בולט, תמיד אַרויסגע־רוקט אין פאָדערגרונט. טעמאַטיש און קינסטלעריש זענען זיי אָבער ניט השלמהדיק געקייטלט: זיי דרייען זיך אין זיג־זאַג פון דער־גרייכונג און פעלונג, דערהויבנקייט און ניוועלירטקייט, צופלוס און אָפּפלוס. באַווייזט זיך אַ פּיעסע, וואָס איז אַ נייס, אַ בשורה — קומען באַלד נאָך איר אַ פּאָר דורכשניטלעכע און געוויינלעכע פּיעסן, וואָס חזרן איבער אַ באַקאַנטן נוסח. וואַקסט מיטאַמאָל אויס אַ פּיעסע — אַנדערש און באַזונדער, אַן אויסגעצייטיקט ווערק — ווייזט זיך אויך אַ שפּראָץ, וואָס האָט קיין חיות ניט צו וואַקסן...

זעט מען אָט די דאָזיקע דערשיינונג אין אַלע ספערן פון זיין דראַמאַטורגיע. אין דעם ש ט י י ג ע ר י ש ־ ס ע ק ס ו ע ל ן. „יענקל דער שמיד" —קרעפּטיק, לעבעדיק, סצעניש. „דער אוצר" — אַ געמיש פון וואָרהאַפטע און פרעטענזיע. „די מוטער" — מעלאָ־דראַמאַטישער שאַבלאָן. „גאַברי און די פרויען" — ווידער אַ גע־מיש פון נאַטירלעכקייט און גראָטעסק. „ליבעס קרומע וועגן" און „מיט זיגער פאָנען" — אַ צווילינג פון סכעמאַטישקייט און נישט דערגאַנצטקייט. אין דעם ס אָ צ י אַ ל ־ ע ט י ש ן. „פאַמיליע צבי" — דידאַקטיש־רעזאָנעריש. פיגור און סיטואַציע — נישט אָר־גאַניש. סימבאָל און רעאַליטעט — אויסגעמחט. — „אייזיק שעפטל" — סביבה, טיפּ און האַנדלונג — אַרויסגעפירט ביז שלימות, פאַר־גאַנצט און בולט אין תוך און פאָרם, אין שפּראַך און סצענישער קאָנסטרוקציע. עס זעט זיך און עס פילט זיך — כאַראַקטער, אַט־מאָספער, קאָלאָריט. — „דער כח וואָס בויט" — די הלוציישע פעריפעריע — אילוסטראַטיוו אָבער ניט פאַרטיפט. ווינקלדיק, עפּי־

זאַדיש. די פיגורן — רעאַל, אָבער צו ווייניק אינדיווידואַליזירט. די אידייע אין איר פאַרקערפערונג — אַ נ ו ו י י ז, אָבער נישט ב אַ ו ו י י ז. דערפאַר אָבער אַ פיינער אַנהויב, אַ געוואַגטער אַריינפיר אין דער אַקטועלער טעמאַטיק פון אידיש לעבן. דערפאַר אַן אימפעטדיקער פאַרמעסט — אַרויסצוברענגען דעם סאָציאַלן מאָמענט, די קריוודע און קאָנפליקט, אויפן שטח פון נאַציאָנאַלן אויפבוי. — „דער שניידער ווערט אַ קרעמער" — אַ זייער געלונ־גענע סאַטירישע קאָמעדיע אַן פאַס פון דער אידישער טראַגישער ווירקלעכקייט. דער מחבר רופט זי אָן „גראָטעסק", וואָס באַצייכנט, אַז זי איז פאַנטאַסטיש, מאָדנע. גייט זי אָבער אַרויס פון דער ראַם פון איר באַצייכענונג, וואַקסט אויס און ברייטערט זיך אויס אין ווייטערע ספערן. ס׳איז סאַטירע, ס׳איז קאָמעדיע און ס׳איז טראַגי־קאָמעדיע. און אַלע עלעמענטן לעבן בשלום. דאָס גראָטעסקע ליגט ניט אין דער פאַנטאַסטיק, נאָר דינט ווי אַן אויסטערלישער רעמע־דיום אַרויסצוברענגען די ווירקלעכקייט. מחמת אפילו דער פערסאָ־נאַזש וואָס חכמעט זיך, קליגלט זיך און זינגט גאָר לידלעך, — איז אויך וואָרהאַפטיק, ווייל קלוג און קינסטלעריש געצייכנט. די גאַנצע שפיל איז אין פלוג געבויט אויף אַן איינפאַל, אויף אַן אויסגע־טראַכטן אַנעקדאָט: דער שניידער האָט געעפנט אַ קראָם, וואָס מען קריגט אין איר, צוזאַמען מיט דער סחורה — אַן אומזיסטן טאַנץ און פרעמיומס. אָבער אויך אפילו אָט די היפערבאָלע סצע־נעס אין דער קראָם, די „רייכע" קונדן, די צדקה־פושקעס פאַר כל ישראל, דער האָלד־אַפ, די אַלע זאַכן וואָס מאַכן דעם שניידער־קרעמער בדיל־הדל; און דערנאָך די סצענעס אין רעדאַקציע ביים קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „גואלנו", צי בעתן באַל פון דער געזעלשאַפט, — וואו דער קרעמער קומט זיך „העלפן", — אָט די אַלע קינאָ־אַרטיקע פאַסירונגען און סיטואַציעס, ווי מאָדנע, ווי טשי־קאַווע זאָלן ניט זיין, — ווייזן אָבער אַ קינסטלערישן אמת, אַנט־פלעקן אים דורך אַ פיינעם, דעליקאַטן, שפילעוודיקן איינפאַל. ס׳איז איינפאַל, נישט פון מח, נאָר פון אינטואיציע. דערצו איז דער הומאָר דאָ אַ געזונטער. פריש און זאַפטיק — דאָס לשון. — הכלל, אַ פיעסע, וואָס עס איז אַ נייס און טיילט זיך אויס באַזונדער.

אין דעם ה י ס ט אָ ר י ש ־ ב י ב ל י ש ן. די סקאַלע

פון זיין קינסטלערישן אומפאַס און דערגרייכונג וואַקלט זיך צווישן סטעראַטיפּישן פאַקט און עקספּאַנסיווער באַלויכטונג, צווישן קאָמ־פּאָנירן און רעפּראָדוצירן. פון איין זייט, די געניע שילדערונג פון דער היסטאָריש־ביבלישער סצענע; פון דער צווייטער זייט — דאָס אַריינטייטשן די אינדיווידועלע, צייטלעכע באַגריפן און הנחות. דער זיג־זאַג פון דערגרייכונג און — פראַגמענטאַריש־עפּיזאָ־דישקייט; די ליניע פון פאַרטיפן—און פאַרפלאַכן; פאַקטאָגראַפיע—און פסיכאָ־נשמהדיקע רעפלעקסיע; רעדוצירן—און אַקטיוויזירן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, — דאָס זענען די גדרים אין פינסקיס דראַ־מאַטורגיע בכלל, און נאָך מער לאָזן זיי זיך פילן אין די היסטאָ־ריש־ביבלישע פּיעסן.

פראַגמענטאַריש־אויבנאויפיק איז „דוד המלך און זיינע ווייַ־בער". פולבלוטיקער — „מרים פון מגדלה". צוגעשניטן און צו נאָענט אין דיסטאַנץ — הגם שיין אין דער פאָרם — איז „אלא תולדות נח". מער פאַרטיפט און דערפאַר אויך היסטאָריש־קינסטלעריש איבערצייגנד, איז די סעריע „פאַלשע משיחים". נאָר אַ ווערק, וואָס שטייגט אַריבער אַלע גרענעצן פון זיין דראַמאַטיש שאַפן, איז „אַלעק־סאַנדער און דיאָגענים".

אין דער דאָזיקער וועלטגעשיכטלעכער טראַגעדיע, וואָס איז מייסטערהאַפט געבויט, איז דאָס אידייאישע עקספּענדיענטעל אַריינ־געגלידערט אין דער פיינער קאָנסטרוקציע; די האַנדלונג — אין נאַטירלעכן גאַנג פון בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג; די כאַראַקטערן — די דאָמינירנדיקע, ווי אויך די פאַרמיטלענדיקע — דערפירט ביז פינעזיע. פינסקיס אויפשטייג איז אויך אין דעם, וואָס ער האָט זיך דאָ באַוויזן אין אַ נייעם שיין: האָט באַהערשט דעם מאַטעריי־אַל און איז געבליבן אין געהעריקער דיסטאַנץ. צוליב דעם, פילן זיך אַזוי שטאַרק אַלע פּאָזיטיווע מאָמענטן: אָביעקטיווקייט; אַדעקוואַ־טע אויפפאַסונג פון געשיכטלעכן מאָטיוו; גראַנדיעזקייט פון מאַסן־סצענע און מאַסן־כאַראַקטער; מער נאַטירלעכער דיאַלאָג; ריטם; באַוועגונג; זויבערע שפּראַך; בליציקע סענטענצן; אידייאיש־עטישע פאַרגאַנצטקייט; איבערצייגנדיקער קלימאַקס, וואָס עקספּלאָדירט אין די געהעריקע מאָמענטן.

אין פאָדערגרונט — די גרויסע געשטאַלט פון קעניג־דעראָ־בערער אַלעקסאַנדער מוקדון. אַנטקעגן אים — אויך אין פאָדער־גרונט, הגם כמעט ווי אומזעבאַר, די גרויסע געשטאַלט פון פילאָ־סאָף ציניקער, אָבער אויך מאָראַליסט, דיאָגענוס. אַלעקסאַנדער שטרעבט איינצונעמען די גאַנצע וועלט; דיאָגענוס האָט שוין דער־גרייכט אַן אַנדער פונקט — האָט איינגענומען זיך גופא. דער ערש־טער דערהויבט זיך אַזש ביז אַ גאָט; דער צווייטער — בלויז ביז אַ מענטש. דער ערשטער, וויל אָפּשאַפן די גרענעצן פון מענטשן און לענדער; דער צווייטער, נאַקעט און באָרוועס, וואוינט אין אַ פעסל און האָט נאָר ביי זיך אַ לאַמטערן צו זוכן אַ מענטשן אין שיין פון טאָג.

זאָגט אַלעקסאַנדער: „איך דאַרף צו מיין גליק אַ סך, אַ סך מער — די דורכפירונג פון אַ ווילן... איך וויל באַזיגן און דעראָבערן די גאַנצע וועלט”. ענטפערט אים דיאָגענוס: „וויל זיך אַליין באַזיגן, אַלעקסאַנדער, און דו וועסט באַזיצן די גאַנצע וועלט”.

און ווי גרויס איז דער פינאַל: דער שמועס ביי אַלעקסאַנ־דערס טויטנבעט; אַ שמועס וואָס דערשיטערט, אָבער רעזומירט די צוויי אַנטקעגנדיקע אמתן פון ביידע מענטשן, — די אמתן, וואָס זענען טאָקע היינט אַזוי געוואָרן אַקטועל; וואָס זענען איצט, נאָך מער ווי אַלע מאָל, אין שטענדיקן גערעַנגל: אין אויפפאַסן און אָנ־ווענדן די מיטלען צו דעם ציל... זאָגט אַלעקסאַנדער: „אָ, מיין ציל איז שיין, מיין ציל איז גרויס — די וועלט צו ראַטעווען; די וועלט צו ראַטעווען פון איר צעריסנקייט און צעטיילטקייט; די מענטשן גליקלעך צו מאַכן דורך אַ העכערן באַגריף פון לעבן, דורך אַ גרעסערער לעבנס־באַיאַונג. דו ביסט לעבנס־פאַרניינער, דו פאַס־באַוואוינער, דו שמאַטעסטרעגער!” ענטפערט אים דיאָגענוס: „איך האָב געוואוינט אין אַ פאַס, געטראָגן שמאַטעס; דאָס וואַסער־קענדל, וואָס דו האָסט ביי מיר געזען, האָב איך צעבראָכן, ווייל איך האָב אויסגעפונען, אַז איך קען מיין וואַסער אָנשעפּן מיט דער האַנט. אָבער איך בין נישט געווען קיין לעבנס־פאַרניינער. איך האָב גע־ליבט דאָס לעבן ניט ווייניקער פאַר דיר; איך האָב ליב געהאַט די זון בייטאָג, אָבער אויך די נאַכט האָט געהאַט פאַר מיר אַ רייץ. אַ קליינע בלום האָט מיך געקענט אַנטציקן מיט איר אַנבליק און

גערוך. איך האָב הנאה געהאַט פון דעם טייך און זיין געמורמל. איז אין דעם אַלץ ווייניק לעבן? וואָס האָב איך מער געדאַרפט דאָס לעבן צו באַיאָען? איך האָב דאָס גרויסע לעבן פון דער נאַטור אין זיך אַריינגענומען, און מיט פולע הויפנס חכמה און וויסן אין זיך אַריינגעשעפּט. האָסטו דען מער דערגרייכט מיט אַלע דיינע שלאַכטן און מיט דעם גאַנצן בלוט־פאַרגאָס? און וועסטו נאָך מער בלוט פאַרגיסן — דערגרייכן וועסטו נישט מער. פאַרלירן אפשר דאָס ביסל, וואָס דוס'ט דערגרייכט. אַ גליק פאַר דיר, וואָס דו שטאַרבסט נאָך אַזוי יונג".

שוין צוליב די דאָזיקע צוויי הערלעכע פיגורן אַליין, איז קינסטלעריש באַרעכטיקט די גאַנצע פּיעסע. וואָרן שווער איז אויפצו־שטעלן היסטאָרישע געשטאַלטן איבערהויפּט; און שווערער נאָך, ווען אַנשטאָט שילדערן דאָס לעבן און די סביבה, די מענטשן און די מדות און נטיות, דעם צושטאַנד און דעם אומשטאַנד, איבערגעבן דעם קאָלאָריט און טעמפּאָ פון דער צייט, דערציילן וועגן פאַקטן, — מוז מען בלויז דעם מענטשנשטאָף דראַמאַטיזירן, און אויפשטעלן אַ בילד פון צייט, אַ מענטשלעכן כאַראַקטער, אַ היסטאָרישע פּאָסי־רונג, בלויז דורך רייד און דיאַלאָגן. — פּינסקין איז דער דאָזיקער עקספּערימענט געלונגען. די הויפּט־פיגורן פון דעם קעניג און דעם פילאָסאָף, דעם וועלט־פאַרשלינגער און דעם זיך־באַצווינגער — זע־נען בולט און גראַנדיעז. די צוויי אידייען־עקסטרעמען, וואָס באַ־געגנען זיך אין זייער רייד און האַנדלונג — דערפירט ביז סילאָ־גיזם. און מער פון אַלץ וואָס אימפּאָנירט — די הערלעכקייט פון ביידע כאַראַקטערן: דער קעניג אינם שיין פון מאַכט און טראַגיק, דער פילאָסאָף — אין שיין פון שלימות. דער קעניג, וועלכער וויל באַזיגן און דעראָבערן די גאַנצע וועלט, כדי די וועלט צו מאַכן גליק־לעך און — ווערט באַזיגט פון טויט; דער שמאַטעס־טרעגער־פי־לאָסאָף, וועלכער פאַרניינט דאָס לעבן, אָבער איז אַליין באַיאָאונג; וועלכער איז דער גבור בלויז מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט באַזיגט דעם „יצר". צוויי גרויסע מענטשן — צוויי סימבאָלן פון אַלע צייטן: איינער וויל, צוליב דעם צוועק היילִיקן דעם מיטל; דער צווייטער וויל, אַז יעדער מיטל זאָל פאַר זיך אַליין זיין הייליק.

דערצו נאָך זענען אויך די אַנדערע צענדליקער פיגורן אין דער

פיעסע מערסטנטייל געלונגען. זיי מאַכן אַזוי פאַרביק, אַזוי לעבע־דיק די גאַנצע פיעסע.

אַזוי איז שוין דער גאַנג פון פינסקיס פיעסן: אַ שפּאַן צוריק, און הונדערט שפּאַן — פאָראויס. דאָ — אין פלאַכן נידער און באַלד — אַ פלי אין די הויכן.

זעט מען טאַקע אויך דערנאָך אַזאַ דערשיינונג: פינסקיס איינע פון די לעצטע פיעסן „גאולה" איז אַוועק אַ הונדערט שפּאַן—צוריק. אין פלוג, האָט אַט־די פיעסע געדאַרפט פינסקין טעמאַטיש טויזנט מאָל זיין נעענטער; באַהאַנדלט זי דאָך די סאַמע נאָנטסטע — און סאַמע שענסטע — עפּאָכע, אין די לעצטע טויזנטער יאָרן פון דער אידישער געשיכטע: ביל"ו, הערצל, צווייטע עליה, דריטע און פערטע עליה און — לעצטער מאָמענט. ווי קומט עס, וואָס די דאָ־זיקע מיסטעריע־שפּיל איז אַזוי געבוירן בלאָס און שוואַך, אַז זי האַלט זיך קוים אויף די פיס? — דער תירוץ איז, די פּאַנאָראַמע פון דער דאָזיקער עפּאָכע איז צו נאָנט, דאָס מאַטעריאַל — צו הייס און פליסיק, מען זאָל עס קענען קינסטלעריש פאַרפיקסירן. פינ־סקי איז ניט דער איינציקער, וואָס איז אים ניט געראָטן. פיל אַנ־דערע, אַזוינע וואוילע קינסטלער, האָבן אויך געוואָלט פאַרפיקסירן אָט די נאָנטקייט, און די הייסקייט פון דער צייט — און ס'איז זיי ניט געלונגען. די נאָנטקייט האָט זיי גאָר דערוויייטערט.

דערצו איז זיין איבערגאַנג פון רעאַליזם ביז מיסטעריע, אָדער ביז גראָטעסק — אַ היפּש ביסל ריזיקאַליש. אין „דער שניידער ווערט אַ קרעמער" ראַטעוועט די הומאָר. אָבער אַקטועל־בלוטנדיקע פּראָבלעמען, וואָס שטייען רעאַל פאַר אונדזער בליק, קענען ניט פאַרפיקסירט ווערן אין דעם נעפּל פון מיסטעריע.

* * *

פינסקיס גאַנג אין דער אידישער ליטעראַטור איז געווען אַ פאַרביק־רייכער, אָבער נישט אַ שטענדיק גלייכער: אָנגעהויבן מיט רעאַליזם, אפילו מיט נאַטוראַליזם, איבערגעגאַנגען צו ראָמאַנטיזם, אַריינגעקרייזט אפילו אין סימבאָליק און ווידער אומגעקערט זיך צו דעם ערשטן פונקט. דער סאָציאַלער מאָטיוו האָט זיך, אמת, ביי

אים צונויפגעגאָסן מיט דעם נאַציאָנאַלן. די אַלגעמיינע אידייע — אויסגעקריסטאַליזירט זיך אין אַ אידעאָלאָגיע. אָבער דער קינסט־לערישער מעטאָד האָט געהאַלטן זיך ביי אים אַלץ אין איין בייטן.

נישט געביטן האָט זיך בלויז דער עצם פון זיין קינסטלערישער באַיאָאונג. און דאָס איז: אַלץ נאָך ניט קיין אויסגעשעפטע — קראַפט, הייסער אָטעם, הייס בלוט, באַוועגונג, דראַמאַטישע תוך און פאָרם.

אברהם רייזען

די פאַנאָראַמע פון דער אידישער פּאָעזיע:

פרוגס אידיש־באַלעבאַטישע הויז, מיט ווייסע פאָרהאַנגלעך די
פענצטער אינעווייניק באַהאַנגען, מיט לאָדנס אויסווייניק—באַשירמט,
און מיט מזוזהלעך אויף ביישטידל פון יעדן חדר,—און מיטן שייך־
געפאַרבטן גאַניק, בלומען־גערטעגדל—ביים זייט און טויבנשלאַג אויף
רחבותדיקן דאַך. ראָזנפעלדס ברוגז־טורמעדיקער מויער פון „סוועט־
שאַפּ", וואָס פירט דורך טוכלע טרעפּ אַריין אין אַ געזום פון מאַ־
שינען, צווישן ווענט, וואָס ווערגן יאָמער, קרעכץ און צייך־קריץ...
אָבער אויך דאָס הויז, וואָס פלאַטערט מיט אַ רויטער פאָן פון
בונט און עפּנט אויף אַ פענצטערל צום הימל... יהואשעס שטרענ־
גער פּאַלאַץ, מיט די קאַלטע מירמל־זיילן, מאַסיווע טירן און די
צוויי באַפליגלט־אויסגעטראַכטע לייבן ביים אַריינגאַנג. האַלפּערינס
פעלזן־פעסטונג, וואָס הויערט איבער אַ סכנהדיקן תהום. לייוויקס
כמורנער גאָטיש־אָנגעשפּיצטער טעמפּל. מאַני לייבס לופטיק
טורמנדל, מיט די שייך־געשניצטע אָרנאַמענטן און קאַרניזן. זישאָ
לאַנדויס לייכטע יאַפּאַנעזיש שטיבל. ראָלניקס היימיש געצעלט,
מיט זיין מאָך באַוואַקסנקייט און ווייסער איינגעשטויבטקייט. לע־
יעלעסעס פיל־טרעפּיקער מאַיאַק. גלאַטשטיינס דרייצענציפּערדיקער
טורעם־זייגער. לוצקיס פילם־קאַרוסעל, וואָס דרייט מיט זיך אַרום
אַ וועלט. מאַנגערס הענגענדיקער גאָרטן, וועלכן ס'שפּאַרן אונטער
אַראָפּגעפאַלענע מלאכים...

אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס שטעלט זיך פאַר די אויגן,
באַשיידן, שטיל און האַרציק, ווי דער סוף פון אַ טרויעריקער
מעשה? — ס'איז ר י י ז ע נ ס אָרעם שטיבל, מיט דעם שטרוי־
באַדעקטן דאַך, מיט די קליינע פענצטערלעך און מוטנע שויבן, מיט
דעם אַלטן קרעכצענדיקן גאַניק, מיט די מאָך פאַרשטעקטע אויס־
געפוילטע ווענט, מיט דעם מאָדנעם קוימען, וואָס פּיפּקעט קוים
אַרויס דעם רויך... ס'איז אַלט און טרויעריק דאָס שטיבל. ס'איז
ניט באַפאָרבן און ניט באַפּוצט. עס האַלט זיך קוים אויף די פיס,
מיט דער שווערער משא פון אָרעמקייט און פיין. נאָר וואָס איז

דאָס ? פאַרוואָס טרעט אָפּ אַ ווײַלע די אומהיימלעכקייט און מיטאַמאָל ווערט עפּעס ליכטיק אין די אויגן, און אויפן האַרצן — היימלעך ? — ביים סאַמע ראַנד פון שטיבלס דאַך — אַ נעסט. אַ פּיצע־מאַנצינקער, אַן אויסגעפלאָכטענער פון ערד און צווייגלעך, אַזאַ פּשוטער, אַזאַ וואַרעמער. און אין דעם נעסט רודערט זיך דאָס קליינע לעבן, שטעקט אַרויס אַ שנעבעלע, און אַלע ווײַלע פליט דאָרט צו אַ פויגעלע־מוטער, אָדער פאָטער און וואַרפט אַריין אַ קערנדל אין אויפגעעפנטן שנעבל...

רייזענס ליד איז דאָס אָרעם שטיבל אין דער אידישער פּאָע־זיע. עס קוקט אַרויס פון דעם דאָס בלאַסע, אויסגעצערטע פּנים פון דער אָרעמקייט און נויט ; עס שרייט אַרויס פון דעם דאָס קול פון הונגער, פּיין און דחקות. עס מאַטערט זיך אין דעם דער מענטש אין שפלות און פאַרשעמטקייט. עס הויערט אַלץ אויף דעם דער שאָטן פון טרויער, שרעק און קראַנקהייט. דאָס לעבן דאָרט איז געגליכן „צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט, ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן, ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט“...

אָבער רייזענס ליד איז אויך — אַ נעסט. מען שטעלט זיך אָפּ אַמאָל פאַר דעם מיט וואונדער. ווי פּשוט איז דער נעסט גע־פלאָכטן, ווי טריי ער איז געמאַכט און — ווי זיכער. דאָס קליינע לעבן ווערט אַזוי דאָרט טריי געטוליעט, געהיט, באַשיצט ; דאָס קליינע לעבן ווערט געצערטלט דאָרט מיט ליבשאַפט און רחמנות.

מען וואונדערט זיך, ווען מען זעט דעם קליינעם, אָרעם אויס־געפלאָכטענעם נעסט פון רייזענס ליד, ווי מען וואונדערט זיך, ווי אַ שוואַך באַשעפענישל האָט צונויפגעבראַכט די פּיצלעך ערד און ליים און שטרוי און צווייגלעך און אויפגעקלעפּט אַ מיניאַטורנע הויז, אַן אָנשטעל פון אַ הויז, וואָס האַלט זיך אָבער שטאַרק און האָט אַן עפּענונג — אַריינצופליען אינעווייניק, אָבער נישט אַרויס־צופאַלן... מען וואונדערט זיך, אַז ווי ניט אויסגעפּוצט עס איז דער נעסט פון רייזנס ליד, און ווי ניט אַרכיטעקטאָניש־איבער־ראַשנדיק עס איז דער געבוי, און ווי ניט גרויס ס׳איז דער פאַר־נעם און אָרעם און געוויינטלעך איז דאָס מאַטעריאַל, — געפינט אין דעם אי שוץ אי זיכערקייט, דאָס פּיצל לעבן, דאָס קוים באַ־מערקטע, אָבער נישט ווייניקער באַרעכטיקטע, און טראַגיש־היי־

ליקערע — פון דעם, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן... מען וואונ־דערט זיך, ווי שטאַרק דער נעסט פון רייזענס ליד איז צוגעקלעפּט ביים סאַמע דאַך פון דער אידישער פּאָעזיע, אַז ניט גערירט ווערט ער פון קיין שום שטורעם, און ווי זאָרגעוודיק און קלוג עס איז גע־מאַכט די דערעפענונג — אַריינצופליען אָבער נישט אַרויס־צופאַלן...

* * *

פון רייזענס ליד וואונדערט מען זיך — אָבער מ׳ווערט ניט איבערראַשט. רייזענס ליד איז געווען אַ דערשיינונג אין דעם אור־שפּרונג פון דער ניי־אידישער פּאָעזיע. עס האָט פאַרמאָגט אַ באַ־זונדערן טאָן און אַ חן פון פשטות. אָבער אויך דאַן האָט די פּרי־מיטיווע זינגעוודיקייט בלויז צעוויגט דעם וואָרט און קלאַנג, אָבער האָט זיי ניט דערפירט ביז פיגוראַציע; האָט דאָס ליד געמאַכט מע־לאָדיש, אָבער נישט פּאָליפאָניש — ס׳האָט שטענדיק אַרויסגעקלונגען איין מינאָרנער טאָן, וואָס איז ניט געווען בכח אַרויסצורופן דעם מיטקלאַנג פון אַנדערע טענער. שפּעטער־צו האָט זיך די פּרימיטיווע זינגעוודיקייט עטוואָס מער פאַרגופט אין אַ נייעם תוך, האָט זי אָבער פאַרלוירן איר אוממיטלבאַרן חן און איר אומגעפעלשטער כוונה. ס׳איז גאָר אָפט געוואָרן כוונה אָן ניגון, אָדער ניגון אָן כוונה.

רייזענס לידער פון ערשטן פּעריאָד, זענען אַזוי גראַדליניק און אָפנטאָניק, אַז מען קען זיי איבערדערציילן. זיי זענען ניט עפּיש — דווקא מער ליריש און מעלאָדיש ווי די שפּעטערדיקע — זיי האָבן אָבער אַן „אידייע״, וואָס ווערט קלאָר אַרויסגעזאָגט. זיי ווערן „אויסגעטייטשט״ דורך אַ מעדיום פון דריי גרונט־פאָרמען: פאָלקס־ליד, עלעגיע, עפּיגראַם. די שפּעטערדיקע לידער, אין שפּראַך און פאָרם מער פאַררונדיקט, אָבער אין תוך, ווי איינפאַך נישט אַרויסגעזאָגט, קענען נישט ווערן איבערדערציילט. מחמת עס פעלט אין זיי די קאָנקרעטע אידייע, דער חנעוודיק־נאַאיווער מוסר השכל, און זיי ווערן מער ניט דאָמינירט דורך איינע פון די דריי פאָרמען, וואָס האָבן פאַראייגנטימלעכט רייזענס פריערדיק ליד. אַנשטאָט דער עלעגישער טאָן, קלינגען שוין אַרויס האָפערדיק־מונטער אַקאָרדן,

וואָס פאַר זיך אַליין זענען זיי לירישׂ, אָבער שליסן זיך ניט צוזאַ־מען אין אַן איינהייטלעך־פאַרגאַנצטער מעלאָדיע. עס פעלט שוין אין זיי דער נאָגנדיק־רירנדיקער מאי קא משמע לן־טאָן, אָדער דער קורצער אונטערשטריך פון דערזאָגטקייט און די אַקצענטירונג פון געדאַנק און געפיל. דערפאַר מאַכן זיי דעם איינדרוק ווי עקספּראָמטן און אימפּראָוויזאַציעס. זיי זענען עפּעס ווי עסקיזן פון אָנגעהויבענע קאָמפּאָזיציעס. דער עלעגישער טאָן פאַרבלאָנדזשעט נאָך ווען עס איז, ווי אַ באַשיידענע סטעזשקע אין די אויסגעפּלאַסטערטע וועגן פון לייכט־שפּרינגענדיקע ניגונים, — אָבער דערפאַר נזרעפּט מען שוין גאָר זעלטן דאָס קורץ־געפּאַסטע עפּיגראַמאַטיש ליד. אַנשטאָט די אומעטיק־מאַנאָטאָנישע ג ע פּ אַ ס ט ק י י ט — אַ גרינגע, כלומרשט מונטערע צ ו ג ע פּ אַ ס ט ק י י ט. אַנשטאָט די פרײ־ערדיקע ק אָ מ פּ אַ ק ט ק י י ט — אַ זיך שפּילנדיקע פ ו ־ נ אַ נ ד ע ר ג ע פּ אַ ק ט ק י י ט. אַ חוץ דעם ווענען זיינע שפּעטערדיקע לידער צו לייכט, אפילו צו מאַכן לופטיקע קרייזן, ווען טייל פון די פריערדיקע לידער — אויך לייכטע — האָבן אָבער געדרייט זיך ווי ליכטיקע ווייזערלעך אויף אַ טונקעלן ציפערבלעטל און האָבן דערצו תמיד אָנגעוויזן די ריכטיקע צייט...

* * *

„אויף אַ קליין צעבראָכענער פידל
האָב איך אָפּגעשפּילט מיין וועלט,
און דערמאָן איך איצט דאָס שפּילן,
לויפט מיין זעלע דורך אַ קעלט".

פיר שורות פון אַ ליד, וואָס האָבן זיך אַזוי אַרויסגעאַנדערשט פון דער לעבלעכער פידל־מליצה פון דעמאָלטדיקער צייט. עס איז דאָך דאַן געווען דער משכילישער מאַניר פון די העברעאישע און אידישע דיכטער, צו נעמען די „פידל" און די „האַרף" ווי אַ משל צו דעם נמשל — פאָלק, „פּאָפּולאַריזירן" אין אַ כלומרשט לירישן ניגון, דעם צער און פיין פון גלות און דאָס לעכצן נאָך דער גאולה. אָבער פונקט ווי אַן אויסגעמאָלטע פּוס אויפן וואַנט, קען נישט מאַכן גלייך דעם גאַנג פון הינקנדיקן, אַזוי קען נישט אַ פידל שפּילן ווען מען ר ע ד ט נאָר בלויז צו איר און וועגן איר. ווען

רייזען רעדט און ער דערציילט, אַז אויף אַ קליין צעבראָכענער פידל האָט ער אָפּגעשפּילט זיין וועלט, — דערהערט מען אויך ווי ס׳רעדט די פידל, ווי זי באַגלייט די אומעטיקע ווערטער... די פידל איז שוין ניט ביי אים קיין משל, זי איז רעאַלער אינסטרומענט אין האַנט פון קינסטלער, וואָס שפּילט אַרויס דורך איר זיין אייגן צער און ווייטיק. די פידל איז ניט קיין אַנדייט און קיין ביישפּיל, זי איז זיין אייגנטימלעכער דיכטערישער אינסטרומענט.

פיר שורות פון איינס פון זיינע ערשטע לידער — און שוין דעטערמינירן זיי דעם ווי און וואָס פון רייזענס שפּעטערדיקן גאַנצן שאַפן, און שוין אַנטפּלעקן זיי די פיזיאָנאָמיע פונם שטילן לירִיקער און קינסטלער־דערציילער. ס׳באַווייזט, אַז אַ דיכטער האָט זיך ניט אַמאָל צו פאַרלאָזן אויף דעם קריטיקער, וואָס זאָל אים אַנטדעקן, אויסטייטשן און באַצייכענען, — נאָר ער אַליין דערפילט בנבואה זיין ריכטיקן באַרוף, זיין גאַנצן גאַנג און וועזן.

דער דיכטער דערציילט אונדז, אַז אויף אַ קליין צעבראָכענער פידל האָט ער אָפּגעשפּילט זיין וועלט; און אַז ער דערמאָנט זיך איצט דאָס שפּילן, לויפט זיין זעלע דורך אַ קעלט. איז דאָך פאַרפירעריש דער איצט — דאָס ליד איז אויפגעקומען דווקא אינם סאַמע אָנהויב פון זיין שאַפן; און מער שוין, ווי ניט פּינקטלעך איז צו זאָגן, ווען מ׳איז נאָך יונג און מען האַלט נאָך גאָר ביים אויספּרואוון דעם טאָן פון שפּילן, — אַז מען האָט שוין אָפּגעשפּילט די וועלט. ווי קומט עס, אַז מען זאָל דערמאָנען זיך אַ שפּילן, וואָס מען הויבט ערשט אָן? און ס׳זאָל שוין דורכלויפן אַ קעלט די זעלע? — דער תירוץ איז, דער דיכטער האָט דעטערמינירט זיך; אין אָט די שורות איז געלעגן אַ נבואה, וואָס מקוים איז דערנאָך געוואָרן...

„אַ קליין צעבראָכענע פידל" איז — כלי, שפּראַך און פאָרם. די כלי פון זיין ליד איז קליין; די שפּראַך איז הויל און באַקעט, ווי דאָס אָרעם לעבן, וואָס עס ווערט געשילדערט; די פאָרם — פּינקטלעך נאָכגעקאָפּירט (מעג עס זיין אפילו זיך אַליין) און אייגנהאַנטיק, אַמאָל אפילו אייגנאַרטיק — נישט פאַרענדיקט... די כלי — ווי קליין זי זאָל ניט זיין — איז אָבער אייגן כלי. און קוקן

דאַרף מען ניט אַזוי אויף איר, ווי טועם זיין פון דעם, וואָס אין איר געפינט זיך... די שפּראַך וואָלט זיין—אַ טשאַטע הונגעריקע פייגל־ווערטער, ווען ווערטער שפּרינגען אום בלויז, זוכנדיק אַ קערנדל — געדאַנק, — נאָר ווערטער וויגן זיך ביי אים פונאַנ־דער אין געזאַנגען, פאַרגייען אין ניגונים, שפּילן אויף פייפלעך. — די זעלבע ווערטער — אָרעמע אין פאַרב און אויסדרוק — ווי דורך אַ נס באַנייען זיך, צעצאַפּלען און צערײדן זיך, ווי אומעטיקע גלעקלעך, זעגן שטילקייט ווי די גרילן, ברומען מיט תרועומות ווי באַנדורן, נאָגן אויפן האַרצן ווי דער מאָנאָטאָנער טראָפּ פון האַרבסט־רעגן אויף די שויבן... — הכלל די הויט־און־ביינער פון דער שפּראַך ציט חיות, לעבט אויף דורך אַ מעדיום פון מ ע ל אָ ד י ע. די פאָרם פון ליד איז ביי רייזענען אַזוי פּינקטלעך, אַז זי ווערט אַזש קאָנסערוואַטיוו. אָבער אויסגעווירעט און — נישט פאַרענדיקט. ד. ה. נישט געפּירט אויף ספּיראַלע וועגן, סכנהדיקע אומוועגן און — נישט דערפירט ביז אַן אַנדערשדיקער שלימות. אַ פאָרם, וואָס איז תמיד נאָכגעקאָפּירט דעם איין באַגרעניצטן נוסח: דער פיר שורהדיקער פּערז, דאָס קורץ־אָטעמדיקע שורהלע, דער מעלאַנכאָ־ליש־וויגנדיקער טראָכיי.

„אויף אַ קליין צעבראָכענער פידל״ — איז אויך געמיינט דער שטייגער פון שפּילן, דער טאָן, דער אויסדרוק, די כוונה, דער געדאַנק. — אַ קליינער פאַרנעם, נישט שטאַרק, נישט טיף, נישט פילפאַרביק, נאָר דערפאַר — די האַרציק־נאָגנדיקע מעלאָדיע, דער אומעטיקער ניגון, די אוממיטלבאַרע עלעגיע. עס איז אויך גע־מיינט יחידישקייט, קינדישקייט, נאַאיוויטעט. ס'באַווייזט אויך רייזענס נטיה צו קליינקייט. צו טאָפּלען נאָך די קליינקייט מיט צעבראָכנקייט... דער שטריך פון באַשיידנקייט. דער נאַאיווער שטיי־גער. דער תחינהדיקער נוסח. דאָס פּרימיטיווע געמעל. דאָס פּשוט וואָרט, וואָס האָט פאַרמענטשלעכט די פאַרמליצהוועטע פידל. און ועל כולם — רייזענס איידעלע, אָבער נישט פאַרסטיליזירטע פאָלקס־טימלעכקייט.

די קליינע פידל — איז רייזענס אינסטרומענט אין דער אי־דישער פּאָעזיע. ל י ב ש אַ פ ט איז די ערשטע סטרונע, וועלכע ציטערט אויף דער פידל, און גיט דעם הויפּט־טאָן צו די אַנדערע

סטרונעס, וואָס ברומען צו אין באַגלייטונג. מחמת ווי עס זאָלן ניט אונטערהעלפן די אַנדערע סטרונעס, און ווי זיי זאָלן ניט אונ־טערהאַלטן דעם ניגון, — וואָרקעט אַלץ די ליבשאַפט, אויב נישט העל־אידיליש, אָבער. ערלעך און באַשיידן, איר אייגענעם טאָן, וואָס לאָזט זיך הערן בעסער, און געדענקט זיך לענגער ווי די אַנדערע באַגלייטנדיקע טענער. ב אַ ר מ ה אַ ר צ י ק י י ט — איז די צווייטע סטרונע. א ו מ ע ט — איז די דריטע. פּ י י ן — די פערטע. — מער קיין סטרונעס האָט ניט קיין שום פידל. — הגם ביי אַנדערע איז די סקאַלע פון טענער רייך מיט אַלערליי פּאַסאַזשן, מיט אויבערטאָן און ביי־טאָן, מיט ווירטואָזן צוזאַמענקלינגען, מיט טיפער קאָלאָראַטור, וואָס גיבן די פירסטרוניקייט אַן אילוזיע פון פילסטרוניקייט און אַפילו דעם ווידערקלאַנג פון אַנדערע אינסטרו־מענטן, — איז רייזענס שטייגער פונם שפילן — אַרויסציטערן אַ ניגון פון אַן א י י נ צ ל נ ע ר סטרונע, אַמאָל אַ ווייִנענדיקע, אַמאָל אַ וואָרקנדיקע, און אַמאָל אַ נאַגנדיק־תרעומותדיקע.

עס טרעפט אַמאָל אַ סטרונע טוט אַ זאָג זיך אַ המצאה, דרשנט אָפּ אַ קלוגן פסוק, טוט אַ שטיף, צי טוט אַ שפּיל זיך מיט אַן איינ־פאַל, — עס ווערט פון דעם ניט פריילעכער, עס ווערט ניט לייכ־טער אויפן האַרצן; הגם עס רופט אַרויס אַ שמייכל — אַן אומע־טיקן שמייכל.

רייזען איז דער ערשטער, וועלכער האָט איינגעפירט און קול־טיווירט דאָס קורצע ליד. ער האָט אויך געלונגען אָנגעווענדט דעם עפּיגראַם, וואָס איז אָבער ביי אים, ניט שאַרף און בייסיק, נישט אָנגעגליט און נישט פאַרשפיצט, — ס'איז אַ ביקסל וואָס שיסט תמיד אויס אין ציל, נאָר קיינער ווערט חלילה ניט פאַרוואונדעט...

דערפאַר ווען רייזען לייגט אַוועק די פידל און נעמט זיך צום טראָמפּייט, צו שטורמען „די וואַנט" פון שלעכטס, דינט אים ניט דער אינסטרומענט, ווי הויך ער זאָל אים ניט אַ הויב טאָן. ווייל דעקלאַמאַציע וואָרפט ניט איין קיין וואַנט. רעטאָריק ברעכט איר ניט, — פאַר דעם איז דאָ דאָס וואָרט פון שטאָל און אייזן, וואָס ברעכט מיט כח פונם שטויס. רייזנס „כח" ברעכט ניט קיין ווענט, שטורעמט ניט קיין פעסטונג, — ס'איז כח, וואָס עס ציטערט אויף אַ קליין, באַשיידן פידל אַן אומעטיקן ניגון... ס'איז כח, וואָס

רירט אַ מענטשלעך האַרץ, אָבער רירט ניט אויף אַ האָר אַ וואַנט, וואָס איז אַ חוץ דעם גאָר ביי אים — אַ משל.

ווי קומט דער משל פון אַ וואַנט פון שלעכטס, ביים דיכטער פון רעאַלע מעלאָדיען און מאָטיוון? ווי קומט דער דאָן־קיכאָטישער געפּעכט מיט „קירכן־גלאָקן", ביים האַרציקן לירוקער פון „אומע־טיק, קינד מיינס, צו לעבן אַליין"? ווי קומען אויך אפילו די אויס־געמושטירטע, האָפּערדיקע גראַמען פון „זאָל ווי ווייט, נאָך זיין די צייט", ביים דיכטער פון דעם רירנדיקסטן, פּאָלקסטימלעכסטן ניגון, פון „מאי קא משמע לן דער רעגן"? — דער תירוץ איז, דער דיכטער האָט אַ ווייל אַוועקגעלייגט די פידל — און האָט אַ נעם געטאָן די פּויק...

* * *

פאַראַנען קינסטלער געגליכן צו אַ פּרוכט־בוים. פריער ווערן די צווייגן פונם בוים באַקנאָספּיקט, די קנאָספּן עפענען זיך פונאַנ־דער אין בלעטלעך, נאָכדעם ווערן זיי באַדעקט מיט שמעקעדיקע בליאונג, — און נאָכדעם ערשט אין פריען האַרבסט באַווייזן זיך די ווילדע גוזן, וואָס וואַקסן, קוועלן, זאַפטלען און צייטיקן זיך אויס אין שפּעטן האַרבסט אין — פּרוכטן. אַנדערע — קינסטלער זע־נען ווי אַ זומערדיקער וואָלקן, וואָס טראָגט זיך פּלוצלונג אָן אין אַ מחיהדיק־דערפרישנדיקן רעגן און—פאַרגייט. און אַנדערע—זאַמען זיך ניט ביז זיי קומען, — זיי זענען דאָ, זיי זענען, ווי אַ בוים פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן, פאַרוואָרצלט, צעצווייגט און באַבלע־טערט, מיט פּאַרטיקע פּרוכט און שאָטן. די שיינקייט זייערע זעט זיך ניט אין זייער שפּראָץ און בליען, נאָר אין דעם מיטן טאָג פון זייער אויסגעוואַקסנקייט. מען זעט זיי ניט אין ו ו ע ר ן, נאָר אין ז י י ן.

רייזען האָט זיך אויסגעצייטיקט פרי אין דער אידישער פּאָ־עזיע. דער טעם און ריח פון זיין ליד פילט זיך נאָך אפילו איצט. נאָר זיין וואונדערלעכע אויסגעוואַקסנקייט זעט מען בלויז שוין אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט און שטח.

עס איז גענוג צו מאַכן אַ פאַרגלייך פון רייזענס ערשטע לי־דער מיט די שפּעטערדיקע, כדי צו קומען צו דעם אויספיר, אַז

רייזענס אייגנטימלעכער באַגאַזש פון ליד ליגט אין דעם אָנהויב, אין דעם סאַמע ערשטן עטאַפּ פון זיין שאַפן. מען זעט בפירוש, אַז יענער אומעטיקער ניגון איז דער אייגענער און דער שפּעטערדיקער — מונטער־האָפערדיקער איז ביי אים בלויז — אַדאַפּטירט. אַז דאָרט דערגרייכט אַמאָל דער ניגון ביז דער העכס־טער שטופע פון פאָלקס־ליד און דאָ — איז שוין קיין ניגון ניט, נאָר לייכטע, שפּילעוודיקע און אָפטמאָל גאָרנישט זאָגנדיקע פערזן...

רייזענס ערשטע לידער — נישט נאָר איבערזינגען, נאָר מען קען זיי דאָך אפילו איבערדערציילן. ריינע ליריק דערציילט מען דען? — דערפאַר איז דאָך עס רייזענס ליד, וואָס לאָזט דערציילן זיך מיט אַ ניגון. דאָס פּשוט, ערלעך וואָרט, וואָס לאָזט זיך זאָגן מיט געזאַנג, — און ליריק וואָס עס ווערט מיט גרויס געפיל גע־זאָגט, ווערט „מיט גרויס געפיל געהערט"...

די סטרונע פון זיין פידל, וואָס שפּילט מיט „ליבשאַפט". כדי צו פילן רייזענס ליבשאַפט צו דעם מענטש און סביבה, מיט וועלכער ער איז געקניפּט און געבונדן, — איז שוין גענוג זיין עובדא, וואָס ער האָט זיך פאַרקנסט אויף אייביק מיט דער „גראָער נויט", — פאַר וועמען ער האָט „געשפּילט קאָנצערט" אין ליד און אין דערציילונג. די נויט האָט טאַקע אַפּלאָדירט אים, און מיט גרויס געפיל געהערט, — זי האָט אים אָבער פאַר זיין שפּילן „רייך" באַ־שאָנקען: „האָט מיט דערנער אויסגעשאָטן, אויסגעשפּרייט זיין לעבנס וועג"... און כאָטש די נויט—אָדער פינקטלעכער געזאָגט—דער מענטש פון נויט און אָרעמקייט,—האָט אים אַזוי „רייך" באַלוינט, — איז ער ניט פון אים אַנטלאָפן, — געבליבן איז ער דאָך מיט אים. פון אים, דעם אָרעמען, געוועבט זיין ע ר ל ע כ ס ט ן און דערפאַר אויך ה ע ר ל ע כ ס ט ן מאָטיוו. געבליבן ניט נאָר בלויז ווען דער דיכטער האָט געפונען אין „דער אָרעמער גאַס" די מינדסטע שיינקייט און דערהויבנקייט, נאָר אויך ווען ער האָט געזען בלויז „אַ טרער נאָך אַ טרער" און געזען „ווי מען פאַלט און מען פאַלט, אַז „ס'נעמט דיך אַ שוידער אַרום, און אויפהויבן ווילסטו זיי באַלד", — „נאָר אויפהויבן קענסטו זיי ניט, דו פאַלסט נאָר צוזאַמען מיט זיי"...

אין דעם אַליין שוין איז דער חילוק פון דעם פאָלקס־דיכטער און דעם דיכטער־משכיל. דער לעצטער האָט אויך „אויפהויבן" געוואָלט — און ווען ער האָט נישט געקענט, איז ער אַנטלאָפן אין דער גרויסער וועלט, אָדער אויפגעהויבן... זיך אויף די פליגלען פון מליצה. דער דיכטער פונם פאָלק, אויב ס'האָט אים ניט גע־סטייעט כח אויפצוהויבן זיי, די אָרעמע, צו זיך, האָט אים געסטיי־עט ל י ב ש אַ פ ט צו פאַלן גלייך מיט זיי, צו קניען אין דעם יאָמער־טאָל פון לעבן מיט אַ תפילה...

צניעותדיקע ליבשאַפט איז ביי רייזענען אויך דער מאָטיוו פון — ליבע. דער ענין ליבע איז, דאַכט זיך, זייער אַ לייכטער — ווער זינגט דאָס ניט פון ליבע? אָבער מען זאָגט אונדז, אַז נאָך שיר־השירים און היינע איז זייער שווער צו זינגען וועגן לי־בע. והא ראיה: טאַקע אונדזערע אידישע דיכטער. נישט פּרץ, נישט ראָזענפעלד, נישט יהואש, און נישט אפילו פיל פון די אינ־גערע דיכטער — האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם געוויינלעכן נוסח פון ליבע־מאָטיוו. רייזען האָט אָבער אין דעם מצליח געווען, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן מאָטיוו פאַרנאַטירלעכט, פאַרהאַרציקט, און אויך — פאַראידישט. ווידער אַמאָל — נישט פאַרסטיליזירט, נאָר אָנגעשלאָגן דעם איידעלן פאָלקס־טאָן. זיינער אַ ליבע־מאָטיוו איז אַן עכטע פאָלקס־ליד, נאָר עטוואָס בעסער, ווייל — מער געליי־טערט. רייזענס ליבע־מאָטיוו איז קיינמאָל ניט סענסועל־עראָטיש, נאָר איינגעהאַלטן־צניעותדיק, צאַרט און לויטער. אַמאָל — אַ ציי־טער־טאָן פון אומעטיקן געמיט, פון שטילער בענקשאַפט; אַמאָל — אַ ליבלעכער „ראָמאַנס", אין וועלכן דאָס געפיל פאַרגייט אין אַ נאַאיווער סענטימענטאַלקייט; אַמאָל אַ חנעוודיקע שטיפעריי, אַ קלוגער קאַלאַמבור, אַ שפּילעוודיקער עפּיגראַם, אין וועלכן ס'מי־ניעט שפּאַס און ערנסט...

„אומעטיק, קינד מיינס, צו לעבן אַליין,
קענסט אפשר קומען צו מיר!
מיין צימער איז אָרעם, מיין צימער איז קליין,
האָט אַ באַזונדערע טיר, —
האָט אַ באַזונדערע טיר,
נאָר קיינער, אוי, קלאַפּט ניט אין איר...

אומעטיק, לעבן מיינס, אומעטיק, שווער,
און ווי נאָר דער אָוונט ער קומט,
זיץ איך די אויגן צום טיר און איך הער:
דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט, —
דער ווינט אַזוי טרויעריק ברומט,
און ס'דוכט מיר אַז עמעצער קומט..."

אפשר איז דאָס ניט קיין אויסגעשפּראָכן „ליבע"־ליד. — ס'איז אַ ליד, וואָס קען געהערן צו פאַרשיידענע געביטן פון פּאָעזיע און אומעטום דינען ווי אַ מוסטער: אַ לירישע ליד פון דינסטער שטי־מונג. אַן עלעגיע. אַן עכטע פאָלקס־ליד. און אויך אַן עכט־רייזע־נישע ליבע־ליד, אין וועלכן די ליבשאַפט ווערט באַגלייט מיט די סטרונעס פון אומעט און בענקשאַפט, אין וועלכן די „ליבע", איז פאַר־דעקט מיטן שלייער פון שטימונג, באַהאַלטן אין די פאַלדן פון געמיט.

אַ פאָלקס־ליד אין אַלע הדורים, מיט אַלע זיבן חנען און אויך דעם חן פון נאַאיווער סענטימענטאַלקייט — איז דאָס מיניאַטור־נע לידל: „אָפּשייד". אין תוך און עצם — אַ ליבע־ליד, צי אפשר — פּאַסט זיך זאָגן, ווי פאַר אַלע רייזענס לידער פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע — אַ ליד פון ליבשאַפט:

„און אַז דו וועסט, מיין טייער לעבן, אַוועקפאָרן,
וועל איך גיין צום באַן דיך באַגלייטן;
און אַז דו וועסט מיך באַלד ניט פאַרגעסן —
וועל איך שענקען דיר אַ קרענצעלע קווייטן.

און אַז עס וועלן אָנהויבן די קווייטן צו וועלקן,
ווי דו וועסט נאָר איין סטאַנציע אָפּפאָרן —
זאָלסטו באַלד וויסן, אַז איך בין אויך
אַן דיר גלייך פאַרוויאַנעט געוואָרן..."

רייזענס „שטיפעריי" האָבן זייער באַזונדערן חן. גוטמוטיקער הומאָר שפּרודלט פון די לייכט־זינגעוודיקע פערזן, וועלכע זענען דורכגעוואָרעמט מיט האַרציקייט, און וויברירן מיט אומעטיקער ליבשאַפט פון פאַרגעבונג. ס'איז ליבשאַפט צו צעבאַלעוועטע אָבער

גוטע קינדער, וועלכע שפּילן זיך מיט ליבע און אפילו דער פּיין, וואָס זיי פאַרשאַפן, ווערט אויסגעליכטיקט דורך אַ קלוגן פּסוק און אַן אַלץ פאַרגעבנדיקן שמייכל. ס׳איז אָפטמאָל אויך אַ שפּיל אַזאַ פון שפּאַס און איינפאַל, אַלמאַדיש ווי אַ קאָמפּלימענט, און יונג ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט ווינטל אין אַ הייסן טאָג...

ליבשאַפט איז ביי רייזענען דער כאַראַקטער־עלעמענט, וואָס איז מתקן די „קליינלעכקייט״ פון מענטש און לעבן, וועלכע ער שילדערט אין זיין דערציילונג און די „נאַקעטקייט״ פון געפיל און שטימונג אין זיין ליד, וואָס וואָלטן אַן דעם געוואָרן באַנאַל און פלאַך. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דווקא רייזען, וועלכער האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע דעם מאָטיוו פון יחיד, — דווקא ער האָט דעם „איך״ נישט געמאַכט עגאָצענטריש, נישט אַרויסגעהויבן אים פון דער קליינלעכקייט פון סביבה, נאָר פאַרקערט, פאַרבויגן זיין זכות, כדי אַרויסצוהויבן יעדע שיינקייט, יעדע גוטסקייט פון דער אָרעמקייט, פון דער קליינלעכקייט, וואָס ער האָט געזען. דער „איך״ וואָלט טאַקע ניט געקראָגן קיין השפּעה און וואָלט אַזוי אויך נישט געווען משפּיע, ווען ער וואָלט אָרגאַניש נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער דאָזיקער גרויער סביבה און נישט באַהעפט געווען מיט יענעם מענטש און לעבן, דורך איטלעך פּאָדים־נערוו פון — ליבשאַפט. יעדע טרויעריקע, קלעגלעכע דערשיינונג, וואָס דער דיכטער זעט, רופט ביי אים אַרויס, נישט קיין געפיל, צו ווען פאַרמאַסקירן, אָדער צו פאַרשלייערן דעם פּנים פון אָט דערווירקלעכקייט, — נאָר פונקט פאַרקערט — דערנענטערן זיך און זען ס׳צעוויייטיקט פּנים, אין יעדן קנייטש פון פּיין און אומעט און פילן די ביטערקייט מיט אייגן לייב און זעל. יעדער עפּיזאָד פון קבצנישדיקן לעבן, יעדער קלעגלעכער פאַרשווין, מיט זיין אָרעמע השגחה, און אַפילו אויך די נויט, וואָס שרייט און פּילדערט, שילט און חרמעט, און איז מיאוס, העסלעך, — רופט ניט אַרויס ביים דיכטער, קיין פיינטשאַפט, צי פאַראַכטונג — נאָר ווייטיק און רחמנות; אַזאַ רחמנות, וואָס באַליידיקט נישט, נאָר וואָרצלט אַלע מאָל אין — ליבשאַפט. רייזענס מיטלייד צו די אָרעמע און באַליידיקטע איז נישט רחמנות, וואָס וואַקסט אַרויס אַמאָל פון עגאָצענטרישקייט, נאָר — ב אַ ר ע מ ה אַ ר צ י ק י י ט.

רייזענס באַרעמהאַרציקייט מאַכט קיינמאָל ניט קיין פּיסקעס פון רחמנות, — זי רעדט צום אָרעמען מיט אַן אָפן פּנים און אַ שמייכל אויף די ליפּן; זי מאַכט ניט קיין העוויות פאַר דעם עלנטן, דער־נידעריקטן, פאַריאָכטן, — זי רעדט צו זיי — און וועגן זיי — אויף אַ קלוג אָבער פּשוט לשון, מיט אַ מילדן, איידעלן, שטילן, אַלצ־פאַרגעבנדיקן הומאָר...

דער דאָזיקער מאָמענט פון רייזענס כאַראַקטער — באַרעמהאַר־ציקייט, איז מערער חל אויף זיין דערציילונג. דאָרט וואו מענטש און סביבה — איז פאַרן דיכטער נישט קיין אָביעקט פון שטימונג, נאָר פון פּלאַסטישער שילדערונג און רעאַלער אויפפאַסונג. אָבער אויך אין זיין ליד טראָגט דורך זיך אָפט אַ שטראָם פון באַרעמ־האַרציקייט. דער שטראָם פון באַרעמהאַרציקייט גיסט ברייטער זיך פונאַנדער כמעט אין אַלע לידער, וואָס דערציילן פון דער „גראָער נויט”; ער פליסט אָביסל שטילער, איינגעהאַלטענער אין די „פאָלקס־מאָטיוון”; און טראָגט זיך דורך אפילו אין די ליבע־לידער. ווי אַ מוסטער קען דינען איינס פון רייזענס לידער: „דאָס געבעט”.

„עס הערט זיך דער דונער פון וויטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ; —
אָ, גאָט, האָב רחמנות, די אָרעמע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבעטן איצט אויף די פעלדער,
געפינען זיך וויט פון דער היים,
און האָבן קיין אָרט, וואו זיך שיצן,
קיין שייער, קיין דעכל, קיין בוים.

וואָס זיינען אַצינד אונטערוועגנס,
די פורן מיט משא פאַרלייגט,
און וויט איז פאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע,
און וערן פון רעגן צעווייקט.

וואָס שטייען אין מאַרק מיט די קוישן
מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט —

און אַלע וואָס זיינען אינדרויסן,
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אַלע וואָס זיינען פאַרוואָגלט,
וואָס די ערד גיט קיין ווינקל זיי ניט, —
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירם זיי, גאָט, און באַהיט!"

דאָס ליד איז אויך אַ מוסטער פון רייזענס פשטות און אומ־מיטלבאַרקייט פון געפיל און אויסדרוק, — אין יענער צייט אַ דער־שיינונג גאָר אַ נייע אין דער אידישער פּאָעזיע. מחמת ס'האָט זיך נאָך געהערט אין איר — פון איין זייט — דער נאָכקלאַנג פון דער משכילישער מליצה און פון דער צווייטער זייט — דאָס וואָרט, וואָס האָט געקלונגען מיט פּרעטענזיע. דאָס ליד וואָס מ'האָט, פאַר ליבשאַפט אפשר, געקרייזלט און באַפּליטערט, צו מאַכן לייטיש...

רייזען האָט נאָך דאַן דאָס ליד זיינס ניט געקרייזלט און גע־פּוצט, צו מאַכן לייטיש, ער האָט עס בלויז געאידישט און געכשרט אינם פאָלקס־קוואַל. שפּעטער אָבער ווען ער האָט דאָס ליד געוואָלט שוין מאַכן „לייטיש" — האָט זיך אָפּגעטאָן פון דעם דער ריי־זענישער חן.

רייזענס סוביעקטיווע ליריק, פון אויפרעגונגען, שטימונגען, געפילן, איז נאָך דאַן געווען אין דער אידישער פּאָעזיע אַ באַזונדער פּרק שירה. אייגן איז געווען דער טאָן און ניגון. אַנדערש האָט ער אויך געקלונגען. פון איין זייט — דער גלעטנדיקער מאָטיוו פון באַרעמהאַרציקייט און ליבשאַפט; און פון דער צווייטער זייט — די נאָגנדיקע טענער פון א ו מ ע ט און פּ י י ן. אין דעם האָט אויסגעדריקט זיך דער פּסיכישער צושטאַנד פונם דיכטער, וועל־כער האָט געפונען זיך אין ענגן אָבער אייגן קרייז פון נאַציאָ־נאַלער און סאָציאַלער סביבה.

נאַציאָנאַל — איז אָבער נישט געווען ביי אים די עובדא פון דעם אידישן רענעסאַנס, וואָס זיינע טריט האָבן זיך דאַן געלאָזט דערהערן; און אויך ניט די טראַדיציאָנעל־געשיכטלעכע דערשיי־נונג, מיט איר פיינלעכן אָבער שטאָלצן המשך, — גיכער האָבן דעם דיכטערס נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און געפיל געוואָרצלט אין

דער ווירקלעכקייט פון אידיש לעבן, אין דער גרויער וואָר, אין דער גרויסער נויט פון היינט, אין דער וואָכיקייט, אַלטעגלעכקייט פונם לעבנס־שטייגער, אין דער איזאָלירטקייט פון דער פּעריפעריע. פאַר אים, דעם דיכטער פון רעאַלן קוק און אויפנעם, איז „פאָלק״, געווען בלויז — אַן אַבסטראַקציע. פאַר אים האָט ניט געגילט דער ראָמאַנטיש־אידעאַליזירטער כּלל, נאָר דער רעאַלער יחיד. אַנשטאָט דאָס פּינטעלע איד, האָט ער דערזען און אפשר טאָקע אויך אַנט־דעקט דאָס פּינטעלע יחיד. אַנשטאָט דאָס אַלגעמיינע פאָלק, אין זיין פאַרשמעלצונג, — דער אויסגעטיילטער, קאָנקרעטער, אינדי־ווידועל־פּערזענלעכער מענטש פון פאָלק, פון די ברייטע שיכטן, מיט זיין גאַנצן פעקל לעבן.

די אידישע אָרעמקייט, דער אידישער דלות, די אידישע אומ־באַהאָלפנקייט און ליידן, — איז געווען פאַר אים אויך מער פון אַלץ אַ סטימול אַ סאָציאַלער. און ווייל ער האָט געשטעקט אין איזאָלירטקייט פונם שטעטל, און ווייל די שטאָט איז אויך געווען פאַר אים — בלויז אַ געשפּענסט, ווייל דאָרט און דאָ און אומעטום האָט ער געזען דאָס טרויעריקע בילד פון אידיש לעבן, האָט זיין מערכה געלייגט דעם שטעמפּל אויף זיין קינסטלערישער פאָרמאַ־ציע און באַרוף. — ער איז געוואָרן דער דיכטער פון אָרעמקייט און נויט. אין דעם, איז סיי זיין ערשטער און סיי זיין גרעסטער זכות.

„און איך האָב ליב דעם לייד און איך האָב ליב דעם צער״ — האָט רייזען נאָך פיל יאָרן שפּעטער אונדז דערציילט. מען קען דעם דיכטער גלויבן. מען האָט ניט ליב קיין ליידן און קיין צער, ווען מען פילט ניט, אַז מען איז אין דעם אי ערלעך, אי קינסטלעריש באַרעכטיקט.

* * *

מיט אומעט און פּיין זענען דורכגעדרונגען כמעט אַלע רייזענס פריערדיקע לידער. דאָס פילט זיך סיי אי דיכטערס סוביעקטיוו־אינטימען ליד סיי אין דעם מאָטיוו, אין וועלכן ס׳קומט צום אויס־דרוק דאָס נעבעכדיקע לעבן, די טרויעריקע דאָליע, דער קלעגלעכער צושטאַנד פון דעם אָרעמען, עלענטן, ליידנדיקן מענטש אין די אַלערליי מאָמענטן פון פּאַסיווער מאַטערניש. עס איז דער אומעט און

דער פּיין, וואָס רופט נאָך ניט צו אַגרעסיווע מעשים, וואָס מאָנט ניט און רעדט ניט האַרבע ווערטער כּלפּי דעם סאָציאַלן איבל, — עס שילדערט נאָר דעם מצב מיט אַ שטילן טאָן און פאַרב, ס׳דער־ציילט נאָר מיט אַ ניגון וועגן גורל פונם מענטשן, וועלכער צאַפּלט זיך אין נעגל פון דעם אומשטאַנד. דער דיכטער איז קיין זייטיקער, קיין פרעמדער. ער איז אַליין געקניפּט און געבונדן מיט דעם מענטש פון מאַסע. ער רעדט אַליין מיט דעם זעלבן אָרעם־פּשוטן אָבער וואַ־רעמען לשון; ער טראָגט אַליין דעם אומעט און דעם פּיין אין יעדן פאַלד פון זיין נשמה. און ס׳איז זיין איטלעך מינדסטע ליד — נישט בלויז אָפּרוף, נאָר אויך געמיינזאַמע איבערלעבעניש, „בשותפותדיקער״ געפיל פון יאוש, בענקשאַפט, צער און ווייטיק.

* * *

די פריערדיקע לידער רייזענס, פון איין און זעלבן גייסט, מיט איין און זעלבער גאַנצקייט פונם זשאַנר, מיט אינערלעכער פאַר־קניפּטקייט איינע מיט די אַנדערע, האָבן אָבער אויסערלעך זיך די־פערענצירט אין דריי באַשיינפערלעכע, אויסגעפאָרמטע קאַטעגאָ־ריעס. די ערשטע און באַדייטנדיקסטע קאַטעגאָריע איז געווען אין גייסט פון פאָלקס־ליד. דער איינפאַכער נוסח, דאָס פּשוט לשון, די אוממיטלבאַרקייט פון געפיל, די זינגעוודיקייט, וואָס האָט אויך דערציילט, נישט מיט פאַרב, נאָר בלויז מיט טאָן, — האָט רייזענס ליד געמאַכט כמעט ווי אַ באַשטאַנד־טייל פונם פאָלקס־ליד. צי אפשר גאָר פאַרקערט — רייזענס ליד האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דער אימאַנענטקייט פונם פאָלקס־ליד און האָט באַקומען אייגן־נייעם תיקון.

אין נוסח פון פאָלקס־טאָן זינגט ביי רייזענען די „גראָע נויט״:

„אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ צוויעק נאָך אַ צוויעק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!״

דער קלויזניק גיסט זיין האַרץ אויס אין אַ ניגון. דער אומעטי־

טיקער, טראַדיציאָנעלער ניגון מיט דעם נאָגנדיקן טראָפּ, וויגט זיך מעלאַנכאָליש, ווי דעם קלויזניקס שאָטן אויף די גרויע ווענט. ער וויגט זיך אין דעם אַלטן קלייזל מיט דעם יונגן לערנער, און מיט דער האַרבער קשיא פון זיין שווערן לעבן:

„מאי קא משמע לן מיין לעבן?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן?"

דער טיפּ פון קלויזניק איז שוין אפשר איצט בלויז פאַרגאַנגענהייט, ראָמאַנטיזם. רייזען האָט אים אָבער פאַרפּיקסירט אויף דורות. זיין אומעטיקער חן — דער אידישער — מיניעט זיך אין יעדן פערז פון אָט דעם וואנדערלעכן פאָלקס־ליד.

דער זעלבער טעם און ריח פונם פאָלקס־ליד פילט זיך אויך איז רייזענס „דער גמרא ניגון", „דאָס געבעט", „די אָרעמע כלה" און „דער הענדלער"; אין דער סעריע „פאָלקס־מאָטיוון", פון וועלכע ס׳טיילן זיך אַרויס — דער האַרציקער ליבע־מאָטיוו „אָפּשייד" און דער טיף־לירישער „אין קישן"; אין טייל לידער פון דער סעריע „ליבע"; אין דער ליריש־עפּישער פּאָעמע „מיין צוריקקער אהיים"; און אָפילו אין געוויסע לידער פון „צער און יאוש" און אין עטלעכע „געמישטע לידער", פון וועלכע ס׳זעט זיך אָן באַזונדער, ווי פאַרבלאָנדזשעט, דאָס עכטע פאָלקס־ליד „מיין האַרץ איז ווייך":

„מיין הארץ איז ווייך, ווי ביי אַ אינגל,
וואָס האַלט זיך אָן דער מאַמעס קליידל;
מיין מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן —
זיי, דו, מיין מאַמע, ליבע מיידל.

איך וועל דיר ווי אַ מאַמע פאָלגן
אַלץ וואָס דו וועסט נאָר הייסן, זאָגן;
און אַז דו וועסט, מיין ליבע, שטאַרבן,
וועל איך נאָך דיר אויך קדיש זאָגן..."

די צווייטע קאַטעגאָריע פון זיין ליד — עלעגיע. דער עלעגישער מאָטיוו — פון אומעט, ספקות און אַנטוישונג, שנירלט דורך און קניפּט פונאַנדער זיך אין ס׳רוב פון זיינע לידער. אַמאָל דער־

פילט ער זיך אין אויסדרוק פון געמיט און אָפּטמאָל קוועלט ער שטיל אַרויס פון דער סיטואַציע. אַמאָל וויברירט ער אין אַ דינעם, דעליקאַטן ביי־טאָן, און אָפּטמאָל קלינגט ער זעלבסטשטענדיק אַרויס. ס׳איז ניט באַשטימט ביי רייזענען דער גדר פון עלעגיע. דאָס עלעגישע פילט זיך אומעטום — סיי אין שילדערונג פון דער גרויער נויט, סיי אין דער מעלאָדיק פונם פאָלקס־מאָטיוו, סיי אין דער מאָדולאַציע פון דעם, מערסטן טרויעריקן און דערפאַר ספּעצי־פיש אידישן, מאָטיוו פון ליבע, און סיי אין דעם פערזענלעך־אינדי־ווידועלן ליד פון אייגענעם געפיל און שטימונג. די סיבה פון דער דאָזיקער עלעגיע־דאָמינאַציע, איז גאָר אויבנאויף: די צייט און אָרט, דאָס לעבן און די סביבה, אין וועלכע רייזען האָט זיך דאָן געפונען. די אייגנשאַפטן פון זיין אידישן כאַראַקטער — געטאָפּלט מיט דער אייגענער פסיכיק און דער איינגעבוירענער נטיה, צו זען דאָס טרויעריקע פון לעבן. די דאָזיקע נטיה האָט דערפירט אים ביז רגילות; אמת, ביז דער קינסטלערישער געוואוינהייט, וואָס איז קיינמאָל ניט מעכאַניזירט געוואָרן. און דער באַוויז — דאָס בעסטע ליד וואָס וואַרפט זיך־דורך דורך זיינע שפּעטערדיקע „פריי־לעכערע" לידער איז — ווידער אַמאָל — די עלעגיע.

די דריטע קאַטעגאָריע פון זיין ליד — דאָס קורצגעפאַסטע אָבער תמציתדיקע לידל — אַמאָל מיט קלוגע, אַפאָריזמאַרטיקע סענטענצן, אַמאָל מיט אָנגעשפּאַנטן עפּיגראַם, וואָס גיט אַ גאָר נישקשהדיקן שנעל אין נאָז...

דער דאָזיקער זשאַנר פונם ליד — קנאַפּ און שפּילעוודיק און אַקצענטירט דער סוף; מיניאַטורנע — אין געבוי און פערז, — איז טאַקע דאַן געווען אַ נייס אין דער, מערסטנטייל באַריידעוודי־קער, אידישער פּאָעזיע.

פּאַר אַ ביישפּיל קען דאָ דינען איינס פון רייזענס לייכטע לידלעך:

„מאוס איז די ערד, מיין פריינט,
און פאַרדעקט מיט ראָסט;
וואַקסט אַמאָל אַ בלימל אויס —
טויט עס אָפּ דער פראָסט.

טרויעריק איז די ערד, מיין פריינט,
ווי אין האַרבסט דער וואַלד;
פליט אַמאָל אַ פויגל דורך —
שיסט דער יעגער באַלד..."

אַ צווייטער עדות, וואָס חכמעט זיך ניט ביי אַזאַ „געלעגנ־הייט", נאָר גיט אַ לייכטן קיבעץ, איז דאָס לידל „פרויען":

„פאַרזאַמט האָט זיך משה אין הימל,
און דאָס פאָלק האָט נאָך גאָט זיך פאַרבענקט;
אַן אַנדערן גאָט זיך צו מאַכן,
האָבן פרויען די צירונג געשענקט.

אָ, איצט זענען אַנדערע פרויען —
עס בייטן זיך צייטן, אַ שרעק!
אָ, היינטיקע פרויען פאַר צירונג,
זיי שענקען דעם גאָט אייך אַוועק!"

דאָס איראָניש לידל „גאָטס פוסבענקל" גיט אַ קיבעץ אַזש דעם כביכול:

„דער גרויסער פרייער הימל,
דאָס איז דאָך גאָטס טראָן;
און ריין איז גאָטס הימל
פון אייביק, אייביק אָן.

די ערד — דאָס איז זיין בענקל —
אַזוי זאָגט גאָט אַליין —
צי פּאַסט דיר, גאָט, דיין בענקל
זאָל זיין אַזוי ניט ריין?"

און אויך די שפּעטערדיקע לידער — פון נייער צייט און ניי־עם אָרט — פלעכטן דורך זיך ווען — ליידער נישט גאָר אפט — מיט דעם קלוגן פּסוק, מיט דעם קורצן אָבער קערנדיקן אַפאָריזם:

1) צוויי געטער איז שווער דיר צו דינען, דען יעדער פון ביידע איז שטרענג; און וועסטו צו איין גאָט זיך ווענדן — וועט ווערן דער צווייטער דיר ענג.

2) ביז מען וועט זיך לאָבן מיט די קוואַלן פריש, איז אַליין דאָס גראָבן ליב דערוויל און זיס.

3) וואו איך בין שוין לאַנג — איז ווייט אַזוי און באַנג; און וואו איך בין נאָך ניט — דאָרט לעב איך שוין פון לאַנג.

4) אַזוי דערגרייכט מען קיינמאָל ניט אויך דאָס, וואָס איז דערגרייכט.

5) דו קענסט מער ווי איינס ניט דערלאַנגען, דערפאַר נאָך דאָס אַנדערע בענק.

6) ניט גיב זיך קיינעם אונטער, באַווייז — אַז דו ביסט דאָ.

7) וואָס עס בעטן דורות, מוז מקוים ווערן.

* * *

רייזען אָבער האָט זיך אויסגעצייטיקט פרי. מ'האָט אים כמעט ניט געזען אין ו ו ע ר ן, נאָר אין ז י י ן.

דערפאַר די שפּעטערדיקע לידער זיינע, אין וועלכע ס'האָט דערפילט זיך גאָר אַ שפּאָגל־נייער טאָן, אַ האָפערדיקער, מונטערער מאָטיוו, — האָט שוין ניט געווירקט אַזוי און קינסטלעריש אַזוי ניט איבערצייגט. די אויסערלעכע פאָרם פון זיין ליד האָט אפשר זיך פיל ווייניקער געביטן, דער טאָן—אַ ביסל זינגעווודיקער, לייכטער— נאָר דאָס אינערלעכע וועזן איז שוין ניט די זעלבע ווי געווען. זיין ליד האָט מער שוין ניט אַזוי די אוממיטלבאַרקייט פון געפיל, דעם חן פון תמימות, ניטאָ שוין מער דער אויסגעלייטערט־פרישער פאָלקס־טאָן, דער שטילער צאַרטער אומעט און דער איידל־קלוגער הומאָר.

די סיבה, וואָס איז אויבנאויף — רייזען וואָרצלט אַלץ נאָך אין דער אַלטער היים, אין דעם — איצטער שוין ראָמאַנטישן — אַמאָל. ע ר ה אָ ט ז י ך נ אָ ך אָ ל ץ ד אָ נ י ט אָ ק־ ל י מ אַ ט י ז י ר ט. צוויי ברירהס איז בכן פאַר אים געווען: צו ציען ווייטער יענעם אַלטן, ליבן ניגון, אָדער צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה, און אויך — צו דער נייער צייט. און נעמענדיק די צווייטע ברירה — האָט ער אפשר דורכדעם זיין אייגנטימלעכקייט פאַרלוירן. — ווייל צוויי מאָל רייזען האָט ער ניט געקענט שוין זיין.

דורך צענדליקער אימפּראָוויזאַציעס און אימפּרעסיעס, עקס־פּראָמטן און פאַנטאַזיעס, לידער און מאָטיוון, אויף אַלע מיני טע־מעס, וואַרפן דורך זיך איינצלנע ניגונים, וואָס דערמאָנען רייזענס אַלטן, ליבן שטייגער. פאַרבלאָנדזשעט אַן עלעגיע. באַווייזט זיך װען אַ תמציתדיק און אַפאָריזמאַרטיק לידל. כאַפּט אַרום אַמאָל אַ האַרציק זיסער אומעט פון אַ זינגעוודיקן פערז. — אָבער צווישן אַלע האַפּערדיקע, אונטערטאַנצנדיקע לידלעך, צווישן די קורצזיכ־טיקע אימפּרעסיעס און קורצאָטעמדיקע סאָציאַלע הימנען, צווישן די בלאַסע נאַטור־געמעלן און די געצוואונגענע אורבאַניסטישע מאָטיוון, — זענען אָט די לידער, ווי פאַרבלאָנדזשעטע נשמות.

מיר גלויבן נישט ווען רייזען זאָגט:

„וואָס גייט דאָס וואָכיקע דיר אָן?\
טראַכט אויס, קלער אויס, נאַר אָפּ, זאָג אָן;\
אין נעפּלען ראָזיקע פאַרהיל\
דאָס וואָכיקע אין לויטער שפּיל — — — —\
און ניט דערצייל, נאָר גיב אַ וואונק".

מיר גלויבן אָבער זייער אים ווען ער זאָגט:

„אין רייד פון פאָלק וואָס ליידט,\
אין רייד פון פאָלק וואָס שאַפט,\
איז שיינקייט און באַדייט,\
און שטילע טיפע קראַפט".

מיר גלויבן אים אויך ווען ער זאָגט:

„די אָרעמע, קליינלעכע זאָרגן, —\
פיל שיינקייט אין זיי איך געפין" —

ווייל אויסטראַכטן און אויסקלערן און אָפּנאַרן — איז ניט געווען רייזענס שטייגער — נישט אין זיין ליד און נישט אין דער־ציילונג. פאַרהילן דאָס וואָכיקע אין „נעפּלען ראָזיקע" — איז ניט געווען רייזענס זשאַנר; און געבן אַ וואונק און נישט דערציילן — איז ניט געווען רייזענס מאַניר. רייזענס גרויסקייט איז געלעגן דווקא, אין דעם געפינען פיל שיינקייט אין די אָרעמע, קליינלעכע זאָרגן; און דווקא אין דערציילן וועגן זיי — נישט אויפן וואונק, נאָר אָפענערהייט.

מאַני לייב

אין זיין פרימאָרגן האָט ער זיינע לידער אויסגעשטאַמלט. ניגונים האָבן אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם — האָט ער אויסגעזיפצט זיי און אויסגעשטאַמלט זיי אין לידער. אַמאָל האָט אַ וואויל־יונגע־רישער פייף אַרויסגעהאָלפן אים דעם שטאַמל; אַמאָל האָט אים אַ כוואַליע פרייד אַ הויב געטאָן אין „העי!״־געשרייען, — נאָר מער פון אַלץ האָט אין אים געוויינט, און מער פון אַלץ האָט אין אים גע־מאָנט. און געשטאַמלט האָט ער און דערציילט פון „עמעץ״ און פון „עפּעס״: עפּעס אויגן אין טרערן האָבן אים אַריינגעקוקט אין האַרץ... עמעץ וויינט און עפּעס מאָנט... עמעץ קלאַפּט אין פענצ־טער... עמעץ קומט אַ וויסער אָן... און באַלד גאָר — עמעץ אין שוואַרצן בלייבט שטיין ביי זיין קבר... און סתם — „ס׳איז אומע־טיק עפּעס... איך ווייס?״

„איך ווייס?״ — האָט ער געפרעגט — און האָט געפּיעשטשעט זיך אין טרויער. זיין פרי־אויסגעצייטיקטקייט האָט אים מיד געמאַכט פון „לבנהס כישופדיקע שטראַלן״... האָט אים אָנגערעדט, ער זאָל דערציילן, וואו ער וועט זיין קאָפּ אין טיפן טרויער בייגן... האָט אים אויפגעשטעלט האַלוצינאַציעס גאָר פון בלינדע: דאָ אַ בלינ־דער מיט אַ טאָרבע... און דאָ אָנטקעגן זיין פענצטער סתם אַ בלינ־דער, וואָס ער טאַפּט פאַר זיך בלינד...

אויך ער האָט דאָן געטאַפּט פאַר זיך בלינד.

די לידער זיינע דאָן — פראַגמענטן. קורצאָטעמדיקע שורות פון אַ טאָג־בוך, וואָס האָט קיין דאַטעס...

ער האָט געזען „די ווייסע פרייד אין זיבן שלייערן״. און נישט בלויז פרייד — ער האָט אַליין זיך ליב געהאַט צו שלייערן מיט ווערטער, שטימונג, טרויער, בענקשאַפט. זיבן שלייערן האָבן אים פאַרדעקט זיין פיזיאָנאָמיע. דאָס דינע, זיידענע געוועב פון שטי־מונג — איז געווען דער ערשטער שלייער.

פון שטאַמל איז ער שפּעטער אַריבער — צום קלאָרן וואָרט. לענגערער אָטעם. פאַרטיפט. דער נעפּל פון זיין מאָטיוו האָט זיך אויסגעלייטערט. און די לויטערקייט — אַזוי דורכזיכטיק, בורשטי־

ניק. ס׳האָט זיך דערפילט אויף אַ לענגערע, גראַדע ליניע. זיין ליד האָט זיך אויסגעצייטיקט. זאַפטיק און צאַרט אָבער שוין מער וואָגיק. ער איז נאָך אַלץ קאַרג געווען אויף אַ וואָרט, קנאַפּ אין ווערטער־פאַרנעם. איינגעהאַלטן — אָפּגעהאַלטן.

פון סאַמע אָנהויב שוין, אפילו מיט אַלע זיינע שיינע חסרונות איז ער געווען — און איצט נאָך מער געוואָרן — דער לירישסטער פון די פּאָעטן. איינער פון די עכטסטע.

* * *

אַ שפּרונג געטאָן מיט דער גאַנצער גרויס — צו די קינדער. פאַר זיי — באַריידעוודיקער, אומגעצאַמטער, פריידיקער.

אַ ליכטיקער שטראָם האָט אַ פלייץ געטאָן און אָפּגעפרישט די גרויע, אומעטיקע ערד. קינדער־מעשהלעך פונאַנדערגעוויקלט זיך, ווי בונטע, שמעקעדיקע בלומען־בייטן. פון די ווייסע ווייטן — האָבן זיך צעקלונגען גלעקלעך. גלעקלעך וויינען, שטיפן, לאַכן. „גלעקלעך, לעמער, ציגן, רינדער, און אין ווייסע העמדלעך קינדער". — ס׳איז דאָס וואונדערלאַנד פון שפּיל. שפּיל איז — פרייד. שפּיל איז פאַר־געסנקייט. אינם ריטמישן דריידל — מישט זיך קינד און קייט; שפּרינגען רינדער, קינדער, וואָלקנדלעך — לעמער... דער רעגן טאַנצט מיטן גאָלדענעם ווינט... דער הימל בויגט זיך איבער — קוקן... זון — פאַלט אַזש אַרונטער, ממש אונטער די פיס... בוימער שטופּן זיך אויף טשיקאַוועס... הייזער פּיפּקען נחת... פעלדער דרייען זיך מיט גרין און בלי...

אי שפּילעוודיק, אי בילדעריש איז ער געוואָרן אין מאָטיוו און אין זיין אָפּקלאַנג, און אפילו אויך — אין גראַם. אמת, אויך פאַר גרויסע זענען זיינע פּשוטע גראַמען, עפּעס תמיד וואוילקלינ־גענדיק. אָבער פאַר די קינדער זענען די גראַמען נישט בלויז קלאַנ־גען, נאָר לעבעדיקע בילדער: „איך וועל די רימענע לייצעס אַ נעם טאָן, און מיטן שליטן דעם שניי אַזאַ קעם טאָן".

די קינדער־לידער זיינע — דערהויפּט די עפּישע — זענען אויף דער זעלביקער מדרגה פון אַנדערסענס מעשהלעך: זיי זענען פאַר קינדער און אויך — פאַר דערוואַקסענע.

זעט מען אויך דאָס קינדערשע גאָר אָפּט אין זיינע לידער פאַר די גרויסע: דאָס קאַפּריזנע, חנעוודיקע, אומעטיקע קינד...

* * *

זיין פריערדיק שטאַמלען — אַ רעמאָנסטראַציע פון כוונה, מיט קליינע מיטלען. קולטור־היסטאָריש ווערט דעשיפרירט דער שטאַמל אַנדערש:

דער שפּראָץ פון אידיש־קינסטלערישן רענעסאַנס אין נייעם לאַנד. איידער נאָך עס האָבן זיך פאָרמירט די „יונגע" אין אַ ריכ־טונג, געווען זענען יונגע סתם. אפילו ווען פאַראייניקט אונטער איין און זעלבן דאַך — „שריפטן" — יעדער מיט זיין אייגענעם וואוילינגערישן פּרואוו. פון וועמען לערנען זיך? איינע פון די אַנ־דערע? — אַז קיינער איז נאָך נישט סטאַביל אַלס מוסטער; אַז איטלעכער אַנטקעגן שפּיגל שטייט און מאַכט העויות, מאַכט בלויז חנדלעך פאַר אַן אייגענער פּאָזע...

צי לערנען זיך ביי די, אַנטקעגן וועמען מען רעוואָלטירט? אַדאָפּטירן אַ פאָרם און מאָטיוו אין וועלכע מ'גלויבט נישט? — דאָס יחידיש־אינדיווידועלע האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון כללישן שטייגער. אַנשטאָט דאָס אַלעגאָרישע פאָלק — קאָנטורן פון קאָנ־קרעטן „איד". אַנטקעגן דעם „צויבער און פּראַכט" פונם ראָזענ־פעלדישן „מאַי", — האָט אויפגעטויכט אַ סוגעסטיווע שטימונג — פּשוטער אין אויסדרוק, דינער אין קאָלאָריט: „אַ שניי צעשפּרייט זיך אויף די גאַסן ווייס און ווייך און שטיל — און ווייס און ווייך און שטיל שטייט אויף אין האַרצן אַ געפיל". — אַנטקעגן דער מוחדיק־אויסגעקליגטער מליצה, וואָס געריטן אויף דער קליאַטשע אָדער — אָדלער־פליגל — אַ טשאַטשע ווערטער־פייגלען, וועלכע גראַמען זיך אין בלויע ווייטן; אַ מעטאַפאָר, וואָס שפּרינגט אַרויס אַן אומגעצוימטער — אַ לאָשעק אויף די פליינען...

נישט געצוימט — אַ לאָשעק — אין מען הפקרדיק געשפּרונגען — און לאַנג זיך אָנגעשפּרונגען — ביז מ'איז אַריין אין „שפּאַן". קינסטלערישער שפּאַן. אַ שפּאַן, וואָס לערנט אויסמיידן סכנות — און שלעפּן משא.

נישט נאָר ער — דער אולטראַ־ראָמאַנטיקער — דער זינגער

פון די „דרייצן שלייערן״, — נאָר אויך דער מיסטיקער, און אויך דער ריטער פונם שיינעם וואָרט און אויך דער עפּיקער פונם „קעסל־גרוב״ — זיי אַלע האָבן פריער געשטאַמלט ביז — באַקומען לשון.

דעשיפרירט ווערט דאַן דער סוד:

זיין שטאַמל — אַ רעמאַנסטראַציע, אַ קעגנשטעל פון נייעם וואָרט, מאָטיוו און פאָרם. — נישט האָבנדיק נאָך דאַן דערגרייכט די קונסט פון גיין אין לידער־שפּאַן, מיט אייגן טראָט און אייגן כח...

* * *

קיין סאָציאַלער דיכטער איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן; האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט. נישט געוואָלט — די מורא, אַז דאָס „שיינע וואָרט״ זאָל נישט פּראָפּאַנירט ווערן דורך דעטאַל און טענדענץ. אַז דאָס וואָרט לשם וואָרט זאָל נישט פאַרלירן זיין חן און דאָס געפיל לשם געפיל — זיין אוממיטלבאַרע וויטאַליטעט. האָט נישט געקענט — ווייל בעצם אַ שטילער ליריקער, „ אַ הירש גאָר אַ צאַרטער״, „אַ ריטער פון געבענקטער בלוי״, — איז אים פרעמד דיווירקלעכקייט מיט אירע נאַקעטע קאָנטראַסטן. פּראָטעסט און קאַמף, כעס און בונט — נערן זיך נישט פון „געבענקטער בלוי״. זיי ברעכן אויס ביי שטורמישע נאַטורן. — ער איז אַלץ נאָך דער ראָמאַנטיקער, וואָס איז „אויף דער ערד געקומען נאָר אין לי־דער אויסצוטריפן״. און אפילו פאַרבייטן זיין שיינעם לעבן פאַר אַ ליד. נאָר ס׳איז זיין ליד — נישט די פּויק, וואָס רופט צו שלאַכט; און ס׳איז זיין וואָרט — נישט די שאַרף און שטראַליקייט פון שווערד, — זיין ליד איז פלייט, וואָס טאַנצן מאַכט אפילו שלאַנ־גען; און אָפט — וואָס רייט אַוועק מיט שיינקייט פונם וואָרט אין וייטן.

* * *

און ווייל נישט קיין סאָציאַלער דיכטער, דערפאַר דעם טראָפּ געשטעלט אויף „איך״. נישט געשטעלט מיט אַ כוונה, נאָר אומ־מיטלבאַר איז עס דעטערמינירט געוואָרן.

ער איז אַן עגאָ־ליריקער.

אויב ליריק בכלל איז דורכגעדרונגען מיט עמאָציע, אָבער לאָזט

אויך צו געדאַנק, — איז זיין ליריק — בלויזע סוביעקטיווע איבער־לעבונג; דינע, דורכזיכטיקע שטימונג, אָן שום אונטערשלאַק פון געדאַנקלעכקייט. זיין אינערלעכע וועלט איז נישט קיין שוועל, אפילו נישט קיין „פרוזדור" צו אַן אַנדער גרעסערער רעאַלער וועלט — נאָר נעמט אַריין די אויסערלעכע וועלט אין זיך און גיסט מיט איר צונויף זיך אין אַ סימבאָל. און נישט געדאַנק נעמט אויף און נעמט אַריין די אויסערלעכע וועלט מיט פלאַן און סדר — נאָר דאָס גע־פיל איז דער מאַגניט, וואָס ציט איר צו מיט בלינדן כח.

ער איז דער ריינער ליריקער.

די אַנדערשקייט איז נאָר אין דעם, וואָס אין די אַלע ספערן פון זיין ליריק איז ער — אולטראַ־איכיש.

זיין „עגאָ" איז די אַקס, אויף וועלכער עס דרייט זיך די ראָד פון יתרון־קאָמפּלעקס, די איינגעגלויבטקייט און פאַרליבטקייט אין זיך אַליין. דער דאָזיקער קאָמפּלעקס ווערט אויסגעדריקט — אַמאָל דורך חנדלדיקן מאַניר, און אָפטער — דורך מהותיקער אילוסטראַ־ציע, אָדער אילוסטראַציע פון מהות:

1) איך האָב געבריכערט — — — 2) איך וועל מיין קאָפּ אין טיפן טרויערן נויגן — — — 3) איך בין געקומען צו אייך — — — ווייזן מיין שיינקייט פאַר אייך, זינגען מיין גרויסקייט פאַר אייך — 4) איך בין אויף דער ערד מיט מיין לעבן געקומען אויף אייביק פאַרבלייבן — 5) דאָס בין איך דער אויסדערווײלטער אויף דער ערד פון צער און טרערן —

און —

1) איך שניץ מיין ליד — — — 2) איך בין דער ריטער פון געבענקטער בלוי אויף גאָטס ראָזע הייליקע וועגן — 3) און איך האָב ליב די ערד, די אַרבעט און דעם פרידן, די רו, דעם פּראָסטן ברויט, די האַנט וואָס מיט־זיך שווער, דעם ריינעם גאָלד פון וואָרט אין לידער איבערשמידן — 4) באַלויכטן בין איך אין מיין שטילן גלויבן: מיט זאַלץ פון שווייס צו הייליקן מיין ברויט —

זעט מען פון דעם, ווי דער מערווערטיקייט־קאָמפּלעקס — אי מאַניפעסטירט זיך, אי אילוסטריט זיך; אי עס מאַכט דעם „איך" פאַר אַ סכעמע, און אי עס פילט אים אָן מיט לעבן און אויסדרוק...

דערפאַר איז ער אויך סוביעקטיוו אין אויפנעם און רעפלעקס פון לעבן, וועלט, נאַטור. ער זעט נישט דאָס פאַרמירטע, דאָס רעאַלע, וואָס איז בולט און פאַרגאַנצט, — נאָר די דערשיינונגען אין זייער מיניענדיק־וויברירנדיקן, דינאַמישן פּראָצעס. ער זעט נישט זאַכן אין זייער פולקייט אָדער נאַקעטקייט, נאָר אין דעם דורכזיכט און די אַנדערשקייט פון זייער פאָרם און נשמה. ער הערט דעם ווידערקלאַנג אין סאַמע קלאַנג; אין קול פון טאָן — דעם שע־מירירנדיקן ציטער... און אַלץ וואָס ער באַנעמט איז איכיש פּ אָ ר־ש ט ע ל און האָט פאַר דעם זיין סוביעקטיוון א י י ב־ש ט ע ל. ער נעמט די רשות־הרבימדיקע וועלט און מאַכט זי פאַר אַ רשות־היחיד. מיט דעם פאַרלירט זי אָבער נישט איר וואַרהאַפט און איר דויער, איר רעכט צו זיין פאַר אַנדערע אַ סטימולירנדיקער וואונדער.

ווייניק זענען דאָ, למשל, ביי אים לידער פון נאַטור. אָבער די, וואָס זענען דאָ, זענען מוסטערן פון אַן איכיש־קינסטלערישער פאָרמאַציע.

ביי אים דער „האַרבסט" איז בילד און טאָן. דאָס בילד אַזוי אַריינגעוועבט אין טאָן, דער טאָן אַזוי אריינגעלעבט אין בילד, אַז ס'קליינע ליד וואַקסט אויס און וואַקסט אַריבער איר בצמצום־ווערטערדיקער גרענעץ, ביז פאַנטאַסטיק, סימבאָל, סינטעז: 1) דער שייטערהויפן פון מיין אינדיאַנער זומער אין טראָפּנס גאָלד און רינגען רויך דערברענט — — — 2) און נאַכט און דערפער. אויף לבנהדיקע פּלייטן די גרילן שפּילן טרויער אויף מיין זעל — — — 3) און ביימער — בלויער וואַקס — אין קילער הוילקייט שטראַלן, ווי בלייכע ליכט, פרום־פאַרכטיקע פאַר גאָט. און שטילקייט צייכנט שאַרף פון וועלקן בלאַט דאָס פאַלן, און שאַרפער נאָך דעם אומרו פון מיין טראָט.

און דאָס זעלבע אין זיינע שטימונגען ווען ער וויל זיי געבן „אויסזען"—איז דאָס בילד אויך לופטיק, דין און רוחניותדיק, אַפילו ווען באַפּאַרבן מיט פּרטים. איז דאָס געמעל — שטריך און פלעק פון אימפּרעסיע. ווייל נישט דער גראַדער געדאַנק און דאָס ניכ־טערע אויג הייסן אים, ער זאָל זען ווי „אויף רויטע ביימער זענען

דורכגעפלויגן קראָען־ראַז און פייער און אַן עק אַ בלויער. און אויף געלע לאַנען טייכלעך־בלויע אויגן, זון און רויך און רויטע קרייטע־כער און טרויער".

דאָס איכיש־אַנדערשדיקע גייט ניט אויף אַ גראַדן וועג. ס׳האָט ליב די פרעמדע ווייטקייט.

ער איז ר אָ מ אַ נ ט י ק ע ר וואָס זעט און פאַסט אויף אַ דערשיינונג סוביעקטיוו און ליריש און זיין איבערלעבונג האָט — אין יעדן פאַל — זיין אייגענע באַצייכנונג.

זעט מען קודם־כל ביי אים, ווי ער איז טריי צום קינסטלערישן וואָרט און מקפיד אויף אַלע כללים פון עסטעטיק. זעט מען, ווי ס׳איז אָנגעשפּאַנט דער בויגן פון זיין דיכטערישן וואָרט — און די גראַציעזקייט פונם בויגן און דעם פינגער־שפיל אויף אים. — נאָר ס׳זעט זיך נישט די פייל פון דער אידייע, וואָס יאָגט אַרויס אין ציל, ווייל אפשר איז אַמאָל דער ציל — די שפיל אַליין.

ס׳איז אָבער מ ע ר ווי שפּיל. אויבאויפיק — גראַציעזקייט פון ראָמאַנס, ווירטואָזער קניקס, — נאָר פון דער טיפקייט זינגט דאָס בלוט און ברענט, און פון דעם טונקל „האָב איך דערהערט אַ געשריי אין מיין בלוט".

און דאָס געשריי וואָס קלינגט אַרויס פון בלוט — אַמאָל פאַר־וויגט ער עס אין „ליד ווי פון נישט היי"; אַמאָל שטילט ער עס איין מיט „כישוף פון ווערטער", — נאָר אָפטמאָל בויגט עס איין גאָר ז י י נ ע קני צום טאָל פון אומעט, צער און פיין.

* * *

מאָטיוון פון טרויער־טאָל פון לעבן — זענען אָבער נאָר אין דער דיכטונג זיינען עפּיזאָדיש. דער הויפּט־מאָטיוו — איז אויב די נישט העכערקייט פון לעבן.

די קלאַוויאַטור פון דיכטונג איז בכלל ביי אים נישט קאָמ־פּליצירט. עס איז אַן אינסטרומענט, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַלערליי מאָטיוון און איז נאָר ראוי פאַר די טענער פון דער ריינער ליריק; פאַר אָט דער ליריק, וואָס עס נעמט זיך פון אַ וועלט, וואָס אויסגעחלומט איז אין זיך.

ער גייט נישט אין די פוס־טריט פון טראַדיציע. ער צאָלט

קיין צינז ניט דער מאָדע פון דער צייט. ער בריה'ט זיך ניט צו דער־אָבערן די אַלע מיני פרעמדע זשאַנרען און געביטן, — נאָר גייט אויף קליינעם, ריינעם שטעג פון זיין ג ע ו י ס ן, פון פילן; מער ווי ו ו י ס ן.

קיין שום פאַטעטישער פאַלצעטל. קיין אויסגעשריי פון נבואה, צי פון רעוואָלט. קיין שום חנדל. קיין מאַסקע פון סאַטירע.

דערפאַר — אין לעבנס־קאַך — ווי אויף אַן אינדזל. ריכט אָפּ התבודדות.

דערפאַר — די הייליקע פאַרליבטקייט אינעם ליד, דאָס גלויבן אין דער שיינקייט און אין כישוף פונם וואָרט.

דערפאַר—אין קינדער־וועלט די וואָר און מעשהדיקע—אַ דער־גרייכונג.

* * *

אין קינדער־וועלט — נישט ווי אַן אורח איז ער דאָרט גע־קומען, נישט ווי אַ גר האָט ער זיך באַזעצט. דעם זעלבן הימל, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט פאַר גרויסע, האָט ער מיטגעבראַכט פאַר זיי. דעם זעלבן בלומען־דופט פון שיינער מעשה האָט ער אויסגע־טריפט פאַר זיי. נאָר פאַר די גרויסע האָט ער זיך אַמאָל פאַרלוירן און — געשטאַמלט, געפיבערט אין דער לייטערונג פון לשון, גע־צאַפּלט אין דעם ווערטער־נעץ פון פשטות און רמזים, — און פאַר די קינדער האָט ער אויסגעטאָן די מאַסקעט פון פאַרשטעלטקייט און באַקומען האָט ער קינדיש־אייגן פנים, און באַקומען האָט ער קינדיש־אייגן לשון....

ביי יענע דאָרט געווען איז ער אַ קינד, וואָס איז קאַפּריזנע. געצערטלט זיך, געפּיעשטשעט זיך מיט מידקייט און מיט לאַנגווייל און מיט טרויער. אַ דערוואַקסן קינד — וואָס „איך" ביי אים איז אַ בן־יחיד. נו, האָט ער אָנגעשטעלט די ליפּלעך, זיך געברוגזט: „מיד בין איך. בלייך בין איך. נו, בין איך מיד, בין איך בלייך"; „נישט גוט, נישט גוט. נו, גוט. אַ גוטע נאַכט".

ביי קינדער אָבער איז ער בלויז געווען אַ קינד—אַ אינגל־צינגל כוואַט. מיט זיי האָט ער גערעדט, ווי ס'רעדט אַ קינד מיט קינדער. פאַר זיי האָט ער דערציילט די „וואונדער איבער וואונדער". מיט זיי האָט ער געוויגט זיך אין רו און פרייד פון קינדשאַפט. מיט זיי

האָט ער געגאַשט די זיסקייטן פון יונגוועלט. מיט זיי האָט גע־שפּילט זיך און געשטיפּט. מיט זיי האָט ער געליכטיקט זיך אין תמימות, חן און שמייכל...

* * *

ס׳געוועב פון ליד זיינס — איז אַן שום שעטנז. ס׳איז זייד און גאָלד און שטראַלן. דער וואָרט־לבוש איז דין און לופטיק.

זיין שפּראַך און סטיל און טעכניק — אויב עס וואָלט געווען אַ בעסער וואָרט, וואָס זאָל באַצייכענען — און מער אידישלעך, וואָלט עס אפשר מער געלאָזן הערן. דערווייל איז דאָס — השלמה.

יוסף אָפּאַטאָשו

אין טראָפּן פון זיין קלענסטער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פּנים פון לעבן.

דער קרישטאָל פון זיין נאָוועלע און ראָמאַן מאַכט פאַרביק אויך אַפילו די געוויינטלעכקייט, די מיאוסקייט פון לעבן.

די וועלט ביי אים איז טומלדיק, אפילו ווען זי האָט ניט וואָס צו טומלען; איז פריילעך — ניט חלילה אויף צו פלייסנס; און ווען זי איז אומעטיק, איז אויך בציבור; זי טרויערט בפרהסיא.

די מענטשן דרייען זיך אַרום אין איר ווי מחותנים. אפילו די אָרעמסטע, די הפקרדיקסטע, האָבן אין איר אַ חלק.

זיי קענען זיך פאַרגינען אפילו זידלען איר און שילטן.

די וועלט די אידישע — האָט ביי אים אַ ניי פּנים. זי איז געזינטער, ווי מען האָט איר אַלץ פאַר אונדז באַוויזן. אַנשטאָט זייד־ און אַטלעסענע אידן, „טיפן", אָדער סקעפּטישע אינטעליגענטן, וואָס גייען אָן אַ זייט פון לעבן, — לעבעדיקע מענטשן, וואָס לאָזן זיך דערקענען און דערפילן, ערשטנס, ווייל זיי זענען דאָ; און צווייטנס, ווייל זיי זענען אָפּנפּנימדיק און נאַטירלעך אין זייער גאַנצן שטיי און גיי: אין זייער גראָבקייט, אין זייער ווילדקייט און פאַרברעכערישקייט, אין זייער טרייפקייט און פאַרפירערישקייט; אין זייער גאַנצקייט, פרומקייט, תמימות; אין די ליידנשאַפטן און אינסטינקטן; אין די רייד, נטיות, מדות; אין כאַראַקטער און אין האַנדלונג; אינם קלערן און אינם טאָן.

ביי אים איז ניט די אידלקייט — אידעאַליזירט; די גראָבקייט — פאַרעפעקטירט; דאָס טיפּישע — שאַזשירט.

ס'איז אַלצדינג ביי אים — רעאַל באַוויזן און דערוויזן.

* * *

זיינע פיגורן — דאָס רוב, מאַסיווע, בולטע, ווי אין האַרבן פראָסט. עס דערמאָנט די אָנגעלאָדענע גבורה פון אַ ראָדען־פיגור. ביי אָפּאַטאָשון זענען אָבער די פיגורן ניט אַזוי האָמעטנע; די שטריכן — שאַרף, ווי אויסגעשליפן, — הגם גבורה און ליידנשאַפט איז ביי אים קיינמאָל ניט געצאַמט, און אָפילו נישט געציימלט.

ער שפּרייט פונאַנדער רחבותדיקע לייוונטן, וואָס וויקלען זיך אַריין אין ווייטקייט. דער פאָן — בכיוון אין אַש־און גרוי־קאָליר, כדי די גרעלע פאַרבן זאָלן בולטער אַרויסטרעטן. די קאָלירן אָטעמען ביי אים מיט פרישע לופטלעך און ריחות. אַזוי למשל, איז דער ריח פון „פוילישע וועלדער" — שאַרף און טערפּקע, ווי יעסענדיקע לופט. עס פרישט אַביסל אָפּ פון דער פּריקרער, אומגעזונטער וואַרעמקייט פון חסידישן הויף.

ער אָפּערירט מיט גרונט־פאַרבן און קאָנטראַסטן. פּרימיטיווע וואַלד־אידן מיט געזונטעליידנשאַפטן און אינסטינקטן — אַנטקעגן צעפּיעשטשעטע, אומנאַטירלעך־אַנגערייצטע הויף־אידן. שניידן זיך אויס אין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב" — פון איין זייט, די פיגור פון אַ פּרימיטיוו־רויער שטיק נאַטור, ביי וועמען אַלצדינג רייסט אַרויס זיך — סטיכיש; און פון דער צווייטער זייט — די לופטיקע געשטאַלט פון אַ באַלעבאַטיש איידל טעכטערל. און ביים גנב גופא: ראַנגלט זיך זיין זינדיק־טרייפע בלוט מיט די מענטשלעכע געפילן פון אונטערטעניקייט און ליבע.

אַזוי איז אויך די גרויסע גאַלעריי פון מענטשן אין „די טענצערין", פון וועלכע ס'צייכנען זיך אַרויס: פון איין זייט — דער פּראָסטער חי־וקים וואָלף, דער מגושמדיק־פאַרביזנעוועטער אייבי, דער אינטריגאַנטיש־ליגנערישער קונצנמאַכער זרח, די יצר־הרעדיקסטע פון חוהס טעכטער — רעגינע, — און פון דער צווייטער זייט — די איידעלע געשטאַלטן פון פּנחס און דינה, די אידעאַליסטישע „בונטאָוושציקעס" שלמה און פישל, און דיביידע אמתע צדיקים, די מענטשן פון דער „אויב ניט העכער" מדרגה, וואָס זענען עפּעס ווי געקומען פון אַן אַנדער וועלט — ר' אברהמל און ר' שבתי.

און דעריבער זיינע אָפּטע עקסקורסיעס אין דעם עבר. ס'איז אַ היפּשער שפּרונג פון שמשון קאַטערינשטשיק ביז אליהו בחור; ווי ס'איז אַ מהלך גאָר אַ היפּשער פון ניו־יאָרקער געטאָ ביז „פונדיקא רטיבתא". ווייל ס'אימפּאָנירט דאָ דער איבערבייט און דער קאָנטראַסט פון כאַראַקטערן, מדות, לעבנס־שטייגער, לשון און מלבושים...

* * *

ס'איז ניט דער קוואַל, וואָס מורמלט — ס'איז דער שטראָם,

וואָס וואַרפט זיך מיט אימפּעט, מיט גבורה. ס׳איז דער שטראָם, וואָס שלעפּט נאָך פאַר די קודלעס צעשויבערט־צעשוימטע כוואַליעס.

ער צעפּאַטשט דעם ציל און תכלית. רייסט אַרויס די צוים ביי דער תאוה. אַנטבלויזט אפילו דאָס אַנטבלויזטע.

ער לאָזט קיינעם און גאָרנישט ניט אַנטרינען. אַ רייטער אין רחבות און ווייטקייט — וואַרפט ער די שטריק־פּעטליע און פאַנגט. פאַנגט — אַמאָל אָן רחמנות — פאַר נייגער, פאַר עקספּערימענט, פאַר דער שפּיל און תאוה צו באַצווינגען.

ער באַצווינגט און ווערט פון גאָרנישט ניט באַצוואונגען. ער איז ניכטער — ווי אַ פּראַקטיקער טאָג, וואָס איז גוט אויסגעשלאָפן. אַ רעאַליסט, וואָס האַלט תמיד זויבער און שאַרף דעם אינסטרומענט פון אויסדרוק. ער וויכט פון דער מיסטיק פון מיס־און נישט־פאַרשטענדנישן. ער איז פּסיכאָ־ און פיזיאָ־ תמיד לאָגיש.

ער דערציילט און שילדערט. קורץ. עקזאַקט. איטלעכער זאַץ — ווי אַ מייל־צייכן פאַר דאָס אָפּגעגאַנגענע. אַ רעלאַטיווער מייל. איטלעך פּינטל דערלאָזט ניט קיין אָפּווייך. אין פלוג אַ סתירה — צו דער דינאַמיק און ברייט־שטראָמיקייט פון זיין שילדער־דערציילערישקייט. און פאַרט ניט קיין סתירה. זיין דינאַמיק קייקלט זיך ניט מאָנאָטאָן ווי אַ וואָגן אויף אַ גלאַטן שליאַך. זי טוט זיך אַ לאָדאָן און שיסט אַריין אין ציל. זי וויגט זיך ניט מטושטש אינם „אָ ב ע ר״, נאָר שפּרינגט אַריין אין ד ע ר אָ ב ע ר (דעראָבערט, קיינמאָל שוין ניט אָפּצוגעבן!); זי באַוועגט זיך און באַוועגט. זי פאַרטשעפּעט זיך ניט כּלאחר יד, נאָר מיט אַ כיוון מיט די פּרטים, כדי זיי צו באַוועגן, כדי צו באַפרייען, די אומבאַדייטנדסטע אפילו, פון דער סטאַטיק־ראָל פון סטאַטיסטן...

די פּרטים — קיינמאָל ניט שאַטירט, נאָר גרונט־פאַרביק. איטלעכער פּרט שטרייכט עטוואָס אונטער, וואַקסט אַריין־אַרויס פון קאָמפּאָזיציע. די קלענסטע פּרטים אפילו — טאָן, קאָליר, כאַראַקטער, סיטואַציע.

אַזאַ מין קליינינקייט, למשל, ווי אַ בערדל:

1) „ס׳ווייסע בערדל, געקנופּט און געקאָלטנט, האָט זיך געריסן צו די פּאות, צו די ברעמען, גלייך ווי מען וואָלט ס׳פּנים אַרומגע־

נומען מיט אַ קרענצל קנאָבל". 2) „זיין בלאַנד, שיטער בערדל האָט זיך פאַרריסן מיט גדלות, ווי דער געשווירענער עק ביי אַ הענדל, ווען ס'קלייבט זיך אַ קריי טאָן". 3) „זיין צעשפּאָלטן בערדל, אַ פאַרריסנס, ווי דער עק ביי אַ שוואַלב".

די עטוואָס האַמעטנע אָבער געזונטע גרונט־פאַרביקייט: 1) „דער פרעמדער, ברייט אין די אַקסלען, מיט פעסט צונויפגעקלאַפּטע פּלייצעס, איז געבליבן שטיין ווי אַ געביידע". 2) „אַז זי (די באַלעבאָסטע) איז געשטאַנען מיט די הענט אויף דער טאַליע, האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אָנגעשטאָפּטער מענטש, וואָס מען שטעלט אים אַוועק אין פעלד איבערצושרעקן פייגל".

דער קורצער שטריך, וואָס לעבט־אויף אַ כאַראַקטער: 1) „די אויגן, אונטער די שוואַרצע, געדיכטע ברעמען, זענען פאַרלאָפן די ווערטער דעם וועג". 2) „די גלעזערנע אויגן ביי מיסעס ניומאַן זענען געוואָרן קיילעכדיק, ווי ביי אַ סאָווע".

ער פאַרגינט זיך ניט ריידן לשם ריידן. ביי אים די ווערטער פאַרלויפן ניט דעם וועג. דער אָפּפלוס פון ווערטער ברענגט אַ ביי־עם צופלוס פון בילדער, איינדרוקן און אויסדרוקן. ניטאָ קיין צייט פאַר — אָפּווייך.

די שפּראַך — נישט קיין סטיליזירטער לבוש, וואָס פ אַ ר־ד ע ק ט — נאָר אַ נ ט פּ ל ע ק ט דעם ספור המעשה.

זיין שפּראַך לויפט נאָך אַזוי אימפּעטדיק־דירעקט נאָכן שטייגער, ווי דער פייכטער סליאַד נאָך יאַגנדיקע רעדער...

* * *

א טעות, וואָס מען וויל אין אים געפינען קרובהשאַפט מיט פרץ. בעצם איז ער פונקט דער היפוך. זיין עצם וועזן, שניט און שטייגער איז גאָר אַנדערש. פרץ איז דאָך גענילער אַנדייט, וואונק און אַנצוהערעניש; אָפּאַטאָשו איז — רעאַליזאַציע און פאַרגאַנצט־קייט. פרץ איז מחשבה און כונה; אָפּאַטאָשו באַשיינפערלעכער פאַקט. פרץ האָט אַרומגעשוועבט, ווי אַן אָדלער, אין די הויכן; ברייטע פליגל האָבן אים געטראָגן אין טרוים און אומרו. אָפּאַטאָשו איז דערצויגן אין אַ היים אַן אייגענע, וואו די מאַמע איז — ממשות, און דער טאַטע — טאַט.

פּרק איז — ראָמאַנטיקער; אָפּאַטאָשו — נעאָ־רעאַליסט.

אויב שוין יאָ פאַרגלייכן, פאַלט שוין גיכער זיך צונויף זיין קרובהשאַפט מיט ווייסנבערג, וועמענס קינסטלערישע פאָרמאַציע איז, אַזוי ווי זיינע, נישט ד י אָ נ י סי ש, נאָר מער און ווייניקער אַ פּ אָ ל אָ נ י ש.

צוויי הויפּט־שטריכן, לויט ניטשעס באַצייכענונג, ראַנגלען זיך אין מענטשן, און דער עיקר, אין כאַראַקטער פון יעדן שאַפער און יעדן דיכטער: דאָס דיאָניסישע און אַפּאָלאָנישע. דער אַפּאָלאָנישער יסוד ליגט אין דער נטיה, פון דענקען און פאָרמירן, פון אויסטייטשן און באַלויכטן. דאָס אַפּאָלאָנישע באַנוצט דעם גלייכן שטריך, וואָס פירט צו ליכט און מאָס, צו סדר און האַרמאָניע, צו קריסטאַליזאַציע און פאַרקערפּערונג; דעם שטריך פון קלאָרקייט, זוניקייט און שמחה. דאָס דיאָניסישע ווענדט אָן דעם זיג־זאַג שטריך, וואָס פירט צו וויזיע, שאָטן, שיכרות און ניואַנס. דאָס אַפּאָלאָנישע געפינט זיין אויסדרוק אין געדאַנק, אין בילד — אין פּלאַסטיק. דאָס דיאָניסישע — אין טרוים, געפיל, שטימונג — אין מוזיק. די דאָזיקע צוויי הויפּט־עלעמענטן געפינען זיך ביי יעדן שאַפער און דיכטער, און זענען אַלץ אין אים אין שטענדיקן געראַנגל; און וועלכער ס'איז ביי אים דער שטאַרקערער, אָרגאַנישסטער, פּאָטענציאָנעלסטער — איז מכריע; שלינגט דעם צווייטן איין און סובלימירט זיך.

דער אַפּאָלאָנישער עלעמענט ביי אָפּאַטאָשון דאָמינירט אין יעדן פּרט און אופן. אָפּאַטאָשו איז אפשר פון די ערשטע — אויב שוין ניט דער ערשטער — וואָס האָט גלייך פון ערשטן טריט און אין זיין גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג פון שאַפן, אַריינגעבראַכט און קולטיווירט דעם תוך און מוסטער פון דעם אַפּאָלאָנישן — ביי אידן. עס איז געווען אַ פרעמדער מוסטער. דער „לא תעשה לך כל פסל" האָט אים ניט געלאָזט אײַנבירגערן זיך ביי אונדז.

ביי מענדעלי און ווייסנבערג געפינט מען אפילו פון דעם פיל מער ווי אַנדערש. ביי מענדעלען האָט אָבער אָט דאָס אַפּאָלאָנישע זיך אויסגעדריקט בלויז אויף אַן עקסטענסיוון אופן, אין דער פּלאַסטיק, פּולקייט און גלייכשטריכיקייט פון שפּראַך און נוסח. דער תוך און עצם פון זיין שאַפונג איז נאָך פאָרט געמיש פון ראַציע,

ליריק, שילדערונג און רעזאָנירונג. און אויך דער הויפּט־שטריך פון דעם אַפּאָלאָנישן—פרייד און אָפּטימיזם—פעלט ביי אים כמעט אינגאַנצן. און אויך ביי ווייסנבערגן מיניעט די פּלאַסטישקייט אין שפּיל פון עטוואָס זון און מערער שאָטן.

ביי אָפּאַטאָשון איז דאָס אַפּאָלאָנישע — דאָס זיין, וואָס האָט ממילא באַשטימט דאָס באַוואוסטזיין. ביי אים איז גאַנצקייט פונם תוך און פאָרם. ביי אים איז גרונט־פאַרב, גלייכער שטריך, מאָס און סדר. ביי אים — געזונטקייט, אָפּטימיזם, שמחה. ביי אים איז פּלאַסטיק, וויניקער — מוזיק.

ער טאַפּט ניט אין דער פינצטער. אויך די פינצטערניש אויב זי איז דאָ — שניידט ער אויסעט אין פיגורן און שטאַלטיקט זי אויס. ער זעט דאָס לעבן, מענטשן, זאַכן, נישט דורך פּריזמעס; נישט פאַרמאַכט איין אויג דורך בויגעלע פון פינגער, — נאָר מיט אויגן — ברייט צעעפנט, שאַרף און דרינגלעך.

און דערפאַר, ווייל אַפּאָלאָניש — איז דאָס לעבן ביי אים אַזוי ספּאָנטאַן און סטיכיש. איז דאָ ביי אים אַזוי פיל זון און ליכט און קלאָרקייט. אַזוי פיל געזונטע, גופיקע און ערדישע געשטאַלטן. און ביי קיינעם קלינגט ניט אַזוי אָפט, ווי ביי אים — געלעכטער.

געלעכטער — נישט קיין הומאָר. נישט קיין לעכערלעכע, קאָ־מישע סיטואַציעס. נאָר געלעכטער, וואָס שפּריצט אַרויס פון רייד און האַנדלונג; ווען פריידיק, הנאהדיק און אַמאָל סתם אין דער וועלט, די מענטשן גופא לאַכן.

ביי אים איז דאָ געלעכטער אַזוי אָפט. דערצו — אין אַלע פאַרבן און שאַטירונגען: מען שיסט אַרויס אַ קינדיש געלעכטער. מען פּלאַצט פון געלעכטער. מען לאָזט אַרויס אַ ווילד און אַ האַרציק געלעכטער. מען צעלאַכט זיך ווילד. מען ווערט צעזעצט פון גע־לעכטער. מען לאַכט, אַזש די שויבן ציטערן. מען כיכיקעט. מען שטיקט זיך פון געלעכטער. מען צעלאַכט זיך. מען לאַכט סתם אין דער וועלט אַריין.

אין איין דערציילונג בלויז, „ציגיינער״, שטויסט מען אָן זיך אָן צען וואַריאַציעס פון געלעכטער! ס'איז קיין צופאַל ניט —

ווייל אומעטום ביי אָפּאַטאָשון לאַכט מען. ס׳איז אַ שטריך אין אָפּאַ־לאַנישן כאַראַקטער.

* * *

דערפאַר איז אויך ביי אים כמעט ניטאָ קיין ערב יום־טוב און קיין בין־השמשות. פאַראַנען יום־טוב אָדער וואָך. דאָס יום־טובדיקע שעמירירט דער עיקר אין דעם רעטראָספעקט פון אַ גע־שיכטלעכער דערשיינונג, אַן אידעאַליזירט־ראָמאַנטישער פיגור, וואָס סיי דערשיינונג, סיי פיגור, זענען דעקאָראַטיוו באַלויכטן, אָבער נישט אַרויסגעטאָן פון גוף און לעבעדיקן אָטעם. ווי ווייט עס זאָל ניט זיין אין פערספּעקטיוו, אַנטפּלעקט זיך דאָס, וואָס איז ג ע־ו ו ע ז ן, אין רעאַלן שיין פון זיין; אין דער נאָענטקייט פון אַ לע־בעדיק ו ו ע ז ן. דאָס יום־טובדיקע איז ניט ביי אים אַזוי וואַרעם און אידיליש, למשל, ווי ביי אַשן. דער ראָמאַנטיזם, וואָס אין דעם איז דאָ, ווערט תמיד „אויסגעדריוולט״ אין רעאַליטעט. עס איז ווי די אַטלעסענע קאַפּאָטעס ביי די חסידים, וואָס „האָבן געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון; און אַז מ׳האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען געזען, ווי דער אַטלעס האָט זיך ביי אַ טייל חסידים אויסגעדריוולט, ביי אַנדערע איז בלויז געבליבן דער הינטערשלאַק״... דאָס איז, וואָס עס ליגט שוין אין זיין טבע, אַז ער קוקט זיך איין. איז ביי אים אַזוי פיל זון דאָ אומעטום און — שאָטן. אָבער קוקט ער דאָך ניט סתם, נאָר ק ו ק ט ז י ך א י י ן: זעט ער ניט דעם זון און שאָטנדיקן מיניען זיך און שפּיל, נאָר זייער סאַמע אָפּגעזונ־דערט — באַזונדערן זיין.

דאָס יום־טובדיקע שפּרייט אויך אויס אַמאָל אַ ווייסן טיש־טוך אויף דעם וואָכעדיקן טיש פון „פּראָסטע״ מענטשן. זיינע פּראָס־טע מענטשן קנייפּן פון די לאַבנס, כמאַליען וואויל אַריין אין זיך וואָס לאָזט זיך און — זינגען קיינמאָל ניט קיין זמירות. בלויז די בלוטן זינגען זמירות צו אַ רחל, וויגן איין זיך פון אַ מעשה, וואָס ווערט דערציילט פון דער רחל, און ווען כעס און אייפערזוכט צע־ברויזט זיי — שמייסט מען ווילד אַראָפּ דעם יום־טובדיקן טישטעך...

דאָס וואָכעדיקע איז ביי אים דער עיקר. פון דער וואָכעדיקייט

ציט זיך אָט די גלײַכע און געזונטע ליניע, וואָס פאַרכאַפּט אַזוי פיל ספערן.

פון דער וואָכעדיקייט רינגלט זיך אַרויס די קייט פון סצע־נעס, בילדער און געשטאַלטן.

לויפן זיך פונאַנדער וועגן; צווייגן זיך אַרויס סטעזשקעס.

וואַקסן אַרויס די רויע, האַמעטנע, מגושמדיקע, ווילדע פאַר־שוינען.

קלינגט אַרויס די שטים פון בלוט, ס׳געשריי פון פלייש, דאָס וואָיען פון דער חיה אין מענטשן.

וויינט אַרויס די נויט, קלאָגט אַרויס דער עלנט, סאָפּעט שווער די תאווה, שיפּעט ווי אַ שלאַנג די זינד.

דאָס לעבן איז ביי אים אָן שלייער, אָן מאַסקע, אָן גרים. נאַ־קעט ווי אַ גלאַדיאַטאָר. שפּילט זיך ניט — נאָר ראַנגלט זיך און קעמפט. טאַפּט ניט בלינד צו גורל, נאָר נעמט זיך רעכט מיט כח. ניט באַוואוסטזיין, נאָר אינסטינקט פירט אים צו באַצווינגען, אומברענגען אָדער ווערן אומגעבראַכט.

דאָס וואָכעדיקע לעבן — נישט דאָס בלאַסע, נעבעכדיקע, הוי־לע, — נאָר ס׳פּולבלוטיקע, ברוינגופיקע און אייגנפּנימדיקע.

וואָס איז אַמאָל פּראָסט און פשוט, און אָפטער — אומהיימ־לעך און גרויליק...

וואָך און יום־טוב, זון און שאָטן, פאַקט און טאַט, — נאָר נישט דער ערב־טאַט, די קאָניוקטור, דער בין־השמשות, אריינפיר, אָפּ־ווייך, האַלבער טאָן. דערפאַר גאָר אָפט די פּינקטלעכקייט פון כראָ־ניק 1) „דעם דריי און צוואַנציקסטן דעצעמבער נאָכמיטאָג האָט גענומען רעגענען״. 2) אַרום פינף נאָכמיטאָג איז הערשל פאַרמער פאַרפאָרן צו זיך אויפן הויף מיט אַ וואָגן געפּרעסט היי״. 3) „אַ שבת־פרימאָרגן אינעם יאָר 1840״. 4) „דער דריי און צוואַנציק יאָ־ריקער ר׳ יעקב איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג״. 5) „די אַכט הונדערט שטולן, אויסגעשטעלט אין רייען, זענען געווען באַזעצט״.

דערפאַר אַזאַ מקפּיד זיין אין די מינדסטע פּרטים, אַזאַ מין גענויקייט און אַ פאַרזיכט, ס׳זאָל אַ פּרט ניט גיין אין ניוועץ. אַ פּינקטלעכקייט, וואָס דערפירט צו דעטאַליזירטן, אָפּענעם רעאַ־ליזם: „שלמה „קראַדניק״ אַ הויכער, אַ דאַרער איד מיט אַ שיטער

בערדל, איז געשלאָפן אויף אַ פּערענע נעבן טיר. טראַפּנס שוויס, ווי אַרבעס, זענען אַרויס אויף זיין גרויסן שטערן, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין גלאַנציקן פּליכעוואַטן קאָפּ. די טראָפּנס שוויס זענען געשטאַנען אַ ווײַלע, נאָכדעם זיך פאַרקערעוועט, און לאַנגע וואַסער־פּעדים האָבן זיך אַראָפּגעשנירלט איבער שלמהס דאַרלעכע באַקן".

אָפּאַטאָשו איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט זיך ניט געשעמט אַרײַנצובריענגען דאָס נאַקעט וואָרט, די דרייסטע, אָפּען־נע שילדערונג, וואָס האָט אַנטבלויזט די אַנצוהערעניש, דעם וואונק אַרויסגערעדט מיט אַ הויכן קול. זיך ניט געשפּילט מיט דעם אידיאָם, נאָר אָפּערירט אים אויף אַ דירעקטן אופן. עס האָט גענומען זיך אַ סך פון זיין נטיה, אַראָפּצולאָזן זיך אויפן סאַמע „דעק" פון לעבן, דאָרט, וואו ער געפינט זיך אַזוי היימיש. ערלעך איז ער, ווען ער שילדערט און באַווייזט אפילו די נישט־ערלעכקייט. ווייל ער איז ניט פון די, וואָס וויל דעם „דעק" אידעאַליזירן; די אַלערליי נפשות אַרויפצו־הויבן און געבן זיי גאָר אין אַן אַנדער שיין. דאָס איז די עובדא און די מיסיע פון דעם מאָראַליזירנדיקן קינסטלער, פון דעם גאָר־קי־שטייגער, אָדער פון אַ פּסיכאָלאָגיזירנדיקן דאָסטאָיעווסקי. אָפּאַ־טאָשו איז פון יענעם סוג קינסטלער, פון באַשטימטן אַפּאָלאָנישן כאַראַקטער, וועלכע ווענדן תמיד אָן און פירן דורך די ליניע פון דירעקטקייט, גלייכקייט, קלאָרקייט און פאַרגאַנצטקייט. יענע קינסט־לער, וועלכע זענען ניכטער אויך אין די פּאַסאַזשן פון דערהויבנקייט און שטימונג. ווײַמענס שטימונג איז אַ לייכטער נעפּל, וואָס צעגייט און לייטערט אויס זיך — אין געשטאַלטונג.

ער אַליין איז, אין מהות און אין פּראָצעס פון שאַפן, אין זעל־בער בחינה פון דעם רבין, וועגן וועמען ער דערציילט, אַז ער „האָט דערפילט אַזאַ ליכטיקייט, ווי מען וואָלט אַראָפּגענומען פון די אויגן אַ הייטל" און „דער מח איז ביי אים געוואָרן דורכזיכטיק, ווי די שווערע מחשבות — — — וואָלטן צערונען און ער האָט אָנגע־הויבן צו זען אַלץ קלאָר און בולט".

קלאָר און בולט זעט ער אויך אפילו ראַנדן, ווינקלען, פלאַכן.

דאָס פּייערל פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז גאָר ניט אַזוי היימלעך...

* * *

וואָרהאַפטיק ביי אים דעריבער זענען, נישט אַזוי די איידעלע געשטאַלטן, די אידעאַליזירטע, די פּראָבלעמאַטישע, די ראָמאַנטישע, די אָנגעהויכטע מיט שטימונג און פּרעטענזיע, — ווי די פּראָסטע, האַמעטנע, די ערדישע, די אָרגאַניש־זינדיקע און פאַרברעכערישע, די חיהשע, בהמהשע, — בקיצור, אַלע די געפּירטע (און פאַרפירטע) פון אינסטינקט.

ווי וואָרהאַפטיק, ווי קלאָר און בולט זענען דעריבער געשילדערט אין „די פּוילישע וועלדער", סיי די וואַלד־אידן און סיי די גויאישע פישערס. מיט קנאַפּע אָבער גליענדיקע, שאַרפע שטריכן אויפגעשטעלט אַ בילד, וואָס אָטעמט מיט לעבן. לעבעדיק און קלאָר איז אויך די געשטאַלט פון ר' אברהם, מרדכיס פאָטער. און אויך אפילו גאָר די זייטיקע פיגורן. נאָר דווקא מרדכי, וועלכער איז די הויפּט־פיגור אין דעם ראָמאַן — בלאַס און נישט גאָר זיכער. עס איז דערפאַר, ווייל מרדכי איז אַן איידעלע און פּראָבלעמאַטישע פיגור. ווייל מרדכי איז שוין ניט ביי אַפּאַטאַשון אַ געשטאַלט פון יענעם מין, וואָס „איז", נאָר אַ געשטאַלט, וואָס האַלט אין „ווערן". ווייל מרדכי ראַנגלט זיך מיט ז י ך, און אַפּאַטאַשוס כח איז אויפצונעמען דעם, וואָס ראַנגלט זיך מיט י ע נ ע ם.

דערפאַר געלינגען אים די דאַזיקע פאַרשוינען, וואָס ווערן אָנגעפירט, ווי חיות, פון — אינסטינקט. די העלדן פון דער אונטערוועלט, גנבים און פאַרברעכער, און אַלע די, וואָס קריכן אין סכנה, פאַרפירן אַוואַנטיורעס און געשלעגן, זינדיקן מיט פרעמדע ווייבער, נעמען זיך די רעכט מיט ציין און נעגל. און אויך די פרויען — דווקא נישט די שטילע און די צניעותדיקע, נאָר די לילים, די פּעריציעס, רוזשקעס, ביילעס, אַפּעלאַס און רעגינעס, וועלכע ראַנגלען זיך ניט קיינמאָל מיט זיך אַליין, נאָר ראַנגלען זיך מיט יענעם. און דאָס געראַנגל — אַ געראַנגל פון אינסטינקט, וואָס קאָקעטירנדיק, פאַרוואָרפט עס נעצן. אַ געראַנגל־שפּיל פון נישט בייקומען ז י ך, נאָר אַלעמאָל י ע נ ע ם.

אַ תאוה, וואָס איז קיינמאָל ניט געזעטיקט, האַלט די מענער און פרויען אַלץ געשפּאַנט, ווי חיות, צו אַ שפּרונג, צערייצט זיי, קאָכט זיי אויף די בלוטן, טרייבט זיי אום און מאַכט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אַ וואָרף טאָן, באַצווינגען, כאַפּן רויב... אַמאָל איז די תאוה צעבראָסטיעט, נאַקעט, הפקרדיק. אַמאָל גנבעט זי זיך אין באַהעלטעניש מיט שטילע, פאַרזיכטיקע, קעצישע טריט... די מענער זענען קיינמאָל ניט פאַרזיכטיק, זענען זיכער מיטן רויב, וואָס קומט זיי פון דעם הפקר. ווייסן ניט פון קונצן, און פון הינטער־וועגלעך; ווייסן נאָר פון רעכט, וואָס מען נעמט מיט כח. און אויך די פרויען, וועלכע קאָקעטירן מיט דער בויגעוודיקייט פון גוף, פאַרשלייערן זיך ניט מיט סענטימענטן, חנדלען זיך ניט מיט קיין שום קאַפּריז, ווייסן ניט דעם זין פון אומטריי. — ווערן בלויז געטראָגן פון — אינ־סטינקט. אין אָט דעם פּונקט, גלייכן אַלע זיי זיך אויס: די ראַ־פינירטע, אויסגערעכנטע פּעליציע, וועלכע גייט אַריין צום אַלטן מאַן און טוט אַ גלעט אים און תיכף — גרינג אַזוי, ווי אַ שפּאַ־ציר — צו אַלע געסט, צווישן וועלכע עס געפינט זיך — איר גע־ליבטער. און נאָכמער — פּעליציע ווייס דעם זין פון אומטריי, טראָגט זיך אום מיט אים גאָר מיט אַ כיוון און איז נאָך „בייז אויף זיך, צו וואָס זי איז איצט אַריין צום מאַן, אים געגלעט, געזאָגט גוטע רייד, ווי אַ העלדין פון אַ ראָמאַן, וואָס פילט זיך זינדיק"... נישט קיין העלדין פון אַ ראָמאַן וויל זי זיין, און נישט פילן זיך זינדיק, — וויל נאָר נעמען אָט די רעכט, וואָס קומט איר. און דאָס נאַטור־קינד, די ציגיינערין אַפּעלאַ, איז דאָך אויך נאַטירלעך, ווען זי גייט אַוועק מיט בליאַשן, און טראַכט ניט, אַז זי איז איר מאַן־ציגיינער אומטריי און ווי גרויס עס איז — די סכנה. און ביילע פילט זיך דאָך געוויס ניט „שולדיק", ווען אויף איין בעט גיט זי זיך אָפּ צו זאַנוולען און אויף דעם צווייטן בעט — אַ טויטן־בעט — ליגט איר גוסטדיקער מאַן און כאָרכלט... אפשר איז דאָס גרויליק, איבער־מענטשלעך. אָבער איז די סיטואַציע דאָך נאַטירלעך: ביילע וויינט. ביילע דערציילט, ווי זי האָט זיך באַקענט מיט גראַדולן, ווי ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, ווי ער פלעגט זי אַרומטראָגן אויף די הענט, — אָבער איצט ליגט ער, גראַדול, אַ צעממיתטער און כאָרכלט אויס דעם לעצטן אָטעם, — און זאַנוול איז אין שטוב דאָ. ער ליגט אין

בעט און דרייט זיך אונטער דער קאָלדרע... טויט און — לעבן. און זי — איינמיטן. צערינט דער זין און ס׳גיט אַ כאַפּ זי דער אינ־סטינקט און שטויסט אַריין איר אין די אָרעמס פונם לעבן...

די מענער און די פרויען גלייכן אויס זיך. זיי וואַקסן אַלע דאָך אַרויס פון איינע און די זעלבע אומשטענדן און סביבה.

אַזוי איז אַפּאַטאַשוס בילד פון לעבן.

* * *

ניט אומזיסט ביי אים — אַ גאַנץ בוך „מענטשן און חיות״. מענטש און חיה — איז ביי אים אי סימבאָל, אי אָביעקט פון רע־אַליזאַציע. דאָס וואַקסט ארויס פון דער נטיה, אויפצוכאַפּן און צו פאַרפיקסירן מענטש און חיה, נישט אין זייער היפּוכדיקן אַנדערש אייגנע פון די צווייטע, נאָר דווקא אין דער ענלעכקייט פון זייער נאַטור, כאַראַקטער און אפילו — אויסזען. אָן ענלעכקייט, וואָס איז אָרגאַניש. ווייל אויך דער מענטש ביי אים איז, ווי די חיה — עלעמענטאַר, ווילד, און ווערט געטראָגן פון אינסטינקט. און אויך די חיה — גייט אַריין, ווי דער מענטש, אין שפּאַן, האָט דרך־ארץ פאַר אַ גוטן קלאַפּ און חנפעט, קאָקעטירט און פירט ליבעס — ווי דער מענטש.

די חיה איז נאָר עטוואָס הינטערשטעליק פון דעם מענטשן: זי „גנבעט״ ניט קיין ליבע. זי גיט זיך ניט איבער צו אַ צווייטן, ווען דער „מאַן״ ניט ווייט פון איר כאַרכלט אויס זיין לעצטן אָטעם. זי פאַרט ניט אויף אַ לאַסט־וואָגן און גיט ניט מיטן פוס־פּאָדעשווע אַ וויש אַ מענטשן איבערן פנים, ווען ס׳וויל דער אָרעמער, הונגערי־קער, דורכגערעגנטער, על פּי טעות אַרויפכאַפּן זיך. זי ווייס נאָך ניט די „קונסט״ פון „לינטשן״.

די חיה איז ביי אים „נאַטירלעכער״ ווי דער מענטש. זי איז ביי אים ניט קיינמאָל קיין משל און קיין נמשל, נאָר קאַץ, הונט, ביק, אָגער, קאָבילע.

און אויב אפילו דער מענטש איז ניט ביי אים קיין משל און קיין סכעמע, — איז פאָרט דאָס חיהשע אין מענטש — אַ סימ־באָל. אַ סימבאָל, וואָס איז פאַרגופט אין געשטאַלט, פיגור, טיפּ. די אַנאַלאָגיע פון מענטש און חיה פילט זיך אויך ביי אים

אַפּילו אין די מעטאַפאָרן און פאַרגלייכן: 1) „אייב מעק, אַ מיטל־וואוקסיקער, ברייטבייניקער יונג פון אַ יאָר דרייסיק, מיט עפּעס ח י ה ש ע ס אין אַלע זיינע גלידער". 2) „זיין אומגעלומפּערט קוואַדראַט־פּנים, מיט די בולטע גרויסע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אי אַ ק אַ ל ב, אי אַ ב י ק, האָט זיך נאַריש צעשפּילט". 3) „אײנגאַנצן האָט זי אויסגעזען (לילי) ווי אַ יונגע שיינע ק אַ־ ב י ל ע". 4) „באַלד האָט זיך פון שיין געגומען בולט אַרויסגעפרעסן „נאַק־אַוט־בראַון" מיט זיין פּאַרעקשנטן, ווי ביי אַ יונג ב י ק ל, שטערן". 5) „דער יונגער קאָמאַראָווסקי דערמאָנט אַ שיין צוגאָווע פ ע ר ד, וואָס אַז ס'דערפילט דעם רייטער אויף זיך, ווערט עס שוין מער נישט איינשטיין". 6) „ביי איר קלייד האָבן זיך געריבן דריי קליינע ביגערלעך — — — און אויסגעזען האָבן זיי, ווי שוואַרצע, קודלאַטע ש צ ע נ י אַ ק ע ס". 7) „די ביגערטע — — — — האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט ווי אַ ק אַ ב י ל ע". 8) „אויף אַ טרעפּל איז געזעסן אַ אידענע — — — מיט אַ פּנים פון אַן אַלטן מ אַ פּ ס"

און נישט בלויז אין פאַרגלייך, דער עצם מענטש — דער דורכ־שניט פון זיין פּערסאָנאַזש, וואָס איז אים אגב טאַקע אויך גע־ראָטן, — האָט בולטע סמנים און אינסטיקטן פון דער חיה.

* * *

אייגנאַרטיק זענען אויך די אַנדערע עלעמענטן פון זיין שאַפן: די שטייפע, אָבער רירעוודיקע, פּשוטע אָבער אידיאַמאַטיזירטע ש פּ ר אַ ך. דער קלאָרער, און דערפאַר קאָנקרעטער ס ט י ל, מיט די קורצע אויסגעשלייפטע זאַצן. די שפע פון די ט ע מ ע ס און פאַרשיידנאַרטיקע פ י ג ו ר ן. די קינסטלערישע פאַרפיקסירונג פון דאָס נייע און דאָס אַלטע, פון דאָס אידישע און דאָס אַלגע־מיינע. דער וואונדערלעכער אויפנעם פון דערשיינונגען אין אַלער־ליי ספערן פון צייט, שטח, אַמאָספער, סביבה, שטייגער. די האָפּ־טיקע נ א טו ר ־ ב אַ ש ר י י ב ו נ ג. דער לעבעדיקער, אָר־גאַנישער און קיינמאָל נישט וועגיטאַטיווער ד י אַ ל אָ ג. און ועל כולם — דער קאָנקרעטער א י נ ה אַ ל ט.

נישט מגייר איז ער די נ אַ ט ו ר. סטיליזירט זי ניט. טשע־

פעט זי ניט אַריין אין דער סיטואַציע. — זי וואַקסט אַרויס אַליין פון דער סיטואַציע. זי איז אין איר אַן אינטעגראַלער עלעמענט:

1) „פאַסמעס קאָרן האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג, געקרייצט די פעלדער, זיך געפאַלדעוועט, געבויגן די געלע קעפּלעך. די נאַר וואָס צעבליטע זאַנגען זענען אַרומגערינגלט מיט קליינע בלימעלעך, ווי מיט קרוינען. אַ הייס, שטיל ווינטל האָט קוים אַ בלאָז געטאָן — האָבן די זאַנגען זיך צעוויגט, אָנגעלאָפן אויף די זאַמדיקע פעלדער, ווי אַ ים, און מיטגעבראַכט דעם ריח פון גרויפּן, פון פריש ב ר ו י ט".

2) „באַרג־אַראָפּ, אין פויערשן וואַלד, האָט די ערד אַ בויגיקע, אַ פאַריקע געשמעקט מיט פ ר י ש ג ע ב א ק ן ב ר ו י ט".

3) „פון אַלע זייטן זענען אים באַפאַלן ווינטלעך — — — וואָס האָבן מיטגעבראַכט דעם ריח פון פריש געבאַקן ב ר ו י ט".

4) „פולע אָנגעקוואָלענע, ווי פ ו ל ־ א י י ט ע ר ד י ק ע ב ה מ ו ת, האָבן די סאָסנעס ווי זיך געבעטן ביי די צעהיצטע וואַלד־העקער, ביי די מידע דורכגייער זיי זאָלן צולייגן די ליפּן און טרינקען".

5) „ס'טרוקענע פרעסטל, ווי אַ ש אַ ר ף ג ע ט ר א נ ק, איז דורכגעקראָכן אין די נאָז־לעכער".

6) „ברוינע באַנגעלאָס מיט רויט־געפאַרבטע דעכער, האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען, ווי צ י י ט י ק ע פ י ר ו ת".

7) „די שאָטנס האָבן זיך געלייגט סנאָפּנווייז איינער אויפן צווייטן".

נאַטור איז דאָ ניט קיין אילוסטראַציע. זי פראָוועט ניט קיין שבת פאַר זיך. — זי אָטעמט, ריחט, איז נאָענט און היימיש און לאָזט זיך ממש אָנטאַפּן, ווי ביי אַפּאַטאָשון לאָזט זיך אָנטאַפּן אַפילו — די שטילקייט. די ערד, די זאַנגען, די ווינטלעך, ווייען און שמעקן מיט פריש געבאַקן ברויט; די סאָסנעס — אָנגעקוואָלן ווי פול־אייטערדיקע בהמות; ס'פרעסטל איז אַ שאַרף געטראַנק; די ברוינע באַנגעלאָס — ווי צייטיקע פירות, און אַפילו די שאָטנס לייגן זיך סנאָפּנווייז.

אַזוי איז אויך אַפּאַטאָשוס ד י אַ ל אָ ג. נאָך שלום עליכם — דער לעבעדיקסטער, נאַטירלעכסטער, אָרגאַנישסטער דיאַלאָג ביי אַ אידישן דערציילער. עס קייטלט זיך פון זיך אַליין. שפּריצט אַרויס

ממש ווי אַ וואַסער־פאַל אין אַלערליי קאָלירן פון די סיטואַציעס. און ס׳גיט אויך די דינאַמישקייט, דעם טעמפּאָ און דעם ריטם און דעם גאַנצן גאַנג פון שילדערונג אָדער דערציילונג.

* * *

ביי אָפּאַטאָשון באַלאַנסירט דער „ווי״ און „וואָס״, די פאָרם און פאַבולע דורך דעם, וואָס איינס דערגאַנצט דאָס צווייטע. די שלימות פון זיין גרעסערער נאָוועלע, צי דערציילונג, ווערט דערפירט ביי אים דורך קינסטלעריש־אינטואיטיווע — און אַמאָל אויך וויר־טואָזע — מיטלען. נעמט קנאַפּער ווערן, שיטערער דער שטאָף פון אינהאַלט, — ווערט צוגעמישט די פאַרב פון סטיל, ווערט אָנגע־ווענדט דאָס וואָרט אויף גאָר אַן אַנדער אופן, — מיטלען, וואָס דער־פרישן און באַלעבן די פאַבולע. ווערט שוואַך, צי אָפּגעהאַקט דער אָטעם פון דערציילן, באַלעבט אים גלייך די שילדערונג, וואָס מאַכט דעם אָטעם פון דערציילן גליענדיקער, שטאַרקער, טיפער. די גע־וויינטלעכקייט פון פנים בייט זיך איבער און ווערט אַנדערש — דורך אַ נייעם פינטל און אַ פרישן שטריך, וואָס ברענגט אַרויס כאַ־ראַקטער. אָפּאַטאָשוס מענטשן טאָרן קיינמאָל ניט פאַרבלייבן מיט זיך אַליין. טרעפט עס — רייסט זיך אָפּ דער „ווי״ פון „וואָס״ און ס׳בלייבט נאָר איבער דעם קינסטלער, ווען זיי צו רעזאָנירן אין נישט גאָר קיין ראַיעלע, צוגעטראַכטע בילדער. דער „ווי״ פון זיי־ער אויסזען און כאַראַקטער באַקומט נאָר דאַן זיין פאַרב און אויס־דרוק, ווען ער וואַקסט אַרויס פון אַ וועלכן ניט איז „וואָס״: פאַ־סירונג, האַנדלונג, סיטואַציע. דער שנעלער טעמפּאָ פון דערציילן ווערט איינגעצוימט מיט שילדערונג פון פרטים. די דייטלעכקייט פון ענין ליגט תמיד אין דעטאַל: דעטאַל פון לשון, דיאַלאָג און בילד. אפילו אין דעם „דעטאַליזירטן״ ריטם פון די קורצע זאַצן, אין דער אַקצענטירונג פון דעם האַרבן וואָרט.

ביי אָפּאַטאָשון איז פאַראַן אַ היפּשע רייכקייט פון פאַרבן, ביל־דער, אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכן. אָבער נישט פאַרשווענדעריש איז ער אין זיין רייכקייט—און ניט קאַרג. ער איז שפּאָרזאַם. צע־טרענצלט עס ניט, ווי אַ גרינג־אָנגעקומענע ירושה, נאָר האַלט עס טייער ווי אַ שווער פאַרדינטע לוין. ס׳איז ראַיעלע קינסטלערישע

רייכקייט. נישט קיין שיקלדיקייט פון שאַטירונג און ניואַנס — נאָר גרונט־פאַרב. נישט קיין ווינקלען און קיין קאַנטן פון קאָנטורן, נאָר אַן אויסגעבולטקייט פון בילד; אַ בילד, וואָס איז מאַסיוו. נישט קיין רמז פון אַ זאַך, נאָר אַ דורכפיר פון ענלעכקייט ביז געוויס־קייט. נישט פאַרגלייך, וואָס גלייכט אַלץ אויס, נאָר האַמעוועט די לויזקייט און מאַכט די זאַכן אַנדערש. ס׳איז נעאָ־רעאַליזם, וואָס פאַרטראָגט ניט קיין שום אַנדערע עקספּערימענטן און תחבולות, סיידן די, וואָס קענען פאַראייניקן געזונטע שטאָפן.

פאַרוואָס איז נעאָ־רעאַליזם? ווייל רעאַליזם ווי מען האָט אים אויפ־געפאַסט אַמאָל, קען שוין איצט ניט גילטן ביי אַזאַ קינסטלער, ווי אָפּאַטאָשו, וועלכער האָט אַזוי געלונגען אויפגעכאַפּט, ביי פאַרשיידענע מאָמענטן, דעם גייסט און ריטם פון דער נייער צייט. און אויך ניט אין די ווייטסטע עקספּעדיציעס זיינע פונם עבר, וואָס האָט גע־מוזט ראָמאַנטיש זיין באַפאַרבן. אמת, אויך אפילו אין זיין „פונדיקא רטיבתא״, „אַ טאָג אין רעגנסבורג״ און „רב עקיבא״ דאָמינירט די רעאַלע שילדערונג און דעסקריפּציע, וואָס מאַכט אַזוי בולט־נאָענט דעם עבר, אַז עס דוכט זיך, אַז ער אָטעמט אזש מיט היינט. אָבער פאַרט איז עס אַן אַנדער שטייגער לעבן, אַן אַנדער ספערע, אַן אַנדער האַנדלונג, טיפּ און לשון. דאָס לשון גופא, וואָס איז רוי און זאַפטיק, אין זיין דעמאָלטדיקן גראָבלעכן און אויך חנעוודיק־פאַרטײַטשמערישטן וואָרט און ווערטל און אידיאָם, — שוין דאָס אַליין איז אַ לעבעדיקע שטיק ראָמאַנטיק.

ראָמאַנטיק ליגט אויך אין די כנופיאס לעבעדיקע, פריילעכע, ממש שטיפעריש פאַרשויגען, וואו אפילו דאָס קבצנישדיקע איז ראָמאַנטיש־טרובאַדוריש באַלויכטן. ראָמאַנטיק — אין דעם אויס־טערלישן שטייגער לעבן, אין דער גאָר פּיקאַנטער און טשיקאַווער האַנדלונג, און די רייד און ניטן, און די שפּילעוודיק־פאַרשייטע שפּאַסן און לידלעך, אין דער בונטקייט פון דער מיליע — וואו ס׳באַגעגענען זיך: דער שענק און דער בית־מדרש, די עראָטיק און די צניעות, דאָס וואוילינגערישע און דאָס תלמיד־חכמישע, — און אפילו אין דער עטוואָס קערנדיקייט פון יענעם שטייגער אידישן לעבן.

אָבער דאָך איז עס בשום אופן ניט קיין ראָמאַנטיזם. ווייל־

זענענדיק טיילווייז אַ רעאַקציע קעגן ראַציאָנאַלן אויפפאַס — פירט דער ראָמאַנטיזם ממילא צו אידעאַליזאַציע, צו פאַרפּוצונג, צו אומ־באַקאַנטע און אומבאַשטימטע זאַכן. אָפּאַטאָשו אָבער אידעאַליזירט ניט, ער זעט די זאַכן — ניט ווי זיי דאַרפן זיין, נאָר ווי זיי זענען. ביי אים איז אויך אַפילו זייער קענטיק די נטיה צו נאַטוראַליזם. די האַנדלונג פונם מענטשן פאַרצושטעלן פיזיאָלאָגיש, לויט די אייגנ־שאַפטן, וואָס וואַקסן אויס פון רויען, בהמהשן אינסטיקט. אָבער אויך זיין רעאַליזם איז ניט פון באַוואוסטן שניט און שטייגער. עס איז אַ רעאַליזם, וואָס איז אייגן אויפגעפאַסט. אַ נייער, אַ סינטעז־טישער, לויטן גייסט פון צייט, וואָס האָט אין זיך סימנים פון אַ יעדער ריכטונג. מחמת איז מען נאָר אַ קינסטלער — מוז מען גיין דאָך נאָך דער צייט. אַ קינסטלער איצט איז ניט מסוגל צו זיין אַ רעאַליסט, צי אַ ראָמאַנטיקער, לויט דעם פריערדיקן שטייגער. סיידן ער קאָפּירט אים נאָך, און דאַן איז ער שוין ניט — קיין קינסטלער. ביי אָפּאַטאָשון איז דערפאַר אַן אַנדער רעאַליזם: די ווירקלעכקייט איז געזען טאַקע ווי זי איז — נאָר אויף אַ נייעם, גאָר אַן אַנדער אופן.

דער רעאַליזם פונם פריערדיקן שטייגער איז געווען, די קונסט, וואָס איז געווען צו זאָכן און דערשיינונגען — טריי און פּינקט־לעך. ער האָט געהיט זיך, גאָרנישט צו פאַרפעלן און קיין זאַך צו פאַרשווייגן. ער האָט גענומען יעדן פּרט און יעדן קנייטש און יעדן פלאַך, און האָט געמאַכט פון דעם אַ וועזן. און היות עס זענען מע־דער דאָ די זאַכן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן, האָט דער רעאַליזם גענוג געהאַט וואָס צו דערציילן. ער האָט געהאַט געדולד און אָפּט־מאָל אויך — אַ לאַנגן אָטעם פאַר ניין מאָס רייד.

דער נייער רעאַליזם, ווי ביי אָפּאַטאָשון, איז ניט מחויב וועגן אַלעסדינג געניי דערציילן. ער קלייבט בלויז אויס נאָר דאָס, וואָס לאָזט אונדז זען און הערן. ער זשאַלעוועט ניט קיין פּרטים, אָבער גיט נאָר איבער יעדן פּרט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש. ער איז ניט פּינקטלעך — נאָר קינסטלעריש דיסציפּלינירט; מיט חוש פאַר טאַקט און מאָס. ער איז ניט נאַאיוו, צו געבן אַלע מינדסטע פּרטים, אויך די אומבאַדייטנדיקסטע, צוליב דעם בלויז, ווייל זיי זענען דאָ. דער מאָדערנער רעאַליסט פאַרשטייט, אַז פּרטים, וואָס יעדע

אויג קען זען, איז ניט קיין חידוש. זיין אויפגאַבע איז צו געפינען נאָר אַזוינע, וואָס זענען עטוואָס אַנדערש, אָדער דאָס געוואוינלעכע, צו באַווייזן אַנדערש. ער האָט געדולד צו וויקלען סצענעס, בילדער, עפּיזאָדן, אַרויסצופירן גרויסע פּערסאָנאַזשן, דערנענטערן די ווייט־קייטן פון צייט און שטח, — אָבער האָט ניט קיין געדולד צו ברייען, צו פּלאָנטערן מיט רייד, צו שיטן סתם מיט ווערטער. ער זיפּט די ווערטער. ער האַמעוועט די זאַצן. ער שניידט זיי אויס אין בילדער. ער גיט זיי טעמפּ און ריטם. ער מאַכט זיי לעבן. אַנ־שטאָט צעלאָזן זיך אַליין אין לאַנגן שילדערן און אין דערציילן, לאָזט ער בעסער זיינע פּערסאָנאַזשן ריידן. נוצט אויס ביי איטלעכער גע־לעגנהייט דעם אַלערליי קאָלירקן ד י אַ ל אָ ג.

די בולטקייט, די קלאָרקייט די קורצגעפּאַסטקייט און די—נייקייט פון אָפּאַטאָשוס נעאָ־רעאַליזם, זעען מיר אפילו אין אָט די עטלעכע צופעליק געכאַפּטע שטעלן פון זיין ראָמאַן „די טענצערין" און פון זיין בוך דערציילונגען: „אַ טאָג אין רעגענסבורג".

אָפּאַטאָשוס מייסטערשאַפט אין מאָלן אַ פּאָרטרעט:

1) „ס'צעקנייטשטע פּנים זיינס (דעם קונצנמאַכערס) האָט אי געשמייכלט, אי געוויינט".

2) „פון ביידע זייטן נאָז זענען געשטאַנען צוויי אויגן, איינס העכער, איינס נידעריקער, ווי אַ פּראָצענט־צייכן".

3) „איין בערל שלייפער, אַ מאָגערער, אַן אָנגעשאָטענער מיט קנאָכן, האָט געשמייכלט אין זיין רויט חוצפּהדיק בערדל אַריין, וואָס האָט אַזוי ניט געפּאַסט צום אָפּגעקראָכענעם פּנים זיינעם".

4) „אין דער אָפענער קיך איז געשטאַנען ר' אברהמלס ווייב, אַ קליינע, אַ נידעריקע. אויגן גרויע, וואָס קוקן קיינעם נישט אין פּנים אַריין בשעתן ריידן. די הענט ווי ביי אַ קינד, האָט זי געהאַלטן אויפן בויך, איין האַנט אין דער אַנדערער, און געהאַט אַזאַ פאַרלוי־רענע מינע, ווי זי וואָלט אַריינגעקומען בעטן אַ נדבה".

5) „דער ברודער, אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער, מיט שוואַרצע קרייזלעך צעשאָטן אויף די באַקן, אויף די ליפּן, מיט שעמעוודיקע אויגן, וואָס מען באַגעגנט ביי בחורים, וואָס זענען ראוי לחופּה. זיין צו־ברייטער גצזעס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די ליימענע פיס,

וואָס האָבן זיך געבויגן אין גיין. רחלע האָט אים געפירט ביי אַ האַנט, אויסגעזען לעבן אים קלענער און ער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ הויז־בהמה גייט נאָך אַ קינד".

("די טענצערין").

אַ פּאָרטרעט פון אַ רייכער אידישער פרוי מיט הונדערטער יאָרן צוריק:

6) "לעבן אים איז אויסגעוואַקסן ס'ווייב גימכען, אַ געשטעל פון וויסן זייד, פון נאָך ווייסערן אַטלעס, וואו פאַלד און פעלדל האָבן גערוישט, האָבן געפינקלט, טיפער געמאַכט די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט ווייטע לענדער. אויפן אויסגעקלאָרטן האַלדז, ווייס, ווי אויפגעוועלטע מילך, שנירלעך פערל. פּערלעך ווי מאָן, פּערעלעך, ווי טרערן, פּערל ווי טרויבן, וואו ווייס־בלוי האָט אויפגעפלעמלט, געטריפט מיט טראָפּנס־רעגנבויגן".

("אַ טאָג אין רעגענסבורג").

אָפּאַטאָשוס שילדערונג פון געוויינלעכע זאַכן, וואָס ווערן באַלעבט פון אַ דרך־אגבדיקן שטריך:

אַ גאַס אין ניו יאָרק:

1) "זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין דילענסי־סטריט. לינקס — אַ וואַנט פון שטאָקיקע הייזער, גרויע, אָפּגעקראָכענע, די אָפּגעטינקעוועטע ציגל שיילן זיך, ווי קראַנקע הויט, וואָס נעמט זיך היילן. די "פייער־עסקייפּס", אָנגעפּיקעוועט מיט ביר־קעסטלעך, מיט פלעשער; בעטגעוואַנט, אַלטע לאַבעס סטאַרטשען בייכיק אַרום די הייזער, ווי בוזימס ביי פּאַררוקטע, וואָס קלייבן משוגעת און אוצרות".

אין אַכסניה אין רעגענסבורג:

2) "די טרינק־שטוב, אַ פּירעקיקע, מיט הילצערנע זיילן, איז כמעט געווען ליידיק. ביים גרויסן ליימענעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין דערמיט אכסניה, זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף לאַנגע בענק עטלעכע פּורלייט. די מיילער אָפן, די בערד פאַרריסן; פליגן זענען געזעסן אויף די מגושמדיקע פּנימער, געשמאַק געשפּיגען מיט די פיסלעך, מיט די שנעבעלעך. די פליגן האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר דעם שנאָרכן, וואָס האָט זיך געטראָגן דאָ פון אַ בויך, דאָ פון אַ גרגרת".

די קולטיווירטקייט פון אָפּאָטאָשוס ד י אַ ל אָ ג האָט קיין שום גלייכן. מען קען עס זען אפילו אין פאַרגלייכן. ביי מענדעלין, ביי וועמען ס׳שפּילט די הויפּט־ראָל — שילדערונג, איז דער דיאַ־לאָג כמעט אַ זייטיקער עלעמענט, אַ נישט אָרגאַנישער, נאָר אַ מין אַקצעסואַר פון סטיליזאַציע. דער געשפּרעך פון די פּערזאָנען איז אייגנטלעך דיקטירט דורך אַ כוונה, וואָס איז אויסן אַזוי לאַנג, ביז ס׳ווייזט זיך, אַז ניט דאָס אַליין איז זי גאָר אויסן... טאַקע ווייל דאָס ווערק איז אָנגעזעטיקט מיט באַשרייבונג־עלעמענטן, דינט ניט דער דיאַלאָג אַלס סטימולירנדיקער מיטל פון כאַראַקטעריסטיק.

ביי פּרצן איז דער דיאַלאָג שוין מער קולטיווירט. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער שטאָף ביי אים איז מער דראַמאַטיש. אָבער אויך ביי פּרצן דינט דער דיאַלאָג, ווי אַ פאַרמיטלער פון קינסטלערס אייגענע געדאַנקען און עמאָציעס. דער שמועס פון די פּערסאָנאַזשן, וועלכע זענען פון פאַרשיידנאַרטיקסטן שטאַנד, בילדונג און כאַראַקטער, ווערט געפירט אין דעם זעלבן נוסח, אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי דער קינסטלער גופא וואָלט גערעדט. טאַקע קורץ און שאַרף לעבן בלויז ברמיזה? — און פאַרקערט ביי שלום־עליכם, איז דער און לעבעדיק — אָבער אַלץ ברמיזה. — רעדט דען אָבער אונדזער דיאַלאָג אַזוי פולבלוטיק און צעשפּרודלט, אַז ער גייט אַריבער אַלע ראַנדן און פאַרוואַנדלט זיך אין מ אָ נ אָ ל אָ ג. סיי דאָס באַריכותדיק ריידן פון די טיפן און פאַרשוינען, סיי ווייל ס׳קייטלט זיך אַרויס פון די קאָמיש־לעכערלעכע סיטואַציעס, — מאַכט דעם דיאַלאָג פאַרביק, כאַראַקטעריסטיש, אָבער ס׳גייט אַריבער פאַרט די ראַנדן... ס׳איז אגב אויך אַ דיאַלאָג, וואָס ווערט אַרויסגעהאָלפן דורך הערויה.

דערצו נאָך, איז ביי אָט די דריי, למשל, דער דיאַלאָג — נישט שטענדיק אין די שאַפונגען — אַ חיוב. אָפטמאָל קומט ער עפּי־זאָדיש.

ביי אָפּאַטאָשון אָבער, אין וועמענס כמעט איטלעכער דערציי־לונג און נאָוועלע, באַלאַנסירן וואויל די עלעמענטן פון שילדערונג, דעסקריפּציע און דראַמאַטישקייט — איז תמיד דאָ דער דיאַלאָג. ער וואַקסט אַרויס פון יעדער סיטואַציע — אָרגאַניש.

דער דיאַלאָג ביי אים האָט תמיד גאָר אַ גרויסע ראָל און פונקציע:

קודם כּל, פאַראייניקט ער די דריי פאַרשיידענע עלעמענטן אין אַ קינסטלערישער גאַנצקייט. ער באַלעבט אויך און דערפרישט די סיטואַציעס און פּערזאָנען; גיט זיי אָטעם, ריטם און דינאַמיק. דערצו נאָך אָפּערירט ער אַזוי געלונגען מיטן וואָרט־שטאָף, אַז ער ווערט אַליין אַ קינסטלערישער „יש". אַזוי אַז נישט נאָר בלויז אין קורצן, שאַרפן דיאַלאָג, נאָר אויך אפילו אין דעם אָפּטמאָל באַריי־דעוודיקן דיאַלאָג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אין זיין לאַנג־רייד, פילט זיך קיינמאָל ניט — קיין לאַנגווייל.

דער דיאַלאָג ביי אים וואַקסט שטענדיק אויס אין צייט און העלפט אים פונאַנדערוויקלען דאָס דערציילערישע, מחיה זיין די שילדערונג און אָנשפּאַנען דאָס דראַמאַטישע, וואָס עקספּלאָדירט ביי אים זעלטן צוליב ביליקן עפעקט.

דער געשפּרעך ביי אים איז שטייגעריש, דראַמאַטיש, אויס־דריקלעך און שאַרף. ער איז אָנגעזעטיקט מיטן הארבן, אָנגעווירצטן וואָרט און קערנדיקן אידיאָם. ער איז אויך בויגעוודיק, ווי אַ יונג ריטל און — צונויפגעפּרעסט ווי אַ פויסט, וואָס וויל אַ זעץ טאָן. ער איז לאַקאָניש, ווי אַ פינטל פון אַן אויג און — טומלדיק פאַרשיידנ־שטימיק, ווי אַ גרויסע חוצפהדיקע שטאָט.

אַזוי איז אויך זיין שפּראַך.

דוד בערגעלסאָן

די גלייכע ליניע — ווי לאַנג זי זאָל זיך ניט ציען, איז — די קירצסטע. מיטלמעסיקייט האָט תמיד אָנגעגרייט אַן אָנהייב, מיטן און סוף. זי ווייכט פון דער געדרייטער ליניע, ווייל עס פאַרפעלט איר אָטעם.

בערגעלסאָן איז קיינמאָל ניט גלייך און קיינמאָל ניט קורץ און גלאַט. ער האָט דעם וועג פון זיג־זאַג און קירעוואַניע. דער „ווי" און „וואָס" באַלאַנסירן ביי אים פּאַמעלעך — די ריכטיקע וואָג. ער פורעמט אויס, אין מענדעלי־שטייגער, אַ מוסטער פון נוסח, וואָס איז כלי און שטאָף, צירונג און נוץ.

זיין שטייגער: אי קאָנדענסירט און אי אויספירלעך־פּרטימדיק. אַ שווערער מוסטער, אַזוי פאַראייגנט, אַז עס לאָזט זיך ניט אי־בערנעמען. גאָר אָפט איז דאָ ביי אים אַן „אָפּנויג", אַ ניואַנס, אַ האַלב־טאָן. און גאָר אָפט ווערט דער אָפּנויג — אַ באַזונדער קאָנקרעטע ליניע, און דער ניואַנס — אַ בילד פאַר זיך.

זיין מעטאָד איז אַ ביבלישער: צמצום אין וואָרט און אויס־דרוק און אויספירלעכקייט אין שילדערן און דערציילן.

* * *

זיין סטיל —

אַ דימענט אין דער פאַרקרעמפּטער האַנט פון אַ קאַרגן, אויף וועמען רויבער זענען באַפאַלן.

אַ ספּרוזשינע — צונויפגעדרייט ביז גאָר, וואָס קען חלילה פון פיל גאָרקייט צעשפּרינגען.

אַ האַמער שלאָגט אַ צעגליטן אייזן: פליען פונקען, דאָס אייזן גליט, קילט זיך, ווערט קאַלט — און באַקומט אין גאַנצן גאָר אַן אַנדער פּנים.

וואָלקנס פינצטערן, פאַרלייגן זיך איינע אויף די אַנדערע — אַ בליץ — און דער טונקל ווערט נאָך אומהיימלעכער, גע־דיכטער. וואָלקנס אין געראַנגל — אַ בליץ, אַ דונער — און אומ־היימלעכקייט און לויער...

פעלזן הויערן איבער אַ תהום — אַ סכנה זיי זאָלן זיך אָפּ־רייסן... האַלטן אָפּ מיט קאַרק און רוקן איינע די אַנדערע... פּרעסן זיך — זיי זאָלן חלילה ניט אַ פאַל טאָן אַהין אַריין...

אָדער גאָר:

עמיצער האָט זיך פאַרעקשנט און וויל אויפן קעפל פון אַ שפּילקעלע אויסקריצן דעם שם־המפורש.

עמיצער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער מוז ניט אַנדערש ווי די שניי־פליטערלעך אַריינהעפטן אין זיין בלויען מאַנטל.

„אָפּגאַנג". דאָס אייז שפּאַלט זיך, וואַסער שפּאַרט אַרויף, קריעס פּלאַצן, נעמען זיך טראָגן — כדי אָנצופאַלן און צעשמעטערן איינע די אַנדערע... און ער האָט זיך פאַרקליבן אויף אַ קריע און ריכט אָפּ עבודה פאַר דער סודותדיקער סכנה...

סטיל־ווערט ביי אים אַזוי הייליק קולטיווירט, אַז ס'ווערט — קולט. ער ריכט אָפּ עבודה.

פאַרוואָס־זשע בלויז שלייפן, צירקלען, מייסטרעווען — ווי ס'דוכט זיך אַנדערע, אַז ער טוט עס מיט אַזאַ התמדה? פאַרוואָס ניט — סטיל — עבודה? פאַרוואָס ניט ביחידותדיקע סטיל־דינסט? —

* * *

ער האָט פיינט זיינע מענטשן, וועמען ער שילדערט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט.

און וואָס מער ער האָט פיינט זיינע מענטשן, אַלץ מער הנאה פאַרשאַפט אים וועגן זיי אויספּירלעך אַרומצורייד‌ן...

ער איז ניט פון די, וואָס קליגלען זיך אַריבער זייער מענטש, וואָס ווערט ביי זיי פון צופיל זיין טיפיש — אַ טיפּוש.

פאַרקערט, זיינע טיפּן זענען אַזוי פיל פאַרשאַרפט און פאַר־קאַנטיקט, אַז זיי בולטן אין כאַראַקטער־געשטאַלטן.

ער איז דער פּסיכאָלאָג־אַנאַליטיקער וואָס גריבלט זיך ניט, נאָר גראָבט זיך און דערגרונטעוועט.

ווען מען חקירהט, מוז מען אַמאָל — שפּאַלטן האָר. דער פשט ווערט צעשפּאַלטן אין פשטלעך. עס טרעפט גאָר אָפט, אַז אַפילו אַ קינסטלעריש אויג ווערט פאַרשטאָכן פון אַ גאָרער קליינינקייט, וואָס דווקא ווייל ס'איז אַזוי קליין, איז שווער פון

דעם פטור צו ווערן... ער אָבער פשטלט זיך ניט — ווייל אַפילו דער פ ש ט איז ביי אים ניט פ ש ו ט, נאָר איז קינסטלע־ריש־בילדעריש פאַרטיפט און רמזדיק.

ער איז מער קינסטלערישער ד ע ר פ י נ ד ע ר ווי אַ נ ט ד ע ק ע ר. ער דערגרונטעוועט דעם חידוש, דאָס כאַראַק־טעריסטישע אַפילו אין דער געוויינלעכקייט.

פון אויבנאויף דוכט זיך, אַז ער איז דורכאויס אָביעקטיוו. דערציילט קיינמאָל נישט, נאָר שילדערט. בעצם פילט זיך אָבער סוביעקטיווער קאָנטאַקט און באַציאונג אין יעדער מינדסטער שיל־דערונג. דערפאַר זענען זיינע אימפרעסיעס אַזוי פולבלוטיק. ער איז אימפרעסיוו פלוס אימפולסיוו.

* * *

אַש און בערגעלסאָן.

דער ערשטער אַ פזרן אויף ווערטער, דער צווייטער — אַ קמצן. דער ערשטער — אין שפיל פון וואָרט — און נאָכוואָרט, וואַרפט פונאַנדער הויפנס זאַמד און דימענטן. דער צווייטער — זיפּט פאַרזיכטיק און לחלוטין אַרויס דאָס זאַמד און — ס׳בלייבט דאָס וואָרט וואָס דימענט.

ווען מען לייענט אַשן, טראָגט מען זיך אַוועק אין רחבות און ווייטקייט. לייענט מען בערגעלסאָנען, מוז מען זיך תמיד אומ־קערן צוריק, כדי דערנאָך צו פאָרן אין אומענדלעכקייט. אויף דער רייזע מיט אַשן באַקענט מען זיך לייכט מיט דער וועלט, מיט וועמען מען ווערט היימיש. מיט בערגעלסאָנען מוז מען גיין טריט ביי טריט, ווי לעבן אַ שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן; און מ׳קען אַזוי לייכט ניט אַריינפאָרן אין דער וועלט און ווערן מיט איר היימיש, ווייל די משא איז אַזוי שווער און ליב, ווי אייגענע פּראַצע...

* * *

זעלטן ווער עס איז אַזוי מקפיד, ס׳זאָל זיך חלילה ניט אַריינ־כאַפּן אַן איבעריק וואָרט — אַ הוילס און זייטיקס. איטלעכס וואָרט און זאַץ זיינס דאַרף אונדז לאָזן הערן, זען און פילן. ס׳דוכט זיך אַמאָל, אַז זיי זענען מאַטעמאַטיש־פּינקטלעך קאָמבי־נירט; די מינדסטע שילדערונג — אַ שאַך־גאַנג פון געניִע אויס־גערעכנטע פיגורן, מיט ווייניק קאַפּריז און מער איינפאַל. ס׳איז

אָבער דורכאויס אַנדערש. ניט קיין סטאַטישע פּינקטלעכקייט, און ממילא אויך ניט צוגעטראַכט און אויסגע־טראַכט, נאָר אַ באַהערשן דעם מאַטעריאַל, ער זאָל ניט צעפלאָסן ווערן, ער זאָל ניט ווערן שיטער. די געדיכטקייט און פולקייט פון געמעל לאָזט זיך פילן אַפילו אין די דינסטע שטריכן... בערגעלסאָן איז דערפאַר, נישט דער מאָלער פון אָרנאַמענטאַציע (ווי ס׳דוכט זיך אַמאָל אויס בנוגע סטיל) נאָר פון קרנדיקער פּרטימ־דיקייט. דער שטח פון זיין לייוונט איז אַמאָל צו קליין — אַריינ־צונעמען אַלע פּרטים. וואָלט ער מאַטעמאַטיש קאָמבינירט — קען דאָס ניט פּאַסירן. דאָמינירט אָבער די אינטואיציע דווקא מיט איר קאַפּריז, פלעכט איין די פּרטים אויף אַזאַ אופן, אַז דער שטח לויפט פונאַנדער און ווערט — רחבותדיק.

די בילדערישקייט פון דער שילדערונג ווערט גענערט פון אימאַזש. דאָס רוחניותדיק־אַבסטראַקטע באַקומט געשטאַלט און באַוועגט זיך. זיין אימאַזש איז מחיה די רוחניותדיקייט, וואָס ווערט באַצויגן מיט פלייש און אָנגעפּילט מיט בלוט: 1) „איצט גייען שוין עבירות פּיצלעך, גליטשיק־קליינע; מיט קלעפּיק־טריפנ־דיקע תשרי־רעגנס טריפן זיי און טריפן, און אַלץ איז מותר אין אַט דעם גרויסן אָנלשונדיקן לאַנד, כאַטש עפּעס גרייט זיך דאָך בייבייס אין זיינע מידע ברויזנדיקע קנייטשן: אַן עבירה גרייט זיך דאַרטן, אַן אומגעהערטע, צי אַ מצווה, אַ נישט געווען גרויסע״. דער לאַנגער געקרייזלטער זאַץ, מיט די עטוואָס שווערע איבערגאַנ־גען, איז אָנגעפּיקעוועט מיט קאָנקרעטע פּרטים, וואָס פּאַרגופּעגען דאָס אַבסטראַקטע. 2) „שיטערע לופט האָט אַלע ווײַלע איינגע־דרעמלט און אַלע ווײַלע זיך אויפגעכאַפּט מיט נייע שיסנדיקע שטראָמען, וואָס טראַסקען מיט ביינאַכטיקן פלוידער, ווי אין טעמ־פּע רוישיקע ספּאַזמען״. זיינע שילדערונגען — אַ סימפאָניע פון בילדערישקייט, אָריגינעלן פאַרגלייך און לעבעדיקן מעטאַפאָר. דער־צו זיין איבערבויען ווערטער, פאַרוואַנדלען סובסטאַנטיוון אין ווערבן, באַנוצן שאַרפע, שטייפע סופיקסן, אָנווענדן וואָס מער הע־בּרעאישע ווערטער — סינטעז פון נייער שפּראַך און פאָרמע און קערנדיקן תוך. 1) „אַלעקסאַנדראָווקע — אַ קליין שטעטעלע, וואָס קבצנט זקניש אונטער מאַריומפּאָלער זאַמדיקן באַרג; אַ פּאָר

הונדערט אַלטע טשערעפּענע דעכער, וואָס לויערן שווער אינמיטן פעלד, אָן אַ טייך אַפילו. און פונוויטנס דאַכט זיך: זיי מעלה־גרהן מיט מרה־שחורה, ווי אָן ציין; זיי געדענקען:

— געווען אַמאָל גאַנצע... געווען אַמאָל אַ מבול... און הייליקע אָבות — אויך — הייליקע אָבות פון חומש"... 2) „זי האָט זך געתכשיט מיט אַ סך קליינע צעוואָרפענע דערפלעך". 3) „סוף תשרידיקע רעגנס האָבן געמבולט סיי ביימאָג, סיי ביינאַכט, גע־פּאַטשט אין אַלכסונדיקן שטורם מיט צעווילדעוועטע ווינטן, און געשניטן, ווי מיט קאַרבנדיקע בייטשן, דאָס ווייכע לייב פון לאַנד".

מיט אַ פּאָר שטריכן, אויף אַ לייכטן איראָנישן אופן, אַרויס־שיילן אַ פיזיאָגנאָמיע, אַנטפּלעקן אַ כאַראַקטער: 1) אַנדריוק — „אַ דרייער און צעטראָגענער פלוידערזאַק, וואָס האָט אַ ברודיק, אַ שטעכיק פּנים, מיט אָן אַ שיעור כיטרע, טיפע קנייטשעלעך אויף די באַקן, און מען קאָן נישט וויסן, צי ער איז יונג, צי ער איז אַלט". 2) אַ סטודענט — „זיינע געשווינטע אויגן האָבן געפלוידערט מיט די בליקן, אַפילו דאַן, ווען זיין מויל האָט אין איילעניש געקייט".

דעליקאַטער גראָטעסק, אייגנאַרטיקסטער פאַרגלייך און שפּיל פון ליכט און שאָטן: 1) „עס איז דעמאָלט ווידער געווען אַ שטי־לער זומערדיקער פאַרנאַכט — אַ לעצטער שוין, גאָר אַ לעצטער, ווי ביי אָן אַלטן טאַטן אַ געראָטענער מוזיניק". 2) „אַרום דעם פּריי־צישן הויף מיט די דרויסנדיקע פאַרפאַלטע לאָדן איז אַ יונג שיי־טער וועלדל געווען אויסגעהאַקט פריש און ווי אויף צו להכעיס; נישט צוליבן נוצן, נאָר פּשוט כדי קיין וועלדל זאָל אויף דער וועלט נישט זיין און ס'זאָל דאָך עמיצן פאַרדריסן, הלמאי ס'איז דאָ אַמאָל אַ וועלדל געווען".

* * *

פאַר די, וואָס זוכן לייכטקייט — איז ער שוין גאָר ניט לייכט.

ער איז אויך ניט אַמוזירנדיק. ער טראָגט ניט אונטער די טאַץ פון פּאַטראָוועס און בעט אייך אויסקלייבן: אַ פעפערדיק שטיקל ערגאָטיק, אַ זיסע שפּילצייג, אַ שאַבלאָן פון אַ סאָציאַלן מאָטיוו. מיט אים מוז מען זיך איינשפּאַנען און מיט־

טראָגן די משא אויף אַלע געדרייטע וועגן. זיין סאָציאַלער מאָטיוו איז ניט קיין אויסערלעך־פאָרמעלער — ער גראָבט אונטער און רייסט אויף פון אינעווייניק. „דער טויבער" איז ניט קיין פוסטער שאָס, וואָס שרעקט געגנדז. ס'איז ניט דער בלוט־אָנגעפילטער קרוג וואָס אומרעכט טראָגט אַרום אַליין, ביז עס ברעכט זיך אָפּ דאָס הענטל, — ס'איז אַ קלאַפּ אויף דער האַנט וואָס טראָגט אים אום. ס'איז פיל סכנהדיקער ווי פּראָטעסט — ס'איז התרעה. ס'איז אָנזאָג, אַז דער „גולם" האָט דערוואַכט...

ס'איז מאָדנע, אַז דווקא די, וואָס ווילן אַריבעריאָגן די צייט — בלייבן תמיד הינטערשטעליק. און ער, וואָס אײַלט זיך ניט, גייט טריט ביי טריט — קומט שטענדיק אין דער צייט. מחמת ער איז ניט צ י י ט מ ע ס י ק , נאָר האָט די מ אָ ס פאַר צייט. דערפאַר איז ער געווען סאָציאַל אויך אין זיין ראָמאַנטישער תקופה פון „נאָך אַלעמען", ווי סאָציאַל ער איז אין די לעצטע שבלעצטע ווערק, וואו די מאָס פאַר צייט וויקלט זיך פונאַנדער אויף אַ פיל גרעסערן שטח.

זיין סאָציאַלער מאָטיוו איז נאָר געוואָרן וואַגיקער: פּאָזי־טיווע עלעמענטן. שוין ניט בלויז פּיינטשאַפט, נאָר אויך ליבשאַפט צו זיינע געשילדערטע מענטשן. און נאָך מער פילט זיך זיין אויפשטייג — ער כאַפּט שוין ניט־אויף איצט בלויז דאָס סטאַטישע — און פאַרגייענדיקע, נאָר דאָס וואָס האַלט אין וו ע ר ן , וואָס איז נאָך וואַרעם, דינאַמיש — און אין פּערספּעקטיוו.

* * *

עס איז ניט שייך צו זאָגן אויף אים — ער סטיליזירט. זיין גבורה ליגט אין דעם, וואָס ער מאַכט ניט זיין סטיל פאַר אַ לבוש, נאָר דער סטיל האָט ביי אים זין און נשמה און אייגן לעבן. סטיל איז ביי אים — אינהאַלט און בילד. ווען סטיל וואָלט ביי אים נישט געהאַט אייגן לעבן, וואָלט די משא פון זיין רייכקייט פאַרדעקט אינגאַנצן דעם אינהאַלט. די שפע פון בילדערישקייט, פאַרגלייך און מעטאַפאַר וואָלט פאַרשלונגען ביי אים די טעמע. ביי אים איז אָבער ניט דער סטיל — דער קרייז וואוהין ער צילט מיט דער טעמע. דער סטיל האָט זיינע אייגענע קרייזן. און דער־פאַר איז ער אַזוי ניט לייכט. מ'קען אים ניט גלייך צעקייען. מ'מוז

זיך אַריינטאָן אין זיין אַטמאָספער, אריינאָטעמען דעם ריח און אָנטאַפּן מיט אַלע חושים דעם טעם — כּדי אים צו קענען פאַר־דייען.

דערפאַר זענען ביי אים די עפּיזאָדן אַמאָל וויכטיקער, ווי די עצם „מעשה". ווייל איטלעכער עפּיזאָד באַזונדער האָט אין זיך אַ געוויסע טעמאַטישע פאַרגאַנצקייט: עס זעט זיך אין אים אַ בולטער כאַראַקטער. ער איז פול מיט האַנדלונג, קאָנפליקט, שטייגערישקייט. און צוליב דעם, פעלט טאַקע אַמאָל ביי אים, דאָס וואָס ביי אַנדערע איז אַן עיקר און אַ מוז —

עס פעלט פינאַל.

ביי אים איז איטלעכער קנייטש און נערוו פון אייגנאַרטיקייט — דער פינאַל.

ביי אים איז דער דראַנג און ניט געזעטיקטקייט פון שילדערן — דער קעגנגיפט פאַר דעם מאָראַליזירנדיקן פינאַל. די תאווה צו פּרטים, וואָגיקע און שאַרפע, ציט אָפּ די אָנגעשפּאַנטקייט פונם קלימאַקס. די אָרגאַניש־איינגעוועבטע פּרטים און עפּיזאָדן האָבן זייער אייגן רעכט.

ה. לייוויק

פֿאַראַנען לידער, וואָס בליִען ווי אַ לאַנדשאַפֿט, מיט קאָליר און ריח. וואָס ווייזן אָן אַ קענטיק לעבן פֿון באַרג און טאָל, וואַלד און פֿעלד, וואַסערפֿאַל און טייך, וועג און שטעג און סטעזשקע.

און לידער זענען דאָ, וואָס גייען אויף אין חלום ווי אַן אומהיימלעכע לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט כמעט קיין שטריכן ניט און ניט קיין קאָנטורן; וואָס ווייזט זיך ווי אַ פֿאַנטאַסטישע, אָנשטחדיקע זעאונג, פֿאַרנעפּלט און דערווייטערט, ווי פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט. — ל י י וו י ק ס ל אַ נ ד ש אַ פֿ ט.

ווי קען מען פּותר זיין אַ חלום? מיט פֿאָרשטעל און אַסאָציאַציע. נאָר אָפּטמאָל איז דער חלום אַזוי אויסגעטאָן פֿון וואָר, אַז ער קריגט ניט קיין קאָנקרעטן פּתרון. ביי וועמען אומפֿאַרשטענדלעכקייט איז אַ קולט, פֿאַר דעם איז גרינג צו זאָגן: „אַזוי זע איך!"

ביי לייוויקן איז אָבער ניט די אומפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון אַ מאַניר, אין וועלכן וואָר איז איבערגעקערט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. — נאָר ס'איז דער גרויסער סוד, וואָס ליגט נאָך ערגעץ ווייט, פֿון יענער זייט פֿון לעבן, ווען דאָ איז אומבאַשטימטקייט; די פֿאַרנעפּלטקייט פֿון אַ דיכטערס שפּירונגען און חלומות — דורך וועלכע ס'גראָבן זיך די וועסלעס פֿון דעם דיכטערס וואָרט צום ערגעץ פֿון דערקענטעניש.

דער מאָטיוו פֿון חלום, וויזיע, זעאונג איז וואַריאירט ביי לייוויקן אין אַלערליי ניואַנסן, אין גאַנצן גאַנג פֿון דיכטונג. ער איז אַפֿילו אויך אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין זיין שפּעטערדיקער שאַפֿונג, וואו דאָס וואָרט האָט דורכגעשניטן שוין דעם נעפּל צו דער קלאָרקייט פֿון קינסטלערישער און אידייעאישער קאָנצעפּציע.

לייוויקס לידער־„לאַנדשאַפֿט" האָט ניט די שיינקייט און דעם רייץ פֿון שפּילעוודיקע פֿאַרבן, פֿון זיך־בייטנדיקע קאָלירן, פֿון גרונטפֿאַרב און ניואַנס, וואָס גיסט צונויף דאָס אויסערלעך־דעקאָראַטיווע מיט דעם אינערלעך־נשמהדיקן אין האַרמאָניע. — ס'איז לאַנדשאַפֿט, וואָס שפּיגלט זיך ניט אָפּ אין אויג, נאָר אין טיפֿן תהום

פון זינען; וואָס צינדט אָן אַלע בריקן, וואָס פירן צום באַ־וואוסטזיין, און ברענט מיט אַלע זאַכן און דערשיינונגען, מיט וועלט און מענטש, ווי ס׳ברענט אַ סנה אין וואונדער. ס׳איז בילד, וואָס וויקלט זיך אַרויס פון אָרנאַמענטיזירטער ראַם, פון דער עסטעטי־שער פּאַרפוצטקייט, און וויקלט זיך אַריין אין דער דימענסיע פון זעאונג.

ביי לייוויקן איז די וועלט אַ שייטערהויפן און דער מענטש — אַ קרבן. נאָר ס׳איז די וועלט און אויך דער מענטש — אַ סנה. דער ברענענדיקער צייכן צו דערלייזונג. דער פיל באַדייטנדיקער אָנזאָג צו אַן ערגעץ ווייטן לאַנד. דער סנה — דער מענטש — איז פּשוט; די וויזיע פון דעם ברענענדיקן סנה — אַ וואונדער. דער־פאַר איז לייוויקס ליד — די ברענענדיקע בריק, וואָס פירט פון היינט אין צוקונפט. די מאוימדיקע וואָר, וואָס הויבט זיך אויפעט אויף דעם פייערדיקן וואָגן פון וויזיע.

*

„איך בין אַ צווייגעשטאַלטיקער און אַ פאַרקערטער", — האָט לייוויק שוין געזאָגט אויף זיך אין איינס פון זיינע אָנהויב־לידער, ווען די טריט פון יונגן דיכטער האָבן אָבער שוין געצייכנט אייגן גאַנג און שטייגער. די נטיה, אַריינצוקוקן אין דער אייגענער נשמה, באַציען זיך צום אייגענעם כאַראַקטער אַנאַליטיש, אָנווענדן אויף זיך דעם שאַרפן שניט פון פּסיכאָלאָגיזירנדיקן מעטאָד, — די דאָ־זיקע נטיה איז שוין דאַן געווען אַנטפּלעקט אין אים, מיט איר גאַנצן ליכט און שאָטן; האָט שוין דאַן באַוויזן, אַז זי איז אין אים אָרגאַניש, עלעמענטיש.

אין פלוג, ווי קומט אַזאַ מין שטרענגע אָפנקייט צו אַ יונגן דיכטער? ווי שיקט זיך דאָס, אַז ס׳זאָל אַ דיכטער מסרן אויף זיך, אַז ער איז אַ „צווייגעשטאַלטיקער און אַ פאַרקערטער"? — ווייסן מיר דאָך, אַז אַ יונגער דיכטער איז דאָס רוב דער ריטער פונם „שיינעם ליגן". ווייסן מיר דאָך אויך, ווי דער שיינער ליגן העלפט אים זוכן יענעם האַרבן אמת, וואָס ער גרייכט אים ערשט, ווען ער האָט שוין אָפגעפרילינגט, אָפגעזונגען, אָפגעהנדלט זיך מיט זיך און האָלט שוין ביי דעם „דע פּראָפונדיס" פון זיין אייגן לעבן? — ווי קומט אַ ווידוי ביי אַ יונגן דיכטער און אַזאַ מין חשבון הנפש

אין דעם אַנהויב פון זיין שאַפן? — צי איז דאָס פּאָזע? אָנשטעל? צי איז דאָס בלויז אַ שפּיצל, אַז מען זאָל גאָר אויסטייטשן די צווייגעשטאַלטיקייט אַלס — קאָמפּליצירטקייט? — ניין, ס׳איז דאָס אמתדיקע, וואָס איז סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָן שוין העזהדיקן נעגירער פון דעם „שיינעם ליגן״, פאַר דעם ריטער פונם צער און טרויער, פאַר דעם דיכטער — לייוויק. דער עטיקער אין אים האָט דאָן שוין קלאָר געזען זיין דיכטערישע פּאָזיציע, און האָט אַרויסגעשטעלט דעם דיכטער, נישט אין ראָל פון פּ אָ ז ע, נאָר אין מוראדיקער אָפּנבאַרקייט פון ע ק ס־פּ אָ ז ע. — דאָס איז די אַמביוואַלענציע פון זיין גייסטיק וועזן — נישט צווייפּנימדיק, נאָר צווייגעשטאַלטיק; נישט בלויז אַן אָפּעגער, נאָר אויך אַ פאַרקערטער. — וואָרן איז דען ניט באמת דער גאַנצער קאָמפּלעקס „לייוויק״ צווייגעשטאַלטיק? — ווייל לייוויק איז דאָך —ווירקלעכקייט און טרוים, וויזיע און אויסגעקלערטקייט, אָפּטימיזם און פּעסימיזם, פאַרלייקענונג און גלויבן, מאַרטירערשאַפט און בונט, טראַנסצענדענץ און באַוואוסטזיין, גורל און זיכערקייט, גרויל און אמונה, טאַנטאַליזם און נחמה. — ווי טיף זענען די סתירות! ווי גרויס אַזאַ מין צווייגעשטאַלטיקייט! —

האַרמאָניע? — ביי איינעם איז האַרמאָניע דער מינאָרנער טרילער פון אַ פּאַסטוך־פּײַפל; ביים צווייטן — דאָס גרויסע געפעכט פון קולות אין אַ סימפאָניע... די דרעמלענדיקע מצבות אויף אַ בית־עולם און — די טאַנצנדיקע מאַסקעס אויף אַ קאַרניוואַל... דער טייך וואָס האָט געוויגט אַ פּאָר פאַרליבטע, האָט איינגעשלונגען שפּעטער אין זיין קעסל־גרוב אַ יונגלינג, אַ בן־יחיד ביי זיין מאַמען... דער וואונדערלעכער שניי־באַדעקטער באַרג, וואָס האָט באַגייסטערט צוויי טוריסטן, האָט אָפּגעטרייסלט אַ געוואַגטן קלעטערער אין תהום פון שאַרפע פעלזן... דאָס וואַסער, וואָס עס פּלאַפּלט סתם אַזוי מיט בלעזלעך און מיט שוים, באַוועגט אויך רעדער פון אַ מיל, וואָס מאָלט אונדז מעל פאַר ברויט... האַרמאָניע — אין נאַטור, וואָס גיט געניס און נוצן און — ברענגט אום; האַרמאָניע — אין פּאָעזיע, וואָס טויט און לעבן, אומקום־אויפקום, צער און האָפענונג, גרויל און פרייד, זענען שטאַפּלען אין סימפאָניע פון דער וועלט. — די שטאַפּלען פון לייוויקשן אומקום, די שטאַפּלען פון

לייוויקשער דערהויבונג. די טרעפּ, וואָס קרעכצן מיט סכנה, די טרעפּ, וואָס פירן צו דערקענטעניש.

דער חלום־מאָטיוו. שוין די נעמען פון טייל לי־דער זאָגן עדות: „אַ חלום", „ווי אין חלום", „אילוזיאָן", „אַ זע־אונג", און ווידער אַמאָל „אַ זעאונג", אַ „ווייסער חלום", „דער גולם חלומט" (דאָס אונטערקעפּל פון „די גאולה קאָמעדיע"). אָבער נישט בלויז די באַצייכנונג, נאָר אויך דאָס, וואָס ווערט ארויס־געצייכנט פון דאָס רוב לידער, זענען נישט קיין קאָנקרעטע ליניעס פון אַ פּנים, אַ פיגור, אַ פּייזאַזש, אָדער אַ פיגוראַטיווע שטימונג, — נאָר די קאַלטע, זיך ניט בינדנדיקע פּעדים־שטראַלן פון אַ חלום; דער פאַרמלאָזער, אָנפּנימדיקער שאָטנטאַנץ פון אַ קאָשמאַר. אַ חלום איז ניט בהדרגהדיק... ס'איז ווי אַ לענטע וואָס דרייט זיך געשווינט. ס'מאַכט שפּרונגען. ס'טוט אַ בלענד. ס'וויקלט אויף אַן עפּיזאָד און — פאַרשטעלט אים. פאַרפיקסירן אַ חלום איז דיזעלבע, ווי אָנכאַפּן מיטן האַנט דאָס בלענדעניש. גרינגער איז שוין דערי־בער צו ריידן וועגן חלום, דערציילן וועגן אים, וואָס דאַן קומט שוין צו הילף די מעדיטאַציע, די געדאַנקלעכקייט, און ס'ווערט פון אַט דער גאַנצער זעאונג — אויסגעחלומטקייט.

ביי לייוויקן איז דאָ קיין זאַך ניט געבונדן „לאָגיש". ווייל לאָגיק דאַרף דאָך האָבן אַן אויסגאַנג־פּונקט, און לייוויקס חלום־ליד האָט צופיל פּונקטן, עס זאָל זיך קענען שאַפן יעדע מאָס און גרענעץ; און צופיל פּעדים ציען זיך אַרויס און האַקן אָפּ זיך — פון דינקייט אָדער גאָר פון אָנגעשטרענגטקייט — אַז מען זאָל פילן זיך דערפירט ביז אַ וועלכן ניט איז שווער־פּונקט. לייוויקס לידער זענען אָפּטמאָל פּונקט ווי קריעס, אויף וועלכע מ'קען זיך ראַטעווען, נאָר אויך ניט זיין געזיכערט, עס זאָל זיך ניט אַ שפּאַלט טאָן און מען זאָל פאַרלירן זייער אָנהאַלט... זיינע לידער — אין די פריערדיקע פּאַזן פון זיין שאַפן, זענען נאָך ניט פאַראַנקערט אין קיין שום דערגרייכטן ברעג און טראָגן זיך אום אומעטיק־פאַרזעגלטע אין ווינט און הפקר, אַמאָל געשטויסן פון אַ סכנהדיקער כוואַליע, און אַמאָל אַריינגעוויגט אין פאַרלוירנקייט, פאַרגעסנקייט. און אַלץ איז אומבאַשטימט, און אַלץ אַזוי ניט זיכער, — אַ חוץ דאָס אויסגעטרוימטע לאַנד „דאָס פאַר־

באַטענע", און אַ חוץ דאָס מער באַשטימטע אומדרייען זיך צווישן מויערן — דער צווייטער פּאַליוס פון דער ערגעץ־ווייטקייט — וואו „ניט איך זוך און ניט איך טראַכט", נאָר „אַלץ אַרום מיין אייגן זעל, ווי אין אַ חלום דריי איך זיך". די אַמביוואַלענציע פון זיין דיכטעריש ווערזן דריקט זיך נאָך דערוויל בלויז אויס אין פּאַסיוון חלומען פון אַן ערגעץ־וויטן לאַנד און אין דרייען זיך אַרום דער אייגענער זעל.

דער חלום ביי לייוויקן — אויב דעפינירן אין פאַרבן — איז קיינמאָל ניט „בלוי". פאַרוואָס עפּעס בלוי — מחמת דאָס רוב דיכטער האָבן אַ „נטיה" צו בלויקייט, וואָס איז ביי זיי, אַ חוץ קאָליר אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור, אויך אויסדרוק און רעפלעקסיע פון דער אייגענער פסיכיק, פון דעם שטילן, וויכן געמיט, פון דער דינער, צאַרטער שטימונג... דער ראָמאַנטיזם פון בלויקייט וויגט נישט לייוויקס ליד. ס'איז נישט דאָס ליד, וואָס וויגט און ווערט פאַרוויגט אין ליכטיקער, מעלאָדישער וויבראַציע. — ס'איז דאָס ליד, וואָס רעדט, וואָס מאָנט, וואָס טענהט; וואָס רעדט אַמאָל אַ סך און דאָך דערזאָגט ניט, וואָס רעדט ווייניק און זאָגט פיל; וואָס מורמלט נישט דערזאָגטע טענות און — שרייט און רופטביים נאָמען; וואָס קילט דאָס בלוט און — היצט עס; וואָס מאַכט פאַרגליווערן אַמאָל אפילו דעם באַוואוסטזיין און — צינדט אָן דעם אָטעם; — דערפאַר ביי אים די אַמביוואַלענציע פון קאַלטער ווייסקייט און הייסער רויטקייט. דערפאַר ביי אים — פון איין זייט — דער פאַרשלייערטער, אָנתכליתדיקער פּאַטאַליזם, און — פון דער צווייטער זייט — דאָס אָפענע, אַמאָל שרעקלעך און אַמאָל ליכטיק, פּנים פון דער ווירקלעכקייט.

פאַראַנען ביי לייוויקן אַ מיסטיציזם. אָבער ביי אים איז דאָס ניט קיין נאַאיווער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ העכערער השגחה, פון אַ רעאַלער יענער וועלט, פון איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, — ביי אים נעמט זיך דאָס, פון נישט גלויבן אין דער סובסטאַנץ פון רעאַלע „אמתן", פון שרעק פאַר דער נאַקעטער ווירקלעכקייט פון לעבן, אפשר דערפאַר, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען דעם וועג פון שווערע איבערלעבענישן און נסיונות. זיינע מיסטישע שטימונגען וואָרצלען קודם כל אין זיין אייגנטלעכער פּסי־

כיק. כמעט אַלע זיינע לידער אין ערשטן בוך זענען דורכ־געדרונגען מיט איבערדערעאַלע זעאונגען און האַלוצינאַציעס פון „ער־געץ", „עמיץ" און „עפּעס". אויך אפילו די לידער, וואָס האָבן צו טאָן מיט מער קאָנקרעטע איבערלעבענישן, ווי די סעריעס „הינטערן שלאָס" און סיבירער לידער („אין שניי") און אויך די מאָדנע, הגם אייגנאַרטיקע לידער פון געפיל און סענטימענט, וואָס זיי פּאַסן זיך נישט אינגאַנצן אַריין אין דער רובריק „ליבע", אָבער זענען מער אָדער ווייניקער פיגוראַטיוו; אָדער דער פּרואוו פון אור־באַניסטישע מאָטיוון, — אפילו די מער קאָנקרעטע פון זיי זענען, אין וואָרט, פאַרב און ליניע, נישט דערזאָגט און נישט דערגאַנצט; געזען — מיט „פאַרמאַכטע אויגן", געהערט — בלויז דעם אָפּ־קלאַנג פון קלאַנגען, — זענען זיי אַמאָל אומפאַרשטענדלעך, נישט קלאָר, און אַמאָל בלויז אָנגעדייט און נישט דערפירט; זענען זיי, די לידער, ווי אַ לאָמפּ, וואָס ברענט אויפן ראַנד פון אַ פענצטער אין דער פינצטערניש פון נאַכט — ווייס מען ניט, צי ער באַלויכט דעם דרויסן, אָדער דאָס הויז אינעווייניק, — אָבער פאַר דרויסן און אינעווייניק איז אַלץ איינס צו קנאַפּ דאָס ליכט. דער סוג פון מיסטישע לידער, וואָס זענען ניט דורכגעדרונגען מיט תמימותדיקן נאַאיוון גלויבן, נאָר זענען, ווי דער לאָמפּ, וואָס מאַכט סודותדיק, נאָר קען ניט באַלויכטן אי דעם אינעווייניק און אי דעם דרויסן... דאָס איז דער לייוויקשער מיסטיציזם, וואָס האָט אין די פריער־דיקע לידער געהאַט צו טאָן מער מיט טויט און שאָטנס, און דאָס לעבעדיקע לעבן איז געווען פאַר אים — ווייט, פרעמד, קאַלט; און אפילו די לעצטע שבלעצטע לידער, וואָס האָבן שוין צו טאָן מיט מער אַקטועלע ענינים און ריידן אויך אויף אַ מער „אַקטועלן" לשון — האָבן אויך אין זיך נאָטקעלעך פון אַמאָליקן לייוויקשן מיסטיציזם, הגם אויף אַ מער היינטצייטיקן אופן...

ווייל מען זען די פענאָמענאַלע פערזענלעכקייט פון לייוויקן אַלס דיכטער, די אייגנאַרטיקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיין שאַפן, זיין ראָל און דערגרייכונגען אין דער אידישער פּאָעזיע, — טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם מאָמענטאַלן איינדרוק פון געוויסע לידער, און אַרויסברענגען, דורך באַשטימטע עפּיטעטן, אַזוינע מסקנות, וואָס שטעלן אים אין אַן איינזייטיקן שיין. בלויז

אַנווענדנדיק אויף אים דעם סינטעטיש־פּסיכאָלאָגישן מעטאָד, קען מען זען די גאַנצע קאָמפּליצירטע געשטאַלט פונם דיכטער און ס'קען אויפגעקלערט ווערן דער אָפּשטאַם און אַנטוויקלונג פון זיין קינסטלעריש־אידייאישן שאַפן. — די פאַזן פון זיין שאַפן אין דעם געביט פון דיכטונג, דאַרפן באַטראַכט ווערן כראָנאָלאָגיש, אין סדר פון זיינע פיר דערשינענע לידער־ביכער, וואָס זענען כאַראַקטעריס־טיש, סיי מיט זייער אַלגעמיין־קינסטלערישער פאָרמאַציע און סיי מיט דער מעטאַמאָרפאָזע פון זייער עמאָציאָנעל־אידייאישן תוך.

דאָס ערשטע בוך, וואָס איז דערשינען אין 1919, שליסט אָפּ דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן.

„ערגעץ ווייט" איז דאָס קאַפּל פון דער ערשטער סעריע. איז דאָס ניט לשם מליצה, נאָר שוין באַצייכנט עס דעם אופן פון זיין ערשטן אַרויספאָר און דעם כאַראַקטער פון זיין ליד. די ערגעץ ווייטקייט הייסט ניט ביי אים — זיך וויגן אין דער ווייטקייט פון בלויע טרוימען, נאָר זען די מיסטעריע פון זיין אייגן לעבן און די אַנדערשקייט פון די לעבנס־דערשיינונגען בכלל. דאָס בוך הויבט זיך אָן טאַקע מיט דעם פּרעכטיקן ליד „ערגעץ ווייט":

„ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע;
זילבריק בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע.
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אַליין אַ געפאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט דער שיין
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם..."

דאָס דאָזיקע ליד איז דער שליסל צו לייוויקס גאַנצער דיכ־טונג. ס'איז דער לייטמאָטיוו, וואָס שנירלט דורך דעם גאַנג פון אַלע זיינע לידער. פון איין זייט — די וויזיע פון אַ לאַנד, וואָס ליגט אין ערגעץ ווייטקייט — אין וועמענס ערד עס זענען באַ־האַלטן אוצרות און וואַרטן אויף אונדז, — אָבער דאָס לאַנד איז אַ פאַרבאָטענע; פון דער צווייטער זייט — ערגעץ ווייט ליגט אַ געפאַנגענער, וואָס קען ניט דערגרייכן דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָ־טענע; און עמעץ וואָגלט אַרום אין די טיפע שנייען און געפינט ניט דעם וועג צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם. דאָס לאַנד פון דער ווייטקייט — דאָס שיינע לאַנד פון זילבער־בלויע בערג, וואָס זענען נאָך ניט באַטראָטן געוואָרן; פון אוצרות, וואָס קענען קלעקן פאַר אַלעמען — אוצרות, לאָמיר זאָגן, פון ליבע, וויסן, פרייהייט און גערעכטיקייט, — דאָס איז איין פאַליוס פון לייוויקס טרוים. — דער ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר מענטש, פאַר וועמען ס'איז פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין דעם דאָזיקן לאַנד; דער מענטש, וואָס וואָגלט אום און זוכט דעם וועג צו דעם פאַרבאָטענעם לאַנד, — דאָס איז דער צווייטער פאַליוס פון לייוויקסווירקלעכקייט.

אָבער באַלד טרעט שוין אַרויס אין נעפל פון מיסטעריע און האַלוצינאַציע, די כמורנע אָבער שאַרפע געשטאַלט פון לייוויק — דער דיכטער וואָס דרייט זיך אַרום דער אייגענער זעל, וואָס וויקלט זיך אין שאָטנס פון שטימונגען, וואָס פלאָנטערט זיך אין רעמי־ניסצענצן פון שטאַם און ירושה, וואָס נעמט אָפּהיטן די אייגענע תנועות און אייגענעם גורל, וואָס איז אייגנטלעך די תנועה און גורל פון ראַסע.

„אין אַ זיידן העמדל
איז דאָס קינד געבאָרן —
איז דאָס זיידן העמדל
שוין צעפליקט געוואָרן".

לייוויק איז איינער פון די געציילטע דיכטער, וואָס איז גע־בוירן אין אַ זיידן העמדל. שוין ביי די ערשטע טריט האָט זיך גע־פילט די אַנדערשקייט, די פולקייט, די ערנסטקייט, די טיפקייט, דער געוויסן פון זיין דיכטעריש וואָרט. דאָס זיידן העמדל האָט באַוויזן, אַז ער איז מזלדיק שוין גלייך ביים אָנהויב, מזלדיק אין

דעם, וואָס אפילו בלאָנדזשענדיק און זוכנדיק האָט ער דערשפּירט זיין אייגנטלעכן באַרוף אַלס דיכטער און האָט אַליין אָנגעצייכנט דעם זין און „תכלית" פון זיין קינסטלערישן וועג. אמת, דער סימ־באָל, אַז דאָס זיידן העמדל איז דערנאָך צעפּליקט געוואָרן, איז ניט אַ פיגוראַטיווע באַצייכנונג פון אָפּלייקענען ווידער די מזל־דיקייט פון דערגרייכונג; ס'איז אַ שפּירן און דערזען פאַראויס דעם גורל פון זיין באַרוף, דעם אייגענעם געראַנגל און די פּאַטאַ־לע וועגן און אומוועגן צו דערגרייכונג.

ביי לייוויקן וועט מען ניט געפינען אין ערגעץ קיין סימן פון קינדישע שטיפערישקייט, קיין שפּור פון יוגנטלעכן, זוניקן, פריי־דיקן שטאָמל... ער איז דוכט זיך געווען פּונקט ווי דאָס וואונדער־קינד, וואָס האָט שוין געמאַכט אַ ברכה, ווען עס האָט נאָך געזויגן די ברוסט ביי דער מוטער... ער איז שוין געווען דערוואַקסן און צייטיק אין יענעם פריען עלטער, ווען אַ דיכטער שפּילט זיך נאָך אין גאָלדענעם זאַמד און יאָגט זיך־נאָך נאָך פליענדיקע פייגעלעך... ער איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ קנייטשנדיקן שטערן אויך אין יענעם פרימאָרגן פון לעבן, ווען אַ דיכטער חנדלט זיך מיט יעדן מינדסטן אומזין און קושט דעם זיידענעם שאַרף פון ערשטער ליבע... דערציילט ער דאָך וועגן זיך אַליין, אַז

„נאָך אינגלווייס, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן;
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דער ווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן".

אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן — איז ער טאַקע אין זיינע אַ ל ע לידער. געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דער ווייטן — איז ער געווען פריער. שפּעטער־צו, ווען דער נעפּל פון מיסטיציזם האָט זיך פאַר אים אויסגעלייטערט ביז אי־דייאישער און רעאַלער דערקענטעניש, — האָט ער זיך געפּרואווט באַפרייען פון זיך אַליין, האָט אויסגעחלומט אפילו „אין עקשנות אַ געשטאַלט, אַזאַ, וואָס איך זאָל ליב האָבן" און זיין „אַלטער עגאָ" אין אים האָט זיך שוין גאָר שטאַרק דערנענטערט מיט מענטשן...

איז מען ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן — איז מען ממילא ווייט, קאַלט, פרעמד; וויקלט מען זיך אין שאָטנס; האָט מען „ליב" טרויער און פינצטערניש; ציט עס צו דער מיסטעריע פון טויט. איז עס ניט קיין סימפּטאָם פון מרה־שחורהדיקן, פינצטערן געמיט־צושטאַנד, ווען דוקא אין דעם פרימאָרגן פון לעבן רעדט מען אַזוי פיל, אַזוי אויסדריקלעך וועגן טויט, מיט אַזאַ הייסער פאַרבענקטקייט, ווי מ׳וואָלט אין אים פאַרליבט זיין? —

אין יענער צייט זעט בלויז לייוויק „אַ ליכטיקייט אַ טונקעלע פאַרנעמט דעם הימל־ברעג; און אַ קאַלטע, אַ געלייטערטע די זון קוקט פון דער הויך", און „גאָר קאַלט איז, ניט היימלעך דער הימל". „קאַלטע שטראַלן ציען זיך פון שויב". „עס ציט זיך, עס ציט זיך אַ רעגן ווי פּעד". אין יענער צייט פירט אים זיין איינגעשלאָסנקייט אין זיך אפילו ביז דעם צווייטן עקסטרעם, פון אָנווייזן מענטשן זיין טרויעריק געזיכט און נאַאיוו זיי בעטן: „זייט טרויעריק, מענטשן — פאַרלירט ניט מיין אָנבליק פון אייער געזיכט". ער איז אין דער מלוכה פון שאָטנס: „דאַרפן מיר קיין לאָמפּן ניט, נאָר שאָטן־רו". „שאָטנס האָבן שטיל געשלאָפן". „אין פענצטער אַ שאָטן האָט זיך דורכגעשלייכט געגנבעטערהייט". „שאָטנס פון די גאַסן כאַפּן זיך אַרויף אויף אַלע טרעפּ". „איך וויקל מיך אין שאָטנס פון אָוונטדיקער שעה". זיין באַזונדערע אייגנשאַפט, וואָס ער זעט ניט זאַכן אין זייער רעאַלן שיין, זעט זיי אַנדערש. ער איז זיך אַליין מודה: „מיינע אויגן זענען בלינד. זעען זע איך, נאָר גאָר אַנדערש". „איך זע וואָס קיינער זעט". „דו וואַכסט איבער זיך, און דיין אויג איז דאָס אויג פון אַ בלינדן". „פול מיט שרעק פון צופיל זען". „אין דער פינצטער קוקן מיינע אויגן, זע איך מערער, מערער". „מיט זיבן טויטע פאַרבן אין די אויגן געפאַנגען ליג איך אין מיין אייגן לאַנד". און אפילו אויך ביי אַנדערע דוכט זיך אים „עפּעס ווי ניט אירער וואָלט געווען איר בליק". ער לעבט מיט זיך אַליין. און אפילו צוזאַמען — איז מען אויך ווייט, פרעמד — אַליין: „אַליין בין איך, ווייט אין דער פינצטער". „מיר זענען נאָנט און דאָך אַליין". „אַ פאַרלוירענער אַרום מיין הויז, אַ ניט געוואַגטער דרייסט זיך אום". „און מיר ווערט עפּעס גוט צו זיין אַ פרעמדער, ביי זיך

אין הויז צו קוקן פון דער זייט". „געפאַנגען ליג איך אין מיין אייגן לאַנד". „איינזאַם בין איך, איינזאַם וועל איך זיין, אייביק". די אומזיכערקייט אין באַוואוסטזיין, אין פאַרלאַנג: „זאָג איך: קומט אַריין, מיך אַרט ניט ווער... אַרן אַרט מיך יאָ, נאָר קיינער קומט דאָך ניט". „גליקלעך זיין איז גוט און ניט זיין — אויך". דער וועג צו דער וועלט, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט קיין ציל: „איך גיי — איך דאַרף צו קיינעם דאָך ניט קומען". „די וועלט און די הויז און די נאַכט, זיי זענען פאַראַן און ניטאָ". „ביי דעם שוועל פון מיין הויז איז דער סוף פון דער וועלט". „פון דער גאַס בין איך אַנטלאָפן — האָב איך ניט וואוהין צו גיין".

דער מאָטיוו פון טויט, פון זעלבספּייניקונג, פון גורל („איך ווייס: עס וועט אַן אומגליק טרעפן מיט אַלעמען, מיט מיר") און „דורך טרויער דורך מיינעם און אייערן" צוקומענדיק „צום ראַנד פון געפאַר", דער הילף־געשריי און צוגלייך געבעט צו גאָט, וואָס גייט אים נאָך מיט אַ דראָענדיקער האַנט: „אָן דיר, מיין בייזער גאָט, בין איך אַליין, אַליין"... און זיין רירנדיקער גלויבן, אַז „גאָט, וואָס היט דעם צדיקס וועג, וועט אויך זיין געטלעכן געמיט ניט אָפּקערן פון מיר, דעם רשע און — פאַרגעבן".

* * *

שוין אין דעם ערשטן בוך — אין וועלכן לייוויקס טענער קלינגען פון ערגעץ אַ ווייטקייט, פילט זיך שוין באַשיינפּערלעך אויך די וויבראַציע פון טענער, וואָס קלינגען אַרויס פון לעבן. דאָס זענען די שטילע, נאָך פאַרנעפּלטע אָווערטיורעס צו לייוויקס שפּעטערדיקער אַנטפּלעקונג. שווער אָבער, גליבעסדיק איז דער וועג, וואָס פירט צו דערקענטעניש. אַ לאַנגער וועג, אַ סכנהדיקער. ער דרייט זיך איבער אָפּגרונטן, ער קלעטערט איבער אומהיימלעכע, ניט־דאָאיקע לאַנדשאַפטן. ער ווערט פאַרלוירן אין פינצטערע, שרעקעדיקע וועלדער. ער פירט שוין אפילו ניט צום לאַנד דעם פאַרבאָטענעם, וואו עס וואַרטן אוצרות, נאָר פירט אַריין אין דעם אַבסטראַקטן סתם־לאַנד, נישט אין דעם אויסגעטרוימטן, נאָר אין דעם קאָשמאַר געזועענעם, אָנגעצונדענעם „אין פאַרלאָרענעם פאַרשטאַנד", דאָס לאַנד וואָס פירט אַזש ביז „צום לעצטן ראַנד". דער וועג פירט איצט אַריין „אין קיינעמס לאַנד". אָט דער וועג איז

נאָך פאָרט ניט „ווייט פאַר איינעם, נאָנט פאַר צוויי". ער פירט דערווייל נאָך בלויז דעם א י י נ ע ם צום לאַנד, וואָס איז נאָך אַלץ ניט נאָנט פאַר ק י י נ ע ם. ער זעט זיך נאָך דערווייל בלויז — לייוויק אַליין, דער צווייגעשטאַלטיקער, דער אמתדיקער און אויסגעטראַכטער; מער נישט, דאָ ווערט נאָך מער געפירט דער אמתדיקער אויפן שפּיגל־אייז פון אויסגעטראַכטקייט און ס'גליטשט זיך אָפּט דער טריט, אין זוכעניש פון אייגענער געשטאַלט.

פאַרוואָס עפּעס אויסגעטראַכטקייט? — ווייל אויסטראַכטן קען מען אַ ליגן און אויך אַן אמת. דער ליגן האָט קיין האָפּט ניט, מעג ער זיין ווי שיין אויסגעטראַכט. דער אמת, וואָס איז אויסגעווייטיקט — און ביי לייוויקן איז ער שטענדיק — איז אויך אַן אויסגעטראַכטער. ווייל דער „אמת" פון לעבן, בפרט ביים דיכטער, איז נישט קיין לעקסיקאָנישע באַצייכענונג, נאָר אַ פאַרשיידנאַרטיקע גאַמע פון באַגריפן. די דיכטער, וואָס טראַכטן אויס לידער אין ווערטער און בילדער און קלאַנגען און פאַרבן, מאַכן דעם „אמת" רעלאַטיוו. אַריינשעפּנדיק דעם אמת אין דעם עמער פון קונסט, איז ער דאָך אָבער פאָרט ניט אינגאַנצן אריינגעשעפּט און אויסגעשעפּט, — הגם ביי אַנדערע, די רעאַליסטן, רינט ער אַריבער די ראַנדן... לייוויק איז נאָך אַלץ אין דעם פּרט, אין דער בחינה פון ז ו כ ן דעם אמת, פון גרונטעווען זיך צו אים. און אַז מען זוכט — מוז מען אויסטראַכטן מיטלען ווי אַזוי צו דערגיין צו אים; מוז מען אויסקלערן מכשירים, ווי אַזוי אים צו אַנטפּלעקן; מוז מען זוכן פריער אַ וועג צ ו ז י ך א ל י י ן, צום אייגענעם זין פון לעבן, כדי מען זאָל דערנאָך קענען זוכן און געפינען דעם וועג, וואָס פירט פ ו ן זיך אַליין, צו דעם אמת און צו דעם זין פון דער וועלט.

די קינסטלערישע מכשירים לייוויקס אין „קיינעמס לאַנד", זענען נאָך אַלץ די שאַרפע אינסטרומענטן פון וואָרט — די מעסערס פון וואָרט — וואָס שניצן ניט בנעימותדיק גלאַטע אמתן, נאָר וואָס צעבלוטיקן נאָך דערווייל די אייגענע האַנט, וואָס זוכט זיי. דאָס זענען מעסערס, וואָס שניידנדיק דעם פּלאָנטער פון ספקות, די שטעכיקע גראָזן פון שלעכטס, דעם נעפּל פון פּאַטום, פאַר אַ

דורכגאַנג און אַ גאַנג צו וועלט און מענטשן — פאַרטשעפּען זיי זיך אין דער אייגענער נשמה, אין דעם אייגענעם באַוואוסטזיין און צעבלוטיקטן עס. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס לייוויק באַנוצט טאַקע אַזוי אָפט דעם „חלף” און דעם „מעסער” און די „האַק” און אויך דעם אַדיעקטיוו: „שאַרף”: „נישט מיט קיין מ ע ס ע ר צ ו ו י י ש אַ ר פ י ק ן — — — זילבן אַ פּאָר נאָר צערי־סענע פון אַ פאַרגליווערטן מויל”. „דער וואָס האָט אַריינגעשטאָכן אין אים דעם לעצטן מ ע ס ע ר, איז לאַנג שוין נישטאָ, נישטאָ”. „ש אַ ר פ ע קלאַמערן די פינגער דינע”. „האָט עס מיט אַ ש אַ ר פ ן פליגל־קאָפּ פלאַטערן גענומען אויף און אָפּ”. „אָן דערבאַרעמונג אויף דעם זינדיקן נישט באַגנאַדיקטן הויב די ה אַ ק”. „ש אַ ר פ ע ווייטיקן זיי האָבן מיך געצויגן”. ש נ י י ד דעם האַלדז פון אַלע ווערטער”. „אַ מ ע ס ע ר אין האַנט און די לופט איז צעשניטן”. „אָנגעשטרענגטע אויגן — ווי צילנדיקע מ ע ס ע ר ס”. „פונם פייערס געזעֶרים וועט אַרויסשפּרינגען באַלד דאָס שטאָלענע ליד פון ח ל פ י ם”. „דער דינינקער האַלדז פונם קינד ליגט אויסגעשטרעקט גרייט פאַר אַלע ח ל פ י ם”. פאַראַן אפילו אויך אַ גאַנצע מוראדיקע „אָדע” צו דעם „חלף”.

אַז ביי לייוויקן זענען אגב געוויסע ווערטער און אויסדרוקן נישט בלויז לשם דעקאָראַציע, נאָר סמנים און סימבאָלן, קען מען זען למשל אין זיין נטיה צו באַנוצן די אַסאָציאַציע פון „רויט” און „הייס”. „בלוט”, „פייער”, „פלאַמען”, „פונקען”, „שרפה”, „גליען”, „ברענען” „פלאַקערן”, „צינדן”, רויטקייט אין פאַר־שיידענע קאָלירן און ניואַנסן. ער זעט אפילו „לאַבירינטן ג ע־צ ו נ ד ע נ ע אין פ י י ע ר ן, וואָס מען זעט נאָר אין חלום”. און „אין דער ר ו י ט ק י י ט פון די שטראָמען פאַרב די העק און פאַרב די לאָמען”. און „ביי דעם שטאַרבנדיקן שומר ב ר ע נ ע ן אויף די בלינדע אויגן”. „אין גאַלאָפּ איז דורכגע־פלויגן אויף אַ ר ו י ט ן פערד אַ רייטער”. „פ י י ע ר ן טאַנצן אין שאָטנס פון ווענט”. „און איך — ווי שטיקער פון אַ שלאַנג אין ב ל ו ט און שטויב”. „אָ נ ג ע ג ל י ט ע פ י י־ע ר ד י ק ע רינגען קייקלען זיך אין געדריי”. און אפילו „לבנה־דיקע אויגן ב ר ע נ ע ן און פאַרצערן”. „אַ טאַנץ פון פ י י־

ע ר ד י ק ע רינגען ווערט דאָס שוואַרצאַפּל פון מיינע אויגן״. „צערטלט נאָך אין זיך דעם פּ ל א ם פון פיבער״. און סאַראַ בילד און ריטם פון פייער — בלויז אין די צוויי שורות פון זיין באַלאַדע „די שטאַל״: „כאַפּט אַרום דאָס פייער אַלע ביימער מיט טאַנצנדיקע קנאַקעדיקע צינגער״.

אין צווייטן בוך „אין קיינעמס לאַנד״ (1923), וואָס נעמט אַריין אַ טייל לידער און פּאָעמען פון דעם צווייטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, הערן זיך נאָך די קלאַנגען און נאָכקלאַנגען פון לייוויקס ערשטע מאָטיוון. אָבער צוגלייך מיט די שטילע, מיסטישע אַקאָרדן, לאָזן זיך שוין הערן די טענער פון שאַרפן ווייטיק, פון גרויסן אומרו, פון דערשיטערנדיקער אימה, פון זעלבסטפּייניקונג, פון בונט, פון פאַרלייקענונג, פון פינצטערן פּעסימיזם, פון גרויליקן דערשפּירן די בלוטיקעווירקלעכקייט. דער מאָטיוו פון טויט — וואָס איז אגב אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין זיין שאַפן בכלל — באַקומט אַן אַנדער אויסדרוק. פריער איז דאָס ביי אים געווען אַ שטילער מורמל צו דעם טויט־באַפרייער, אַ רואיקער איבערגאַנג צו אויסלייז, אַ מידער איבערגעבן זיך אין די קאַלטע אָרעמס פון דעם געהיימניספולן דערלייזער, — איצט איז דער טויט געוואָרן ביי אים האַלוצינאַציע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך דערהערט פיבערדיקע רייד, טענות, אויסגעשריי, גסיסה־רייד, און „האַלדז, וואָס שרייט דעם אויסגעשריי פון אונטער אַלע וועגט״... דער ווייסער טויט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רויטן געשפּענסט, וואָס מאַטערט, פּייניקט, שטיקט און כאַפּט אַן פאַרן גאַרגל. דער טויט איז שוין דאָ ניט קיין לייכטע שטימונג, נאָר אַ פאַרגעפּיל און רעאַליזאַציע פון גרויסן אומגליק. דער טויט איז שוין ניט מער דער מלאך־הגואל, וואָס נעמט צו די נשמה מיט אַ קוש, נאָר דאָ דערשיינט ער שוין אין דער געשטאַלט פון דעם גרויליקן סקעלעט מיט דער קאָסע אין האַנט... מלחמה. רעוואָלוציע. פּאָגראָם. דער טויט איז שוין ניט פּערזענלעך — ער האָט שוין אַן אויפגאַבע, אַ ראָל, אַ מיסיע. ער פאַרנעמט זיך אויף אַ גרויסן שטח — ער דאַרף אונטערהאַקן דאָס לעבן פון מענטשן, אומברענגען פעלקער. ער דאַרף אַראָפּהאַקן מיט איין מאָל אונדזער צווייקעפּיקייט; מחמת מיר צווייקעפּיקע — אידן און מענטשן — זענען דאָך פאַר

אים דער האַרבסטער רעטעניש פון לעבן, וואָס ער מוז עס באַ־שיידן... זיין קאָסע — איז דער שליסל צום רעטעניש. — אין אָנגעזיכט פון אַזאַ טויט — קען מען זיך ניט שטעלן זינגען אַ תפילה. מוז מען שרייען פון אונטער אַלע ווענט. מוז מען זיך אויסטענהן מיט עמיצן. און מיט עמיצן אויסטענהן זיך קען מען ניט — אינדערשטיל.

ביאַליק איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַזאַ אויס־געשריי געטאָן. צום תליון האָט ער געשריען — ער זאָל קעפן. צו גאָט האָט ער געטענהט — ער זאָל זיך שעמען. — לייוויק האָט די עקדה דורכגעפילט אין אַלע מאָמענטן פון זיין לעבן און אין שוידערלעכסטן מאָמענט אינם לעבן פון זיין פאָלק.

פון דאַנען נעמט זיך לייוויקס אויסגעשריי, זיין געשריי.

פון דאנען פירט עס צו די וויטערדיקע „לידער פון אומקום".

„דיינע זינגענדיקע ווערטער זענען טויט, —
זיי האָבן אין מיין האַרץ מיין אומעט נישט דערפרייט".

אַ זינגענדיקער דיכטער איז לייוויק קיינמאָל ניט געווען. אפילו אין דער צייט, ווען מ'האָט זיך ביי אונדז געוויגט אין נישט־דאַאיקע געזאַנגען, אַמאָל צוליבן קלאַנג אַליין — האָט ער פון זיין נישט־דאַאיקייט נישט געמאַכט קיין טוגענט און קיין קולט, און האָט זיינע ווערטער נישט אָנגעטאָן אין פאַרביקע פליגעלעך. ער איז תמיד געווען פשוטער אין לשון, ווי אין דער קאָנצעפּציע פון ליד. און מיט אים האָט זייער אָפט געטראָפן, ווי פּאַראַדאָק־סאַל ס'זאָל ניט קלינגען, אַז דאָס לשון איז געווען איינפאַך און קלאָר און דער געדאַנק — פאַרנעפּלט. זיין לשון — איז קיינמאָל ביי אים ניט געווען קאַפּריז און קאָקעטיש. און די ווערטער האָבן ביי אים ניט סתם געזונגען, נאָר האָבן עפּעס געמאָנט און דערציילט.

דערפאַר איז ניט קיין רבותא, אַז די לידער פון צווייטן בוך — הגם עס פילט זיך אין זיי אַ דיפוזיע פון פאָרם און תוך — זענען זיי אָבער ניט אַזוי איבערצייגנד מיט זייער פאָרמעלער און טעכנישער זייט, ווי מיט זייער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק; און ווירקן — נישט אַזוי עסטעטיש, ווי עטיש.

אין פלוג, איז דאָס אַ סתירה. מ׳קען פרעגן אַ קשיא, ווי אַזוי קענען לידער, וואָס באַזינגען טויט און אומקום, לידער פון זעלבסט־פייניקונג, פון גרויל, פעסימיזם און שרעק — זיין עטיש? — איז דער תירוץ — זייער אויפריכטיקייט און קינסטלערישקייט מאַכט זיי ווירקזאַם און עטיש.

לייוויק איז עטיש און קאָנסטרוקטיוו אפילו אין זיינע שטאַרק פאַרשריגענע „לידער פון אומקום״. ווייל אומעטיש און דעקאָנ־סטרוקטיוו קען נאָר זיין דאָס פרעדיקן פאַסיוויטעט און הכנעה אַנטקעגן דעם, וואָס הויבט אויף די האַק פון פאַרניכטונג. אָבער לייוויק פרעדיקט ניט, נאָר שרייבט די מגילה פון חורבן און פאַר־ניכטונג; פון פאָגראָם, — איז זי דען געפאָלשעוועט מיט איבער־געטריבנקייט, מיט אויסגע׳בריה׳טע מיטלען? — ער גיט איבער די מאוימדיקסטע פרטים פון דער תוכחה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן לעבן פון זיין פאָלק, — איז דען די שולד פון קינסטלער, ווען דאָס בילד פון אומקום איז אַזוי טרויעריק און פינצטער? און קען מען דען בכלל באַשולדיקן אַ קינסטלער, וואָס זעט פאַר זיך די טראַ־געדיע פון זיין פאָלק און איז ניט קאַפּאַבל אויפצוהייבן אַ פויסט, נאָר ווערט פון זיך אַליין פאַרצערט אין די פלאַמען פון פעסימיזם און ספקות? — וואָס פאַר אַ נביא פון אויפשטאַנד קען מען זיין קעגן גורל? וואָס פאַר אַ העלד קען מען זיין קעגן אַ קאַטאַסטראָ־פע? וואָס פאַר טרייסט־ווערטער קען מען זאָגן, ווען מען זעט אַ חורבן? — די „איכה״ פון דעם ערשטן חורבן, ירמיהוס איכה, איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן אין איר „קינסטלערישן״ ווערט, צוליב דעם, וואָס אין איר ווערט אַזוי טרויעריק דערציילט וועגן צושטאַנד פון אַ פאָלק, וואָס ווערט באַ־צוואונגען; און אַזוי געגוי געשילדערט דער חורבן און אונטער־גאַנג. קען מען אפשר טענות האָבן צו ירמיהון, למאי ער איז ניט געווען געגוג עטיש און „טאַקטפול״, ביי אַזאַ צושטאַנד נאָך צו שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, צו שטראָפן און פאַרצוואוואָרפן, אַז „עס קומט אייך — ווייל איר זייט געווען זינדיק?״ — די מאָדערנע „איכה״ פון אַ לייוויק, אַ חוץ וואָס זי איז אַזוי אַקטועל, אַ חוץ וואָס זי דינט ווי אַ היסטאָריש־סאָציאַלער דאָקומענט פון אַ צייט, איז זי נאָך דערצו אויך אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס ס ט י מ ־

ל י ר ט. זי סטימולירט מיט איר פעסימיזם, צו פאַרטראַכטן זיך און פאַרטיפן זיך איבער דעם גורל פון אַ פאָלק, וואָס לעבט דורך אַ קאַטאַסטראָפע, נישט בלויז צוליב דעם, ווייל „מען האָקט דעם וואַלד — פליען שפענער", נאָר דער עיקר טאַקע, ווייל עס איז אַ פאָלק, וואָס איז אין אַן אַנדער צושטאַנד, ווייל עס איז אַ נ ד ע ר ש ווי אַלע פעלקער. און אויב אַ נ ד ע ר ש, פאַרוואָס־זשע ניט אַרויסציען פון דעם אַן אַנדער פועל־יוצא? ניט שוין־זשע דען מער נישט אַוועקלייגן זיך און וואַרטן אויפן סוף? אפשר גאָר דווקא פאַרקערט — וואַרטן אויף אַ נייעם אַנהויב? ט אָ ן פאַר דעם נייעם אַנהויב? — מחמת קיין שום קינסטלעריש ווערק, מעג עס שילדערן חורבן און אונטערגאַנג אין די בולטסטע פאַרבן, האָט ניט קיין ציל צו פרעדיקן אָדער באַגרינדן אונטערגאַנג. עס סטימו־לירט דווקא צום לעבן און צו אויפבוי. —

ווי אַן אַריינפיר צו די מער אַקצענטירטע „לידער פון אומקום", איז ביי לייוויקן די ב אַ ל אַ ד ע. אין די „בלינדע טומאַנען" פון דעם אויסגעחלומטן „אין קיינעמס לאַנד", האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן די פייערדיקע קאָנטורן פון אַ קאָשמאַר־פאַנטאַסטישער זעאונג.

די באַלאַדע, וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער ביי לייוויקן דער־גרייכט ביז וואונדערלעכער אויסגעקלאָרטקייט און באַזינונג, האָט נאָך איצט געשראָקן מיט איר פינצטערער אומהיימלעכקייט, מיט איר פּראָבלעמאַטישער פאַרנעפּלטקייט. און הגם אויף איר טונקעלן פאָן האָט זיך שוין אַרויסגעצייכנט דער פייערדיקער כתב פון אַק־טועלקייט, פון דער מוראדיקער צייט־דערשיינונג, — איז נאָך אַלץ איר שריפט געווען — צייכנס פון סימבאָליק, איר געמעל — פאַנ־טאַסטיק, איר געבוי — מיט צופיל לאַבירינטן, וואָס פירן אַריין און פירן ניט אַרויס... אָבער אויך — און אפשר טאַקע דווקא אין די באַלאַדעס — איז לייוויק דערשינען ווי אַן אייגנאַרטיקער מייסטער און קינסטלער. אַזאַ ניואַנסירונג פון פאַרבן האָט נאָך קיינער ניט אַנגעווענדט; אַזאַ פאַרנעם פון דער באַלאַדע־קאָנ־צעפּציע האָט נאָך קיינער ניט דערגרייכט. ווי גרויס איז, למשל, די קליינע „באַלאַדע", וואָס דערציילט אונדז וועגן „חבוט הקבר", אין סימבאָל פון מענטש און צייט: „די פינצטערניש שפּאַלט זיך

פונאַנדער. עס עפנט זיך אויף אַ קבר. פונם קבר הויבט זיך אויף אַן איינאײנציקער גלידלאָזער גוף. דורך טיפע היילן, דורך וועל־דער נעמט זיך דרייען און שאַרן דער גוף ביז וואַנען ער קומט צום אוקינוס — וואַרפט זיך אין וואַסער צום דעק, — נאָר גלייך שפּייט אים אויס דער אוקינוס צוריק אויפן זאַמדיקן ברעג... דערנאָך הויבט זיך אַרויס פונם קבר דער קאָפּ פונם איינציקן גוף. דורך פולווער צעאַקערטע פעלדער, דורך שטעט אַן אַ שפּור פון אַ הויז, דער קאָפּ ווי אַ קנויל נעמט זיך קייקלען, ביז וואַנען ער קומט צום אוקינוס און וואַרפט זיך אין וואַסער אַריין, — אויך אים אָבער שפּייט דער אוקינוס צוריק אויפן זאַמדיקן ברעג... עס עפנט דער קבר זיך ווידער. און ס׳שטייגן אַרויס פונם קבר די הענט און די פיס פונם גוף. דורך וועגן מיט דראָטן פאַרשפּינטע, דורך שטיינער און איי־זיקן שניי, מיט פינגער פונאַנדערגעשפּרייטע, זיי קריכן און פויזן צו צוויי. זיי קומען אויך צו דעם אוקינוס און זינקען אין וואַסער אַריין, — אויך זיי אָבער שפּייט דער אוקינוס אַרויס אויפן זאַמ־דיקן ברעג... — די מוראדיקע שילדערונג דערגרייכט אָבער דעם שטאַרקסטן קלימאַקס, ווען מיר הערן נאָך די ווערטער, וואָס עס קלינגען אַרויס ווי אַ בת־קול און שוידערן אויף:

„איצט דאַרף נאָך דער האַר פונם לעבן,
אויך דורכגיין דעם זעלביקן וועג,
און קומען באַוואַכן אויף אייביק,
דעם גוף אויפן זאַמדיקן ברעג".

„ער" — איז די באַלאַדע וועגן דעם געקרייציקטן, וועלכער איז געקומען באַקלאָגן זיך אויף זיין מערכה. ס׳איז אפשר דער ערשטער יעזוס־מאָטיוו, אין וועלכן די געשטאַלט איז ניט אידע־אַליזירט און נישט פּראָפּאַנירט. זי איז געזען מיט קלוגע, ניכטערע אויגן. זי איז גענומען אין איר מענטשלעכן שיין פון איר טראַגיק. „ער" איז ניט דער גאָט פון דער מלוכה פון אַבסאָלוטיזם, דער נישט געזעענער, דער צופרידענער פון זיך, דער וואָס הייסט, אַז מ׳זאָל אים שטענדיק דערמאָנען און לויבן, — ער איז דער גאָט, וואָס בונטעוועט זיך איבער זיין גאָטהייט; וואָס איז אין כעס, וואָס מ׳האָט אים אויסגעטאָן פון זיין מענטשלעכקייט, וואָס מ׳האָט

אים געפעלשט, וואָס מ׳האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען און פאַרקערט אויסגעטייטשט. „מיט אַלעם פאַרטיקן האָבן זיי מיך באַזאָרגט, — איז דען נישט מאַנגל מיין אמתער טרוים? טעמפּלען האָבן זיי אויסגעבויט פאַר מיר, — איז נישט דער קעלער מיין אמתע היים? מיין שטערן האָבן זיי מיט דימאַנטן באַצירט, — איז נישט דער דאָרן מיין אמתע לוין?...״ אַזוינע ווערטער זאָגט ניט קיין גאָט, וואָס איז איבער צייט און רוים, נאָר עס איז די טענה פון גע־קריוודעטן מענטשן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ גאָט. אים האָט מען אפילו ניט אויסגעטראַכט, נאָר מ׳האָט אים אויסגעטאָן פון מענטשלעכן אויסזען. אים האָט אפילו די אייגענע מוטער אויסגעטאָן פון זיך — און נישט קיין קינד, נאָר האַר איז ער פאַר איר. ער וויל מענטש זיין — און גאָט אין הימל איז גאָר אַליין נאָך זיין פאָטער, און זיין מוטער לייקנט אַלץ נאָך אָפּ איר מוטערשאַפט... ס׳עקלט אים ווען ער דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אים אַ שטאַרבנדיקן, אַ צעפּייניקטן געקושט מיט הייסע תאווהדיקע ליפּן, אַזוי ווי זי זאָל זיין זיין כלה, נישט זיין מאַ־מע... דערפאַר לאָקט אים שוין פון יאָרן לאַנג דער זיסער פיינלע־כער געדאַנק פון מוטער־מאָרד... און „דו ווייסט ניט — זאָגט ער אים — וואָס עס מיינט אַזוינס צו זיין אַ גאָט פון מענטשן, צו זיין אַ פרייד פון בעטנדיקע, קניענדיקע, צו זיין געטראָגן אין דער הויך אַריבער אַלעמען, און דאָך פאַר זיך אַליין נישט קענען אויס־פירן, באַפרידיקן דעם זיסן פיינלעכן געדאַנק פון מוטער־מאָרד״... ס׳איז דער רעוואָלט פונם מענטשן, וואָס וויל זיך באַפרייען פון זיין געטלעכקייט, אין וועמענס נאָמען ס׳איז באַגאַנגען געוואָרן אַזוי פיל זינד, רשעות און מאָרד. טראָגט ער אַ מעסער איצט מיט זיך אויך פאַר מאָרד; אָבער נישט אַ מעסער פאַר אים — דעם פרעמדן — נאָר פאַר אייגענע... יעזוס איז ביי לייוויקן געוואָרן דער מענטש־גאָט פון נקמה, וואָס וויל זיך אָפּרעכענען מיט די אייגענע פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים פאַרשוועכט...

„דאָס קראַנקע צימער״ — די צווייטע גרויסע באַלאַדע — איז היפּש פאַרנעפּלט אין דער פאַבולע און טראָגט אין זיך אַן אַנ־דייט אָבער נישט קיין פאַרגאַנצטקייט פון אַן אידייע. דער דיכ־טער שילדערט, אויף אַן אַלעגאָרישן אופן, אַ פאַרקריפּלט־געליימטן

מלך, וואָס וואוינט אין אַ קראַנקן צימער. דאָס אויסטערלישע לעבן פונם מאָדנעם מלך צווישן די פיר ווענט פון זיין קראַנקן צימער, אין וועלכן קיינער טרעט ניט אַריין אַ חוץ דעם איינאייניציקער קאַמערדינער, — איז פּרעכטיק געשילדערט. ס׳איז מער ווי פּרעכ־טיק — ס׳איז קינסטלעריש איבערצייגנד. אַזאַ מין גראָטעסק, וואָס באַצווינגט דווקא מיט זיין אומרעאַלן און אפילו אומלאָגישן אויס־דרוק. ס׳איז ממש אַ וואונדער, ווי ס׳האָט לייוויקן געסטייעט אַזוי פיל מאָדנע פאַרבן פאַר דער שילדערונג. דער מלך אַליין, דער קאַ־מערדינער, דאָס צימער מיט אַלע זאַכן אין אים, די ווייסע קעפּ־לעך פון די נאַכטיקע חלומות, וואָס צעלאָזן זיך אין אַ טאַנץ, דער ריח פון קרישטאָלענע געפעסן, וואָס קרייזלט זיך דאָ אין האַלבע און דאָ אין גאַנצע רינגען, דעם מלכס האַלוצינאַציעס, דאָס ריידן פון די ווענט, פון אַלע טויטע זאַכן, דער אומגעוויינלעכער קלימאַקס פון חורבן אין צימער, מיט דעם מלך איינגעביסן מיט די ציין אינם טיגערס האַלדז, וואָס שליידערט זיך מיט אויפגעלעבטע הענט און פיס אין אַ טייך פון בלוט און שוים, — אָט די אַלע פּרטים שוין זענען אַזוי פול מיט רייץ, אַזוי רייך מיט פאַרבן, אַזוי אַנגעשטראָלט מיט זעאונג, אַז זיי טיילן אויס די באַלאַדע אין גאָר אַן אַנדער ספערע. אָבער נאָך אַלעמען איז עס מער כוונה, ווי אַ קלאָר דער־זאָגטער געדאַנק. סיידן דאָס קראַנקע צימער איז אַ משל אויף דער קראַנקער מענטשלעכער אָרדענונג און אַ סימבאָל צו די געשעענישן פון דער צייט.

דערפאַר איז שוין „דער וואָלף" אַ מוסטער פון אַ באַלאַדע אין אַלע פּרטים. דאָ איז פאַראַן אַ צענטראַלע פיגור, אַ הויפּט־אידייע און אַ גלייכלײניקע שילדערונג. אמת, געגוג מאָדנע און אומגעוויינטלעך: אַ רב נאָך אַ פּאָגראָם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וואָלף. דערפאַר איז עס אַ באַלאַדע. אָבער די כוונה איז שוין דאָ מער אויסגעפאָרעמט אין געדאַנק. די פאַבולע מער איינהייטלעך און פיל קלאָרער. דערצו — די אַקטועלקייט, די הייסקייט, די מאוימדיקע שילדערונג, דער נוסח־מגילה, דאָס פשוטע אָבער ברייט־פליסיקע לשון, — שטעלט אויף די באַלאַדע ווי אַ גרויס ווערק פון אַ צייט, אַ ווערק אַ לעבעדיקער עדות פון אונדזער טראַגעדיע. און ניט אומזיסט האָט דער דיכטער עס אָנגערופן „כראָניק". מחמת

די דאָזיקע באַלאַדע איז נישט קיין פּאַטעטישער אויסגעשריי אָדער לירישער ניגון, נאָר קינסטלערישע כראָניק, אין נוסח פון מאָדער־נער מגילה. אין דער דאָזיקער באַלאַדע, ווי אויך אין דער גרויסער באַלאַדע „די שטאָל" — האָט אָפּגעלויכטן דאָס גרויסע מוראדיקע פייער פון אונדזער אידיש הויז, פון אונדזער לעבן, וואָס איז פאַר־כאַפּט געוואָרן אין פלאַמען, — דאָס פייער פון פּאָגראָם, חורבן און פאַרניכטונג. אין לייוויקס „כראָניקס" האָט אַ תיקון געפונען — די בפירוש א י ד י ש ע באַלאַדע.

* * *

און דאַן דאָס דריטע בוך לידער (1932) מיט די פיר באַ־זונדערע אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער אָפּטיילונג געפינען זיך די „לידער פון אומקום", וואָס האָבן אין זייער צייט אַרויסגערופן בייז בלוט. זיי זענען דאָס פאַרשריען געוואָרן, ווי לידער וואָס פּרעדיקן פּעסימיזם און אונטערגאַנג. אין דער אמתן האָט מען זיי שלעכט אויסגעטייטשט און מ'האָט בכלל לייוויקן, דעם קאָמפּליצירטן דיכטער, צו לייכט פאַרשטאַנען... לייוויק דרייט זיך נאָך אויך דאָ אַרום דער אייגענער זעל. אָבער אין דעם פאַל, איז ער שוין ניט בלויז דער יחיד פון פּערזענלעכע איבערלעבענישן, נאָר אויך איינער פון די גרויסע סינטעטישע כאַראַקטערן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם מענטש אין ליכט פון צייט און אומ־שטאַנד; דער פאַרשטייער פון אַ פאָלק, וואָס — איבערפראַזירט — „היט ער זיינע תנועות, ווי מען היט אָפּ געבאָטן"; וועלכער „היט אָפּ די תנועות און גורל פון ראַסע" און „ אין שפּאַן ווי אַ פערד אונטער דוהעס שלעפּט ער די אייביקע משא". מחמת קיינער איז ניט אַזוי ווי ער פּערזענלעך אין אינדיווידואַליטעט, און אַזוי אומ־פּערזענלעך אין גרויסער גאַמע פון מאָטיוון. די אייביקע משא פון קאַמף און מאַרטירערשאַפט, פון איבערלעבענישן און נסיונות, פון פּאַסירונגען און געשעענישן, פון געראַנגל און אומקום, איז אָבער ניט בלויז די ירושה פון זיין אייגענער ראַסע, נאָר אויך די טרוי־עריקע „האָב און גוטס" פון דעם מענטש בכלל, וואָס ער, דער דיכ־טער, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס, און טראַגנדיק דעם פאַרטאָפּלטן יאָך פון איד און מענטש, פילט ער, אַז „פון דער גאַנצער וועלט אַ סימבאָל אין דער נאַכט איז מיין געשטאַלט". וואָרום לייוויק

איז ניט ענג־נאַציאָנאַל, — און דאָס איז די סבה, וואָס מען טייטשט אים אַמאָל שלעכט אויס און מ׳מיינט, אַז, למשל, אַזאַ מאָטיוו ווי „אַבעלאַר און העלואיז" איז נישט אידישלעך און נאָכ־מער, אַז די קאָנצעפּציע איז גאָר אַ סתירה צו דער „אידישער" אַנשויאונג און באַגריף. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ניט קוקנדיק וואָס לייוויק היט אָפּ אין אַלע זיינע שאַפונגען די „תנועות און גורל פון ראַסע", איז ער אָבער אַלגעמיין־מענטשלעך אין דעם גרונט־מאָטיוו און גרונט־אידייע פון זיין שאַפונג: דאָס געראַנגל פון כח און אידעאַל, דער קאַמף פון מאַכט און גייסט, דאָס גע־פּעכט פון מעסער און גלויבן — אין וועלכן דער גוף פונם קרבן איז צעבלוטיקט, אָבער נישט פאַרטיליקט איז דער גייסט. אויב דאָס איז אויפגעפאַסט מ ע נ ט ש ל ע ך, איז דאָס אויך א י־ד י ש ל ע ך.

קען מען דעריבער אויך אויף אים נישט אַנווענדן די מימרא, אַז שילדערנדיק אומקום, פּרעדיקט ער דערמיט פּעסימיזם און פּאַ־סיוויטעט. ער שילדערט בלויז דאָס בילד פון אַ צייט. ער נעמט אויף די קאַטאַסטראָפע ווי זי איז, אין איר רעאַלן שיין. ער זינגט טאַקע ניט „אָז ישיר", אין דער צייט, ווען מ׳דאַרף זאָגן „איכה". ווייל אויב ניט, וואָלט עס געהייסן פיקציע.

דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש און סימפּטאָמאַטיש דאָס ערש־טע ליד זיינס אין בוך, אונטערן נאָמען „לעבן מיינס", וואָס דאַרף אפשר דינען ווי אַן ארייַנפיר צו די „לידער פון אומקום".

„איך וועל דיך פירן דורך אַלע געפאַרן —
לעבן מיינס;
דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס.
ווייל איך האָב פאַרשניטן אַ בונט מיט דיר —
לעבן מיינס,
אַ בונט — אַזוי צו זאָגן:
ווען אפילו כ׳זאָל דאַרפן דיר אַנטאָן אַ קייט אויפן האַלדז,
לעבן מיינס,
און אויף דער קייט, ווי עס פירט אַ ציגיינער זיין בער,
דיך טרייבן דורך גאַסן, דורך מערק,

און אויסשרייען:
טאַנץ דיין וועלט־טאַנץ, לעבן מיינס; — —
און דו וועסט טאַנצן, לעבן מיינס,
און צופּייקלען און צוצימבלען,
און גרויס וועט זיין דער געזעמל אַרום דיר,
און רויט — דאָס לאַכן פון מיילער,
און נאָך רויטער די קייט אויף דיין האַלדז —
לעבן מיינס — —

וועל איך,
שטייפער פאַרציענדיק די רינגען אַרום דיר,
שטיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אויסרופן:
אַ ט אַ ז וי ו ו ע ר ט ג ע ט אָ ן,
אַ ט אַ ז וי ז אָ ל ג ע ט אָ ן ו ו ע ר ן צ ו ד י ר,
ל ע ב ן מ י י נ ס; —
אַ ט אַ ז וי ז אָ ל ג ע ז ו נ ג ע ן ו ו ע ר ן צ ו ם
ט אַ ק ט ד י ר
ד אָ ס ה י י ל י ק ע ל י ד מ י י נ ס ו ו ע ג ן ד י ר
ב י ז א י י ב י ק א ו ן א י י ב י ק,
ל ע ב ן מ י י נ ס".

איז דאָך געוויס געמאָלט, אַז ביי דעם, וואָס פילט זיך אין שפּאַן ווי אַ פערד אונטער דוהעס און שלעפּט די אייביקע משא, זאָל דינען „לעבן מיינס" ווי אַ סינאָנים צום לעבן פון מיין פאָלק, וואָס גייט דורך אַלע געפאַרן. און דאָך, אויב אפילו אַנטאָן דאָס לעבן אונדזערס אַ קייט אויפן האַלדז און טאַנצן דעם וועלט־טאַנץ פון בלוט און דערנידערונג, שטייפער פאַרציען די רינגען, שטיין מיט אַ ג ע ה וי ב ע נ ע ם קאָפּ און אויסרופן: אַט אַזוי זאָל געזונגען ווערן דאָס ה י י ל י ק ע ליד וועגן דיר, לעבן אונדזערס, ביז אייביק און אייביק.

קען דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז דאָס ליד פון אומקום, איז אויך דאָס הייליקע ליד, וואָס ווערט געזונגען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. און אויב אפילו די לידער מיינע, ווי די געגנדז מיט לאַנגע העלדזער, זייט געגרייט זיך אויסצולייגן; און דער חלף ווערט אַזוי שיין

פון מיר באַזונגען; און איך זע ווי „מיר ציען צום הייליקן סוף", — איז אָבער אויך

„ניט קיין טרויער אין מיין האַרץ און ניט קיין געוויין,
ווייל ניט טויט בין איך, נאָר ווי פעלז קאַלט און האַרט,
און נאָך קעלטער און האַרטער ניט צו לאָזן זיך פונאַנדערשטויבן.
און אַזוי ליג איך, ביז עס שטייט אויף אין מיר אַ נייער ווילן,
פון פאַרזונקענקייט צו אויפקומען, צוריק זיך אויפצוהויבן".

ס'איז ווידער כאַראַקטעריסטיש, וואָס איינס לעבן ס'אַנדערע שטייען צוויי לידער: פון אומקום און פון פאַרלייקענען דעם טויט. איינס דערציילט וועגן דעם, אַז דער חלף איז קאַלט און אומעטיק, דערבאַרעמט זיך אויף אים, באַטויט אים מיט אייער אָטעם, גוטע מענטשן; רירט אים אָן מיט אייערע דינע פינגער, שיינע פרויען; גיט אים אַ האַלדז אַ וואַרעמען און אַ פולבלוטיקן, — און דאָס צווייטע ליד זאָגט, אַז דער טויט גילט ניט פאַר מיר, ווייל איך בין האַרט ווי אַ פעלז, און איך לאָז זיך ניט פונאַנדערשטויבן, און אַז אין מיר שטייט אויף אַ נייער ווילן, אויפצוקומען פון פאַרזונקענקייט, צוריק זיך אויפצוהויבן.

באַווייזט עס ווידער אַמאָל, אַז דער דיכטער, ווי יעדער פשוטער בשר ודם, ווערט פאַרטראָגן פון שטימונגען: דאָ זעט ער פאַר זיך דעם ראַנד פון א ו מ ק ו ם; און דאָ דערפילט ער, ווי עס שטייט אויף אין אים אַ נייער ווילן, צוריק זיך אויפצוהויבן פון פאַרזונקענקייט צו א ו י פ ק ו ם. עס האַנדלט זיך נאָר, ווי אויפריכטיק, ווי קינסטלעריש די שטימונגען זענען אויסגעדריקט. ביי לייוויקן זענען ביידע שטימונגען אי אויפריכטיק און אי קינסטלעריש.

ס'איז נאַטירלעך, אַז דער דיכטער, וואָס פילט אַ מאָדנע הנאה אין זעלבסטפּייניקונג, זאָל אַזוי „ליב האָבן" צו שילדערן די אַלע מיני עקזעקוציעס איבער זיך אַליין. אַזוי אויספירלעך און דעטאַליש צו דערציילן וועגן פאַרשיידענע עקזעקוציע־סצענעס, וואָס ווערן אויסגעפירט איבער אים, — קען נאָר דער עטישער מענטש, דער צדיק, וועלכער מיט סגופים וויל אויסרייניקן זיך פון יעדן הרהור פון זינד, אָדער לעבט דורך און פילט מיט אַלע אברים

יעדן מאָמענט פון מענטשלעכן פּיין: עקדה און עשאַפאָט, קנוט און שטראָף, קייט און טויט.

אָבער קיינמאָל ניט דער פּעסימיסט. דעם פּעסימיסט אַרט ניט. ער האָט שוין ניט פאַר וואָס און האָט שוין ניט פאַר וועמען צו ליידן.

וואָס ווייטער און ווייטער זעט מען די דיפוזיע פון לייוויקס שאַפן, די עוואָלוציע פון זיין קינסטלערישן אויסדרוק. זיינע ליי־דער זענען שוין מער ניט פאַרזעגלט אין ווינט און הפקר און טראָגן זיך שוין מער ניט סתם אין דער וועלט אַריין, צו ערגעץ און עפּעס, אָדער אפילו ניט צו קיינעמס לאַנד, — זיי ווערן שוין געקירע־וועט און געפירט צו אַ מער באַשטימטן ציל, אין אַ מער באַזינטער ריכטונג; זיי ווערן שוין פאַראַנקערט אין די האַפנס, וואָס עס פירן גלייך אַריין אין לעבן. זעט מען, ווי דער נעפּל פון די מיסטישע שטימונגען ווערט בלייכער, דינער, דורכזיכטיקער, און ס׳ווייזט זיך גאָר אַן אַנדער פּאַנאָראַמע. עס איז שוין מער ניט פרי־באַ־גינען — ס׳איז גרויסער טאָג. די פעלדער זענען שוין מער ניט באַפוכטע — זיי טראָגן פולע זאַנגען; דיביימער זענען שוין באַ־לאָדן מיט פרוכט, וואָס ווערן גרעסער, שווערער, צייטיקער. — ליי־וויקס ליד וואַקסט מער זיך פונאַנדער, באַקומט אַן אַנדער פאָרם און אַן אַנדער אויסזען, און צוגלייך אויך אַן אַנדער גאַמע פון מאָ־טיוו, אַ נייעם תוך, אַ פרישן טאָן, אַן אַנדער זין און תכלית. דאָס ליד ווערט איצט שוין מער געשמידט, געהאַמערט און געשליפן. אָבער ס׳קלינגט אַרויס שוין איצט פון דעם דאָס קול פון לעבן, דער ברויז פון וועלט, סאָציאַלע טענער, עטישע באַגריפן, אַקטועלע מאָטיוון.

אמת, די דיפוזיע שטראָמט אַמאָל אַריבער די ראַנדן מיט באַ־ריידעוודיקייט, וואַריאַציע און איבערחזרונג. ס׳קלינגט אָפט אַרויס געשריי און אויסגעשריי. אָבער דאָס פאַרהאַלט ניט דעם גאַנג, און עס פאַרקלענערט ניט דעם כח, און עס קילט ניט אָפּ דעם פלאַם פון לייוויקס ליד. דאָס ליד, וואָס טייטלט אויף דעם פאַלשן פּנים פון דער וועלט און קלאַפּט מיט פויסטן אויף די צוגעפוילטע זיילן פון דער אָרדענונג.

זיין ליד איז איצט שוין צוועק, אחריות און געוויסן. פּאָעזיע איז ביי אים שוין ניט אַ זעלבסטצוועק, נאָר אַ מיטל צו דערגרונ־טעווען צוועקן. זיין ראָל און אויפגאַבע איז:

„ניט באַוואונדערן, ניט צערטלען
אין פרייד אין אויסגעצערטער
פאַרוויגנדיקע ווערטער —
נאָר האַמערן — שפּליטערן, פערטלען".

האַמערן פאָרם און האַמערן תוך. אָבער אויך ווען מען דאַרף — שפּליטערן און פערטלען. וואָרן פאַרוויגן זיך מיט ווערטער קען ער ניט, טאָר ער ניט, — ער מוז ווערטער שלאָגן מיט האַמער, אַרויסשלאָגן פונקען, און שלאָגנדיק — נישט קימערן זיך וואָס די שפּליטערס שפּרינגען אָפּ און פאַרוואונדן אים; אדרבא, „וואָרט־ברוך און שפּליטער זאָל וואונדיקן"; ווייל ער ווייס, אַז „אַ סאָל־דאַט מוז שמעקן פּולווער", און ער ווייס, אַז אַ דיכטער וואָס שפּירט דעם אָטעם פון דער צייט, טאָר ניט פאַרוויגן זיך אין צערטלען זיך מיט ווערטער, טאָר ניט שווייגן; און ער זאָגט טאַקע בפירוש:

„נאָר איינמאָל דאָס שווייגן צעבראָכן, —
ניטאָ קיין צוריקקער;
אויף וואָרטברוך, אויף שטיקער
טאַנצט שטאַרקער צעשטורמטע קנאָכן".

מענטשלעכע ליידן, מאַרטירערשאַפט, אומגערעכטיקייט, דער־נידעריקע און באַליידיקטע, מאָרד און רשעות, — בקיצור, „דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט", דאָס איז אויף וואָס ער רע־אַגירט און דאָס איז די גאַמע פון זיינע איצטיקע מאָטיוון. דאָס אַלטמאָדישע — אין ליכט פון דער היינטיקער צייט. אין דעם ערשטן ליד פון דער אָפּטיילונג פון סאָציאַלע מאָטיוון, ווערט אויסגערעכנט אַ צעטל פון מאָדערנעם „האָב און גוטס", וואָס איז די ירושה פון אַלע צייטן — „דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט: קרבן, געפאַנגענשאַפט, הינריכטונג, פאַרראַט, אַפּזאַג" — — — — אַ גרויסער צעטל, אַ טרויעריקע ירושה פון אַ וועלט, וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן אַלטמאָדיש, „אַזוי ווי געווען, אַזוי ווי עס וואָלט

גאָרנישט געשען פון אייביק״. איינציקאַרטיק איז דאָס „ליד וועגן פינף הינט״, וואָס די נאַכט האָט פאַרטריבן צום ליכטיקן שוועל פון אַ האָטעל. די געפּראָרענע מאָרדעס פון די הינט האָבן גע־שיקט אין טיר אַ תפילהדיק ווייכן געביל. אָבער די געסט אין די בעטן, נאָך אַ פריילעכער הוליאַנקע, האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס פאַרצווייפלטע הינטיש געוויין. אויפגעשפרונגען, געכאַפּט דעם ביקס און דערשאָסן אַלע פינף עלנטע הינט. איז וואָס־זשע דערפון געדרונגען? ס׳איז אַ פּשוטער מוסר השכל: „פריער האָט הונט געבולן און גאָר אָן נוץ אין שפּעטער שעה, איצט אָבער ווייס שוין ריכטיק און קלאָר יעדער זיין טואונג דאָ״. איז דאָס ניט אַ סימ־באָל, אַ משל צו דעם אַלטמאָדישן שטייגער פון דער וועלט? — און אַזוי אויך דער אַלטמאָדישער פּאָראָורטייל און מאָרד אין „דאָס ליד וועגן ממזר אַלפרעד״; די אַלמאָדישע דיסקרימינאַציע און מאָרד פון „נעגערשעס״ און דער אַלטמאָדישער יוסטיץ־מאָרד און מאַרטירערשאַפט אין „הירש לעקערט״ און „סאַקאָ־וואַנזעטיס מיט־וואָך״; דאָס אַלמאָדישע „ראָד פון לאַסטוואָגן״, וואָס „נעמט און דערהרגעט דאָס קינד און לאָזט איבער מיט ליידיקן דער מאַמעס צוויי הענט״; די אַלטמאָדישע תפיסה אין „באַלאַדע״, די אַלט־מאָדישע שקלאַפעריי און אומגערעכטיקייט און אַנדערע לידער, און אַפילו דער אַלטמאָדישער גורל פון „אידישע פּאָעטן״, וואָס „אַזוי משונהדיק זעען אויס אונדזערע לידער, — ווי זאַנגען, וואָס אַ היי־שעריק צעפרעסט״.

גלייכצייטיק באַווייזן זיך שוין אויך לידער פון העפטיקן פּראָ־טעסט, פון בונט און רעוואָלט, וואָס דריקן זיך אויס אין די סאַ־קאָ־וואַנזעטי־לידער, אין „יום הדין״, אין וועלכן ס׳ווערט אַרויסגע־זונגען דאָס ליד פון „אויפגעבונטעוועטן ווילן״, און שפּעטער צו באַקומט עס דעם אָפנסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק אין „לייק־וואוד״, אפילו שוין בלויז אין די צוויי שורות: „אָ, ווי איך בענק נאָך שטיינער אין פענצטער, און איך וויל זיין אַליין — אַ שטיין פון בונט״.

די דריטע אָפּטיילונג אין בוך נעמט אַריין די האָפערדיקע לי־דער וועגן דער „היים סאָוועטישע״. דאָס זענען די מאָטיקסטע און פרייד־צעשוימטסטע לידער אין לייוויקס שווערן פּאָעטישן באַגאַזש.

אין דער גאָר פריער סטאַדיע פון זיין קינסטלערישן אויפגאַנג, ווען דער דיכטער האָט נאָך אַלץ זיך געדרייט לעבן ראַנד פון געהיימניש, אין שאָטן פון אומעט, אַליינקייט און טויט, — האָט ער שוין געאַנט פון אַ פריידיקער רגע, וואָס וועט אים באַלויכטן דעם סוד פון זיין לעבן. געוואוסט אָבער אויך האָט ער, אַז צו דער רגע פון פרייד פירן תהומען פון יאָרן, אַז וויפיל מ'זאָל ניט אַריינגיין אין ווייטקייט — ווערט די רגע נאָך ווייטער; און אַז

„ביז וואַנען די רגע וועט קומען,
פאַרגיין וועלן יאָרן,
ביז וואַנען מיין פריידיקע ליכטקייט
וועט ווערן געבאָרן".

אַ רגע פון פרייד... צי ער האָט זיך נאָך דאַן ניט פאַרגינט עפּעס מער צו פאַרלאַנגען; צי ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיך, אַז ביי אים וועט די פרייד זיך ניט האַלטן פיל מער ווי אַ רגע; אָדער עס איז בלויז אַ פיגוראַטיווע באַצייכענונג פון רעלאַטיוון באַגריף... — די רגע פון פרייד איז געקומען. די ווייטקייט פון אַ לאַנד אַ פאַרבאָטענע האָט באַקומען ברידערלעכע אָרעמס, וואָס נעמען אַרום, האַלדזן, טוליען־צו צו זיך; די ווייטקייט האָט באַקומען פליגלען, וואָס הויבן אויף און לאָזן אַראָפּ אויף „ערד", וואו מ'קען „קומען און אַריינגראָבן אַ שטעקן און זאָגן: אָט דאָ איז מיין לאַנד!" די ליפּן, וואָס האָבן געפּרוירן מיט ווערטער פון יאוש און שרעק, זיי „זענען שוין מער ניט פאַרשטעלט; אויף די ווערטער מיינע ווייסער אמת רוט". ווייסער אמת — נישט דער קייטן־קלונג אין די ווילדענישן פון סיבירער שניי; נישט די אומהיימלעכע ווייטקייט פון אַ וועלט, וואָס איז פאַרקילט, פאַרשטעלט און פאַרתכריכמט, — נאָר ווייסער אמת פון אַלע פיר סופן דער־גרייכטע; „ווייסער אמת אינם מויל פון גרויס און קליין"; ווייסער אמת פון „טריאומפירנדיקע מאַרשן"; ווייסער אמת פון אַן „איין און איינציקן געבאָט: „מיר"; פון „שוואַרצע רעמלעך אַרום נעגל"; פון שאַרפן אַקער, וואָס צעשניידט די ערד ביים ליבן שוועל פון נייעם שטיבל"; פון איין געהייליקטער סעודה און איין געהייליקטער ברידערשאַפט. — אַזוי ליכטיק איז ביים דיכטער געוועזן די

רגע פון פרייד, צו וועלכער ער האָט מתפּלל געווען מיט איבער־געשוימטע געזאַנגען.

די רגע פון פרייד איז אַוועק... די ווירקלעכקייט פון דעם דערגרייכטן אמת, האָט ווידער אָפּגעשטופּט דאָס באַטראָטן לאַנד. די ברוגזע נאַרן — די טעג — זענען טאַקע אויך אָפּגעטראָטן אויף שטענדיק; און געקומען איז אַ קליגערער טאָג — וואָס הייסט דעם שליסל פון דערלייזונג זוכן ביי דעם מ ע נ ט ש ן. דעם דיכטערס טרוים איז ווידער שוין — אַ שיף, מיט נייע פאַרצויגענע מאַסטן. זי טראָגט שוין ווידער זיך צו אַן ערגעץ, וואו ס'איז „דאָ אַ מענטש פון וואונדער; איך זע אים ניט, נאָר זיין קול דערהער איך"... עס איז שוין גאָר אַן אַנדער ערגעץ — אַ נענטערער, אַ היימלעכערער. און ס'איז שוין גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דעם מענטשן. ער איז שוין אויסגעחלומט אין ע ק ש נ ו ת, „אַזאָ וואָס איך זאָל ליב האָבן"... צו אים, דעם פריינט דעם אויסגעחלומטן פון ווייטן לאַנד, שרייבט ער לידער, אַנשטאָט בריוו. לידער אָנ־געזאַפּט מיט ליכט און גלויבן, מיט פרייד פון נישט דערגרייכטע נאָך פאַרלאַנגען. לידער, וואָס עס הענגען זיך ווי טרעפּ צו אַ שפּע־טערדיקער העכערער מדרגה פון דערגרייכונג, — צו דעם טויער פון „גן עדן".

אויב אפילו לויטן דופק פון די ווערטער־עפּיטעטן — איז שוין אויך אַ סך געדרונגען. ווייל כמעט אין איטלעכעס ליד פון דער גרויסער סעריע וועגן מענטש פון וואונדער, וואַרפן דורך זיך איינע און די זעלבע עפּיטעטן, וואָס עס דריקן אויס די עמאָציעס פון דערהויבונג, פרייד און גלויבן. אפילו לייוויקס באַליבטער מאָ־טיוו פון טויט איז אויך שוין אַנדערש — אַן אויסגעלייטערטער, שוין נישט שרעקנדיקער. ווייל איצטער „לעצטע ווערטער פאַרן זיך פונאַנדערשיידן זאָגן אַן דעם ק ו מ ע נ ד י ק ן ו ו א ו נ ־ דער" און „מיר וועלן אין שניי זיך איבערווינדן מיט אַ ש מ י י כ ל אַ פאַראייביקטן אויף ליפּן". און טויט איז איצט שוין נישט קיין פרעמדער. ער איז — אַ טאַטע. ער טראָגט אים אויף די אַקסלען. און אַז דער טאַטע שפּאַנט — טאַנצן די גאַסן. ער איז אַ שומר אַ געטרייער, וואָס היט אים פון פרעמדע, פון שלעכ־טע. און אַז דער טאַטע זאָגט: מיין זון היט זיך — „ווערט דער

פרעמדער נאַנט, און דער שלעכטער ווערט גוט, און דער טרויער געטרייסט. מענטשן צעשטראַלן זיך איבער אַלע גאַסן און זאָגן אָן מיט פרייד: דער טאַטע טראָגט אויף די אַקסלען דעם זון, און דער זון איז רואיק, און דער זון איז ליכטיק". אמת, אפשר קלינגט אַרויס פון דעם אַ גישט גאָר אידישלעכער טאָן, אַסאָציאַציע פון גאָט דער פאָטער און ישו דער זון, — אָבער אַנדערש איז שוין דאָ דער טויט, וואָס ער זעט אים ליכטיק. און ווייטער: ער בעט, מ'זאָל אים אַרויסטראָגן צו „אָ פ ע נ ע ר וועלט". אין „אַזאַ נאַכט" אין שפיל מיטן טויט און אייגענעם זינען „נעמט מיך דורך ג ל י ק, איך ווער ע ר ד". און היינט גיי איך „מיט ג ע ז א נ ג אַנטקעגן ש מ ח ה פ ו ן ש מ ח ו ת". „אָן אַנגעהאַנגענער — צו דורכגייער, צו אַלעמען מיין לייב — מיין ליד — מיט ש מ ח ה טו איך געבן". „דאָס מאָל האָב איך פ ר י י ד זיך אַ געשאַנק געבראַכט; איך בין געקומען ל י ב ה אָ ב ן, איך בין געקומען געבן מיינע שטומע ליפן צו זון און נאַכט". שוין אין איין ליד „מיין גאָלדענע פרעמד" אַזאַ שטראָם פון ליכטיקע ווער־טער־עפּיטעטן: „ש מ י כ ל, מיין שאָטן, שמייכל, מיין ברו־דער!". אַ פ ר י י ד אַזאַ איז צו מיר געקומען". „זעט עס ניט אויס דען, ווי אַ קינדערשער ח ל ו ם פון לאַנד פון ניט־הי?" „איז דאָס ניט מאָדנע, וואָס איך בין פאַר אייך אַזאַ אָ פ ע נ ע ר — א י י ע ר ע ר?" — „און זעט סאַראַ ג ל יק צו זיין אַ ווינט, פונאַנדערצובלאָזן איבער אייערע פנימער ל י כ ט י ק ע פייערן פון פינצטערן טינט". „מענטשן, מענטשן, — ס'איז מיר פ ר י י ל ע ך צו זינגען פון דעם וואָס וועט זיין, אויך פון דעם, וואָס געוועזן שוין".

פון דעם וואָס געוועזן שוין? רופט דאָס געוועזענע ביי אים אַרויס דען פרייד? — פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט זיך אידענטי־פיצירט מיט דעם קומענדיקן מענטש, איז אויך דער פאַרגאַנגענער — די פרייד פון אויסדוכט און דערמאָנונג. און ווי אַנדערש עס איז שוין דאָ דער דיכטער פון דער אַמאָליקער אַליינקייט, ווען ער זאָגט: „אַבי זיין מיט אייך אויף אַלע ערדן, און זען אין אייך דעם אָנבליק פון דעם, וועמען איך וועל ווידער ניט זען שוין".

איז כדאי צו שפּאַנען צווישן די בייטן פון לייוויקס צעבליט

ליד, צו זען די פאַרוואַנדלונג פון זיין אומהיימלעכער לאַנדשאַפט, און דערביי — די טראַנספאָרמאַציע פון זיין פסיכיק. עס מערקט זיך שוין אַ געוויסער זינגענדיקער טאָן, וואָס גיסט זיך אויס אויף פריידיקער און לויטערער „ברכי נפשי". עס זעט זיך, אַ געפונענע, — אַ ניי־אַנטפּלעקטע וועלט — און אַ באַהעפטן זיך מיט דער אַנטפּלעקטקייט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ מענטש, וואָס איז באַפרייט געוואָרן אָקאָרשט־ערשט פון תפיסה, און האָט אַרומגע־כאַפּט זיך מיט דער וועלט אין גרויסער שמחה, און האָט געלאָבט זיך און געקוויקט זיך מיטן ריח פון דער ערד און מיט דער ליכ־טיקייט פון הימל. די „פריידיקע רגע" — די רגע בלויז — האָט ווידער אים באַגנאַדיקט. זיין לאַנדשאַפט איז שוין איצט — אַנ־דערש און אַנדערש איז שוין אויך די שטימונג: „עס ליגן אָ פּ ן די וועגן צו אַלע הייזער". „אין אַ טאָג פון ז ו ן און אוי פ־ג ע ב ל י ט ע ע ר ד ביסטו געקומען מיך זען". „דער טאָג איז היינט אַ ל י כ ט י ק ע ר, אַ ו ו י י ס ע ר, עס ברענט דער שניי אויף די באַרגיקע קעפּ". „אין ל ו י ט ע ר ק י י ט פון זור־מערס לעצטע טעג גייט אויף נאָך לויטערער די שטים פון מיין געוויסן". „האַרבסטיקער גאָלד, ל י כ ט י ק ע ר טאָג". „ל ו י־ט ע ר ע ר סוף זומערדיקע טעג". „שטערן טוליען זיך ווי ו ו י י ס ע ש אָ ף". „פון דער לבנה שיטן זיך ק ו ו י ט ן". „אין פּאַרק אַנהויב פרילינג, ווילט זיך צובויגן צו דער ערד און זאָגן: ה י י־ל י ק". און אין דער רגע — אויסגעטאָן די מאַסקע פון ברוגז אויף דער וועלט, אַ וואָרף געטאָן די מאַסקע און אַזוי אינטים גע־נומען אויסדערציילן, וואָס מיט אים האָט היינט פּאַסירט, — און נישט אַנדערש, אַז מען זאָל אים דווקא אין זיין אָפּנקייט דערזען. און סאַראַ פּשוטקייט ווען ער זאָגט: „ס'איז מיר פ ר י י ל ע ך היינט. איך דערצייל דאָס אייך אפילו ווען איר ווילט ניט הערן דערפון". און סאַראַ תמימותדיקע פרייד — ווען ער דערציילט, אַז „כ'האָב אַרומגעשפּאַצירט אויפן ברעג פון טייך — — — אַזוינע טריט, אַזוי ל י כ ט און ג ל י י ך, האָב איך לאַנג שוין ביי זיך אַליין ניט געזען". און ווי ניי עס קלינגט אַרויס ביי דעם, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געקריגט זיך אַלץ מיט זיך, אַז „אין

ש ל ו ם מיט זיך אַזוי ווי איך בין, האָב איך געזען די זון אין לעצטן מאָל".

די „פרייד פון אַנטפּלעקטער דערקענונג" דערגרייכט אַזש ביי אים אין געוויסע מאָמענטן ביז פּאַטאָס פון הימן: „לאָמיר בענטשן די פרייד!" „זאָל לעבן די פרייד!" „כ'וויל זינגען דאָס געזאַנג פון מענטשנס גליק, וואָס שלאָגט מיט זון און מיט בלוט פון גלידער!".

אָפּטמאָל טרעפט אפילו, אַז דער פרייד־מאָטיוו קלינגט אַרויס פון אים עטוואָס אָנגעשטרענגט, עקשנותדיק, ווי צו פאַרטויבן דעם אַלטן טאָן, וואָס וויינט אַרויס פון צווישן חורבות. דער אַלטער טאָן, דער נאָגנדיקער, מישט זיך טאָקע אַלץ אַריין אין פריידיקסטן געזאַנג, און פאַרהויכט מיט טריבקייט דאָס ליכט פון האָפערדיקע טענער, — אָבער דאָס באַווייזט נאָר, אַז דער דיכטער איז ניט פון דעם סוג עקסטאַטישע נאַטורן, וואָס פאַרכלינען זיך פאַר פרייד און פאַר הנאה, אַז עס קאָפּעט אַזש אַרונטער איבער אַלע ראַנדן פון דעם זינען. אפילו ווען ער פּרואווט פאַרשכורן זיך מיטן ווייַן פון אויסגעטרוימטן גליק, ווען ער וויל זיך אויסטאָן פון זיך, — שטעלט אים אונטער יענע אומזיכטבאַרע האַנט אַ חשבון, וואָס ער דאַרף באַצאָלן פאַר יעדן טראָפּן פרייד, פאַר יעדער זיסקייט פון הנאה, מיט מי און ליידן, תשובה און חרטה... ווייל ווי ער זאָל ניט קירעווען זיך צו די זינגענדיקע וועגן פונם לעבן, גייט ער ער ניט אַוועק פון אייגענעם גורל; — „און אַז איך וועל אַוועקגיין, וועל איך קומען ווידער, און איך וועל אָנקומען מיטן זעלביקן וועג".

האָט ער אויסגעטרוימט אַ ליכטיקע געשטאַלט. האָט ער אויס־געקליבן איינעם פון מיליאָנען מענטשן אין אַ שטאָט, און האָט געקרוינט אים פאַר דעם אויסדערוויילטן גאָט. פאַרוואָס איז דווקא איינעם? נישט חלילה צו באַליידיקן די אַנדערע מיליאָנען, און נישט צו צעשטערן דעם בונד מיט אַנדערע, — נאָר פאַרקערט — „איך געהער איינעם — טו איך אַלעמען געהערן, און ליב ווערט מיר אַלץ, וואָס אויף דער ערד". דער אויסדערוויילטער מענטש איז סיי־ווי פון ווייטן, ער איז נאָך ניט געקומען אויסלייזן און ווערן אויסגעלייזט, ער האָט נאָך ניט אַנטפּלעקט זיין געטלעך פּנים, —

נאָר דער דערלייזער און באַפרייער בלאַנדזשעט אום אין בלוט און זינען פון אַ יעדן מענטשן; גענוג איז נאָר אַרויסזאָגן זיין נאָמען, ווען „אַ ז א י ך ז אָ ל ק ע נ ע ן, ק ו מ ע נ ד י ק צ ו ו י ש ן ל י י ט ן, א י ן י ע ד ן א י י נ ע ם א ו י ס־ ד ע ר ו ו י י ל ט ק י י ט ז ע ן".

איז ניט קיין רינגל דאָס אין אונדזער קייט פון וויזיעס און מאמרי־צדיקים? איז ניט דען אַזאַ ליד, נישט בלויז אַ זאַך פון פערז און גראַם און מעטער, נאָר אַ „מזמור לאדם", אַ דערהויבע־נער געזאַנג צום מענטשן? — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט פאַר־גינען, אויף די וויינענדיקע ווענט פון אונדזער לעבן, אויף וועלכע ס׳שפּרינגען אום מזיקים, — אויפהענגען דעם „שיר המעלות" פון אַ דיכטער? — סאַראַ הייליקע ווידוי פון אַ מענטשן, וואָס לעבט אין ה י י נ ט י ק ע ר צייט, וואָס קען זיך אויסדריקן אין אַזוינע אויסגעלייטערטע, רירנדיקע ווערטער:

„מענטש געקרוינטער, ניט גרינג איז מיר צו ברענגען
מיין האַרץ צו יום־טובדיקער עבודה פון גליק,
ווען איך זע גאָר, בסוד אַמאָל, מיין לעבן הענגען
אויף אַ זייער וואַכעדיקער און פראַסטער שטריק.
אָבער איך מוז! איך טראָג מיין האַרץ אין פולן
צו דיינע פינגער מיט זייער דינעם פלאַם,
און איך וויקל אָפּ, ווי מען וויקלט פאַנאַנדער שפולן,
מיינע טעג פון זייער גאַנצן אָנגעקנוילטן כלאַם.
און איך שטיי פאַר דיר, אפילו ווען דו ביסט ניטאָ אַנטקעגן,
ווי אַ קינד פאַר זיין פייערונג פון אַ נייעם יאָר, —
כאָטש מיין גרעסטער אמת אויף דער וועלט — און אויך פאַרמעגן,
איז דער אמת פון מיינע גרויע האָר".

אַזוי ריין ווי אַ טרער, לייכט אַרויס די „רגע פון פרייד", אין לייוויקס שווערן, אומעטיקן גאַנג צו דערקענטעניש.

פאַראַלעל צו דעם פריידיקן וועג, ציען זיך אָבער אויך די שווערע געדרייטע וועגן פון לייוויקס פריערדיקע מאָטיוון: טויט, גורל, זעלבסטפּייניקונג, דרייען זיך אַרום דער אייגענער זעל, וויזיע, מיסטיציזם, חלום, דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט, אומהיימ־לעכע לאַנדשאַפט, די טראַגעדיע פונם גואל, דאָס געראַנגל און

חבלי־דיכטער צו אָפּנקייט און קלאָרקייט, — זיי אַלע פירן צו אַ נייער הויך פון דערגרייכונג — צו די גרויסע ליכטיקע „לידער פון גן־עדן".

* * *

גרויסע, ליכטיקע לידער — ווי אויפגייענדיקע לבנות אויף אַ קאַלטן הימל, אָבער אויך ווי פיבערנדיקע זונען, וואָס קוקן ווי אַן אויג אַן אויפגעריסנס פון דער אייגענער שאַרפקייט. פייערדיקע לידער, וואָס באַלייכטן די שיינקייט פון אַ בלאַסן פנים, וואָס עס רויטלט זיך אין שיין פון שקיעה, און באַלויכטן אויך די אומעטיקע נסיעה צו דערקענטעניש. לידער, וואָס הויבן זיך, ווי אויסגע־שטרעקטע הענט, אין אַ „תפילה זכה" צו דעם אויפגעמאַכטן טויער פונם הימל, און שטורמען־אויף מיט פיבערדיק־פאַרצערטע אויס־געשרייען די גרויסע לעצטע שעה פון „נעילה". לידער — מידע פייגל, וואָס קלאַמערן זיך אָן דער קאַלטער וואַנט פון לעבן. לידער — העלזעערישע אויגן פון צדיקים, וואָס דערזעען דורכן זין פון טויט — די הייליקייט פון לעבן.

אין איינס פון לייוויקס פריערדיקע לידער ווערט דערמאָנט, וועגן קאַלטן וועג, וואָס פירט דעם צדיק צום גן־עדן. אין די „לי־דער פון גן־עדן" (36 — 1932) ווערט דער קאַלטער וועג פאַרענ־דיקט. ס'שטייט אויף אַ נייער אָנהויב. דער מענטש דערגרייכט, דורך ליידן און יסורים די מדרגה פונם צדיק. דער ווייסער פלאַם, וואָס צערט דעם מענטשנס קערפער, לייטערט אויך זיין ליידנדיקע נשמה און פילט זי אָן מיט אַ נייעם זין. אויפן שוועל פון טויט, שטייט דער מענטש, דער ליידנדיקער, ווי אַ סימבאָל צו דער הייליקייט פון לעבן.

דעם גרעסטן אויסדרוק פון טויט און לעבן אין געראַנגל, שלום און דערגאַנצונג, און דער עיקר — דאָס בילד און די אידייע פון דער הייליקייט פון לעבן, איז דערגרייכט געוואָרן אין דער וואונדערלעכער „באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום". די דאַזיקע באַלאַדע איז די רייפסטע זאַך אין פערטן עטאַפּ פון לייוויקס שאַפן. אין איר האָבן זיך פאַראייניקט אַלע עלעמענטן, וואָס אַ קונסט־ווערק דאַרף פאַרמאָגן, ביז צו שלימות. און דווקא איז איר גאַנצ־קייט נישט געשטערט געוואָרן דורך איר שטעלנווייז פּאַטישער

און פּאַטעטישער אָראַטאָריק, אָפּווייך, צעצוויגנקייט און דעם טאָן־צונויפמיש פון לירִיק און עפּיק. ווייל די אָראַטאָריק קלינגט דאָ פּשוט; אָפּווייך — איז דער אָפּנויג פון אַן אויסגעצייטיקטן געדאַנק; צעצוויגנקייט — איז דאָ ווייטלויפיקייט פון ליניעס; און דער טאָן און שילדערונג פון לירִיק און עפּיק, איז דאָ — צוזאַמענשפּיל. נאָר אויב נישט העכער איז דאָ גאָר דאָס מענטשלעכע, דאָס צדיקישע, דאָס צער־בעלי־מענטשישע, דאָס סענסיטיוו־צאַרטע, וואָס קלינגט אַרויס פון יעדן וואָרט און שורה, פון יעדן פערז און סטראָפע אין דער באַלאַדע. און אויב נישט העכער איז די קינסטלערישע פּשטות, ווי עס ווערט דערציילט:

„נישט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
ניט משה — אויפן שוועל פון כנען־לאַנד,
נאָר נתן ניומאַן — הערט איך וועל דערציילן —
אויף אַ פּראָסטן בעטל ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

דערציילן איז אין אמתן ניטאָ וואָס. —
ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען
ביים צוויטן מענטש, — וואָלט אויך דער מלאך המות
אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען".

נאָר אויב מען האָלט ניט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן — דעם צער פון בלוט און גלידער — „ווי קאָן מען אין לעגענדע היינט פּאָרוועבן אַן אומבאַקאַנטנס איינעמס גלאַט אַ טויט?" אַ טויט פון איינעם, וואָס איז ניט קיין העלד, קיין גואל, נאָר גלאַט אַ מענטש אַזוי? —

פונדעסטוועגן גלויבט ער אַלץ נאָך, — און וואָס דען סטימולירט דעם דיכטער אויב נישט — גלויבן? „אַז דער, וואָס איז אין אמת'ן געהויבן, פאַלט כורעים פאַר אַ יעדנס מינדסטן גליד".

ווערט דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ מענטש אַזאַ, אַ נתן ניומאַן. צו זעכצן יאָר איז ער אַהער — אין סאַניטאָריום דאָ — געקומען און אָפּגעלעגן אויף שפּיטאָל־בעט פופצן יאָר... דערציילן ווי ער האָט אויסגעזען? זיין דינער גוף, זיין קלוג געזיכט? — איר וועט שוין פאָרשטעלן אַליין זיך, ווען איר ווייסט, אַז ער איז

אָפּגעלעגן פופצן יאָר... די וועלט, אויף יענער זייט פון שוועל, האָט דורכגעמאַכט געשעענישן. ניומאַן האָט די דינע פינגער אויס־געשטרעקט צו זיי, דורכזיכטיק דורך זיי געזען, און באַקומען אַ ווייסע וועלט־נשמה און אַ ווייסן זין. זיין בענקשאַפט נאָך זיין היי־מיש שטעטל האָט ער מיט אַ שמייכל און אַ וויץ פאַריאָגט. געהיט נאָר האָט ער אין זיין האַרץ דעם העלן אָפּשיין פון יחוס־דור: מאַר־טירער, קעמפער, טרוים־געשטאַלטן פון אַ העלער וואָר. אַליין שוין אויך געוועזן אַ גרייטער אַריינצוגיין אין קעמפערס בראַווער ריי, ווייל ער אַליין אויף זיינע דינע פלייצעס האָט שוין געהאַט גע־שלעפּט אי זאָרג, אי נויט, אי שאַנד פון אונטערדריקונג, שאַנד פון שנאה, אי שאַנד פון אומגעקומענע פון הונגער־טויט. — צו יונג איז אָבער ער געווען פאַר תפיסה־קייטן — נאָר ניט צו יונג פאַר טויטנדיקער דער (שווינדזיכט). אַרומגעוואַנדערט האָט ער דאַן פון איין שפּיטאָל אין צווייטן, ביז אַנגעקומען אין ספּיוואַק־הויז אַהער. פופצן יאָר געשמידט צום בעט. געשליידערט זיך אין לוסט און גע־פיבערט אין חלומות, ביז וואַנען ער האָט זיך דערפילט געלייטערט און „יע" געזאָגט צו זיינע שטילע ווענט. דער „יע" האָט אויסגע־דריקט אַ סך באַטייטן: כ׳נעם אָן... ס׳איז גוט... די וועלט איז ד אָ. דער „יע" מיינט אויך: אי גאווה, אי הכנעה, אי איבערררייס מיט י ע נ ע ר ז י י ט, מיט די וואָס האַלטן אין איין מאָרדן שעהן, לינטשן צייט. דאָס ליד פון צייט ווערט הייליק אויסגעזונגען ערשט דאָ אין קעניגרייך פון טובערקול — דורך פלייטן — קעמערלעך־געוועב פון לונגען, סעקונדן דינסטע ווערן אויסגעאָטעמט פול. דער איבעררייס מיינט נאָר מיט ו ו ע ל ט פ ו ן ג ו פ ן, נאָר ניט מיט וועלט פון אויסגעטרוימטן גייסט... די קאַמף־מאַרטירער... ער רופט זיי... ער שפּרייזט מיט זיי... נאָר ניין — פאַרוועדט... ער מוז אַנידערלייגן זיך און שמייכלען שטום... אַ ג ר ו י ס ע ו ו ע ל ט ד אָ: אַ שראַנקל מיט אַ שלאָס. אַ טישל. אויפן טישל אַ פּאָר ביכלעך. אַ פיבערמעטער און אַ פלאַש און גלאָז. אַ זייגערל. אַ פּען... זיין גוטע שוועסטער זי האָט אים אַ מתנה דאָס געשיקט... ער שרייבט איר בריוו... ער האָט זי ליב — ער גלעט דאָס ציפער־בלעטל פונם זייגערל...— און זי האָט אים נאָך מער ליב...— און נאָך איינע איז דאָ. — — — נאָר ניט קיין שוועסטער, דאָס הייסט —

אַ שוועסטער און נאָך עפּעס מער... איר לעצטן בריוו צו זיינע ליפּן פרעסט ער, — זי האָט אים ליב, און ער האָט ליב נאָך מער...

„ער שרייבט: — „איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג זאָלסט קומען,
און מאָרגן קומסטו מיט דער באַן אַהער,
דערפאַר אין אייל האָב איך די פּען גענומען,
און לאָז דיך וויסן: — קום צו מיר ניט מער ... — — — —
איך האָב דיך ליב, דערפאַר דאַרף איך צערייסן
אַ יעדן בונד, וואָס בינדט דיך צו מיר צו... — — —
ביזט יונג, געהערסט דער גאָרער וועלט דער גרויסער,
גיי לעב, און נעם פון אַלץ מיט פולער מאָס;
עס שיקן גרוסן דיר פון ליבשאַפט הייסער
מיין פלאַש, מיין זייגערל, מיין פען, מיין גלאָז". — — —

פאַרקלעפּט דעם בריוו. אַ קלונג. די נוירס אַריינגעקומען. — „איך בעט אייך, שיקט אַוועק דאָס בריוול שוין! — — — אַ רגע וואַרט!... אָ, ניין, מען דאַרף ניט וואַרטן... ס'איז גוט אַזוי. איך בעט אייך, שיקט אַוועק!" — — — די נוירס ניטאָ... פון ניומאָנס האַלדז צעשפּאַרטן נעמט שטראָמען רויטס אויף קישנס ווייסער דעק... די נוירס איז דאָ צוריק. זי ברענגט אים הילף. ער ליגט. די הענט צעשפּרייט. אַ האַנט — אַ שטעקל, נאָר אויפן מויל אַ גוטער שמייכל רוט. ער פרעגט: אַוועקגעשיקט? זי ענטפערט: זיכער; נאָר רעדט ניט, ליבער, מער... — ער פאָלגט. ער ליגט. אַלץ נעמט זיך דרייען פלוצלונג גיכער, גיכער און ווי אַ הוידלקע אַרויף־אַראָפּ צעוויגט — — —

ס'איז מערנישט ווי אַ העלפט פון דער באַלאַדע. ציטירן זאַצן איינצלנע, איבערגעבן דעם תוך, קען מען מער ניט — און מען טאָר ניט. אַרויסלאָזן אַ וואָרט, אַ שורה, אַ ווערט זיין אַ געוואַלט־ריס אינם זייד פון דער באַלאַדע; אַ פערז אַרויסרייסן, וועט איבעררייסן דעם שנור פון פּערל... איז וואָס איז נאָך צו זאָגן? — ווערטער? קע־נען ווערטער דען באַווייזן די אייגנאַרטיקייט פון דער דאָזיקער באַ־לאַדע? קענען זיי דען איבערגעבן דעם בליק פון איר גדאַנק, איר שוואונג, איר וואָרעמקייט, איר טיף? — ווערטער קענען זאָגן בלויז: דער העכסטער טרעפ איז די באַלאַדע אין לייוויקס שאַפן.

דער דאָזיקער עטאַפּ אין לייוויקס שאַפן פירט בכן שוין צו אַ נייער ספערע פון מאָטיוון. אַנשטאָט דעם נכנעדיקער בויג פון קאָפּ אַנטקעגן טויט — פּאַרהיטער שטאָלץ און קלאָרער זין. אַנשטאָט דער טויט ווי אַ געשפּענסט, וואָס כאַפּט אָן פאַרן גאָרגל — די האַנט, וואָס פירט אַריבער בלויז אַ גרענעץ. און נאָכמער: די מיס־טעריע פונם טויט־באַפרייער האָט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געזאַנג פאַר פרייד און צער פון בלוט און גלידער, אין אַ הימן צו דער הייליקייט פון לעבן. — קען דען פּשוטער „דערוויזן" ווערן דער ווערט און זין פון לעבן, ווי אין לייוויקס רירנדיקן „הספד אויפן טויט פון אַ קראָליקל מיט רויטע אויגן" ?

ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס די „לידער פון גן־עדן" הויבן זיך אָן מיט אַ „עפן זיך טויער" און ענדיקן זיך מיט „טרעפּ". דער טויער האָט געעפנט זיך פאַר אָפשייד; פאַר דעם, ביי וועמען „לייב איז — פייער, קאָפּ — שניי", פאַר „אָקסלען, וואָס טראָגן אַ זאַק מיט געשריי", — און דער טויער האָט זיך ווידער אויפ־געמאַכט, צו פירן אים אַרויף די „טרעפּ", צוריק צו יענער אויס־געחלומטער געשטאַלט פון מענטש, צו אַ ניי אַנטפּלעקטער וועלט, צו דערקענטעניש — צו גאָט.

נאַטירלעך, גייען דורך נאָך אַלץ דאָ לייוויקס פריערדיקע מאָ־טיוון, מיטן זאַק געשריי, מיטן ווייסן חלום, מיט דער אומהיימלע־כער פּאַנאָראַמע, מיטן מאָדנעם פלאַם, מיט דער ווידוי און זעלבסטפּייניקונג, — אָבער ניי איז דאָ שוין דער מאָטיוו — דער אויסגעלייטערטער, — דער דורכזיכטיק־קלאָרער — פון „שפּי־נאָזע", וואָס זיין אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט, רופט אַרויס ביים דיכטער גאָר דאָס „ווייניקסטע" פון אַ פאַרלאַנג „געבן אַ פלי ווי אויף פליגלען דורך אַלע פּ אַ ט אַ ל ע ווייטקייטן, און גרייכן די טרעפּ פון דיין שוועל".

אין „די לידער פון גן־עדן" האָט לייוויק אויפגעהויבן זיך און האָט דערגרייכט די טרעפּ. דאָס גורלדיקע אין זיין גאַנצן חלום־קאָמפּלעקס האָט זיך איצטער מער א ו י ס ג ע פ אָ ר מ ו ל י ר ט און מער קינסטלעריש א ו י ס ג ע פ אָ ר מ י ר ט. דער טראַנס־צענדענטאַל־מיסטערישער געמעל האָט באַקומען אַ מער רעאַלע ליניע. אַנשטאָט ערגעץ ווייטע א ו י ס ג ע ק ל ע ר ט ק י י ט — מער

דערגרייכטע א ו י ס ג ע ק ל אָ ר ט ק י י ט. אַנשטאָט „אַלץ אַרום מיין אייגן זעל, ווי אין אַ חלום דריי איך זיך" — די גרויסע מדרגה פון דערגרייכן יענעם „פערטן טרעפּ" צו „ניי־באַגין", וואו „צוזאַמען מיט דער זון לויכט אויף ווידער מיין בטחון, אַ פרישע האָפענונג און אַ נייער זין". דער „נייער זין" ליגט נישט בלויז אין באַפרייען זיך פון אייגענעם זעל־קרייז, — ס'איז נייער זין, וואָס „גיט אַ פלי צו נייע הויכן, צו זעלטענע פאָרמען און זעלטענער מאָס", — ס'איז די גרויסע אַנטפּלעקונג, דער באַשייד פון חלום, ווען „ס'ווערט מיר קלאָר דער זין פון מיין אייביקן פלאָנטער"; ס'איז דער העכסטער שטאַפּל פון שעפערישער דערגרייכונג, צו פאַרלאָזן „דיינע טרעפּ אַ ד ע ר ק אַ נ ט ע ר, און אַ צוגעהעפטער צו דער וועלטס ערשטער פרייד". דער דיכטער האָט געפונען דעם זיך אין גאָר אַן אַנדער שיין; דאָס ליד האָט זיך דערפונען — גאָר אין אַן אַנדער טאָן.

אויף דעם פערטן טרעפּ — דער פערטער עטאַפּ אין זיין שאַפן — איז דער דיכטער שוין אַ דערקאַנטער.

דער אידיש-נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין לייוויקס שאַפן.

א

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו זאָגן, אַז די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער ניי־אידישער פּאָעזיע, דהיינו, די „יונגע" אין אַמעריקע, האָבן זיך נאַציאָנאַל צי סאָציאַל אָריענטירט. פאַרקערט, ס'האָט לחלוטין ביי זיי געפעלט די פּניה און טענדענץ פון יעדער אָריענטאַציע, אַחוץ דער אָריענטירונג אויף דער אומאָפּהענגיקייט און אומטענדענציעזקייט פון שאַפן. אוממיטלבאַר, איז ביי זיי דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף דעם ריין קינסטלערישן און אינדיווידועלן מאָמענט. דער „פאָרמעל"־עמאָציאָנעלער עלעמענט האָט ביי זיי תמיד דאָמינירט די טעמאַטיש־אידייאישע קאָנצעפּציע. מיט גרויס כונה האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע דעם אינדיווידועל־יחידישן מאָטיוו, אין אַ רייכער גאַמע פון פאָרמען, אָבער גלייכגילטיק געווען פאַר כללישן איינשטעל און אָפּגעווייכט פון דעם נאַציאָנאַלן צי סאָציאַלן מאָטיוו. נישט האַלפעריגס סאַרקאַסטיש־צולהכעיסדיקע רייד, אי קלאָר און גליענדיק, אי פאַרגייענדיק אין אַ משונהדיקן גראָטעסק; נישט מאַני לייבס אויסגעלייטערט־לירישער ניגון; נישט זישא לאַנדויס לייכטער, וויגנדיקער פערז; נישט ראָלניקס ניכטערע זכרונות, תפילהדיקייט און איראָניע, — האָט דערציילט פון וועלכער ניט איז נאַציאָנאַלער צי סאָציאַלער „אָריענטאַציע".

ב

אויך לייוויק האָט פון אָנהויב זיך אַמהעכסטן אָריענטירט אויף זיך; געדרייט זיך בלויז אַרום דער „אייגענער זעל", געטראָגן זיך נישט־דאַאיק, אין אַ וועלט פון מיסטיציזם. — אָבער אויך שוין דאַן האָבן זיך באַוויזן זיינע לידער, אויסגעוויטיקט „אונטערן שלאָס", זיינע תפילה־לידער און די פיינלעך־אומעטיקע מאָטיוון פון

סיביר, — לידער, מיט ס אָ צ י אַ ל ן טאָן און אָטעם. שפּעטער האָט דער קרייז פון „איך" זיך אויסגעברייטערט, זיך אויפגעעפנט פאַר וועלט און מענטש. דער „איך" האָט אים שוין ניט געדינט בלויז פאַר אַ טעמע אָדער פאַר אַן עקספּערימענט, נאָר האָט דער־הויבן זיך ביז — אַ סימבאָל. דער „איך" איז שוין אין צענטער פון דער צייט און וועלט. ער איז שוין דער משל און דער נמשל פון דעם מענטש בכלל. דער „איך" איז שוין דער „כלל": דער קלאַס, די שיכט, דאָס פאָלק, די גאַנצע מענטשהייט. דער נעפּל פון מיס־טיציזם, וואָס האָט דערשיינונגען און זאַכן פאַרוויקלט און פאַר־שטעלט, — איז ביסלעכווייז ביי אים צעשוואומען. באַוויזן האָט זיך דער סימבאָל, וואָס איז געווען, אַ פריער אַנדייט און נאָכדעם אויך געקראָגן מער קאָנקרעטן אויסדרוק — אידעאָלאָגיש און אידייאיש.

באַוויזן האָט זיך אויך אין לייוויקס שאַפן די אידישלעכע ליניע — סאָציאַל געזעטיקט און נאַציאָנאַל באַפאַרבן. די ליניע האָט געצויגן זיך ספּיראַל, פון נאָענט צו ווייט, פון ווייט צו נאָענט. זי האָט געגראָבן זיך אין טיף. „דער גולם" האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ דראָענדיקער סימבאָל. ער האָט פאַרמאָסטן זיך — מיטן כח פונם שם־המפורש — צו ברענגען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גאולה. אין ליכט פוןווירקלעכקייט, אין שיין פון צייט, האָט אָבער זיך אַנטפּלעקט די וועלט צעטרייסלט, און די גרויסע גאולה האָט פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ „גאולה־קאָמעדיע".

אין די דאָזיקע צוויי מיסטעריעס דערהויבט זיך לייוויק צו דער העכסטער נאַציאָנאַלער „אָריענטאַציע": צו דער וויזיע פון דער גאולה, און צו דעם צווייטן פּאָליוס — די ווירקלעכקייט, וואָס פאַר־וואַנדלט זי אין אַ קאָמעדיע; אָדער ריכטיקער — אין אַ טראַ־געדיע.

ג

ביי לייוויקן איז דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו, דער אידישלעכער — סיי אין די פּיעסן און סיי אין די לידער — נישט אָפּגעשלאָסן, נישט טראַדיציאָנעל, און אויך נישט שטאַרק פאַרוואָרצלט אין אי־

דישן באַדן און סביבה. קודם כל, נערט זיך ניט דאָס לשון מיטן פֿאָלקסטימלעכן וואָרט, ווערטל און אידיאָם. לייוויקס שפּראַך איז אַ ניי־וועלטלעכע, פּונקט ווי די אידייען — אוניווערסאַלע. אַ חוץ דעם, זענען ביי אים דאָס רוב פיגורן אין די פּיעסן, מער סכעמאַטיש־סימבאָליש, ווי רעאַל. דאָס וואָרט, די אידייע, דער מוסר השכל, דאָמינירן די קאָנקרעטקייט פון געשטאַלט און דעם קאָלאָריט און ממשותדיקייט פון שטייגער און סביבה. אויך אין די לידער אַנטפּלעקט זיך ניט אַזוי דער אידישער כאַראַקטער, אין די ספּעציפישע קנייטשן און שטריכן פון וואָרט און געדאַנק, ווי אין דעם דינאַמיש־אומרואיקן ריטם, וואָס באַוועגט זיי, אין דעם גראַנגל פון קורצן זשעסט און — באַריידעוודיקייט.

לייוויקס לידער זענען אַמאָל נישט דערזאָגט און אַמאָל איבערגעלאָדן. ס׳איז אַ נייער מין וואָרט, בילד און געדאַנקען־גאַנג, וואָס קענען אָבער אַזוי לייכט איבערגעגעבן ווערן אין יעדער שפּראַך; ווייל מער ווי אייגנטימלעך־נאַציאָנאַל, איז זיין ליד אויסגעברייטערט און פאַרטיפט — אוניווערסאַל.

ד

און פּאַרט איז לייוויק איינער פון די אָריגינעלסטע א י ד י ש ע דיכטער.

זיין נאַציאָנאַלע שליחות, דריקט זיך ניט אויס אין גלאָראַפּיצירן דאָס אידישע, נאָר אין באַלאַנסירן עס מיט דאָס מענטשלעכע. און נאָך מער — אין פאַרפיקסירן דערביי דאָס בילד פון אידישע ליידן. אָבער פאַר אים איז דעם אידנס קדוש־השם, אין אַלע מאָמענטן פון דער געשיכטע, אויך אַן אויסדרוק און אַ באַווייז פון קדוש־האדם.

די ביבלישע מאָטיוון, למשל, פון דער „עקדה״ און „סדום״ זענען ביי אים אַזוי פאַראַלגעמיינערט און אַקטואַליזירט, אַז זיי טוען זיך אויס לחלוטין פון דער געשיכטלעך־מיטאָלאָגישער אידישער קאָנצעפּציע און באַקומען אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן אויסטייטש; אַ טראַנספאָרמאַציע אין דער סאַמע נאָענטסטער ווירקלעכקייט.

לייוויקן איז דערצו באַשערט, צו לעבן אין אַ צייט, ווען דער גורל פון זיין פאָלק איז גורם, ער זאָל אַזוי ווייניק האָבן וואָס צו

זינגען אין אויפקום און אַזוי פיל — אין אומקום. זיין שליחות, אין דער צייט פון אַנטי־ראַסיזם, איז דווקא אָפּצוהיטן די תנועות און גורל פון ראַסע. זיין ראָל — ניט אויסצושפּאַנען זיך פון דער ווירק־לעכקייט, נאָר דורך איר צו העלפן שלעפּן די „אייביקע משא״, ביז אַ נאַציאָנאַלן און דערפאַר אויך אַלגעמיין־מענטשלעכן אויפקום. די לידער פון אומקום, די באַלאַדעס פון חורבן, ביז די סאַמע לעצטע לידער פונם נייעם חורבן, — דווקא זיי זענען, לידער, געוואָרן דער סימן פון לייוויקס נאַציאָנאַלער „אָריענטאַציע״. און דאָס זעלבע איז אויך מיט זיין קאָנקרעט־אָפּענער אידישער אָריענטאַציע, וואָס האָט איר אויסדרוק באַקומען, סיי אין זיין פּיעסע „דער פּאָעט ווערט בלינד״ — די טראַגעדיע פון דעם, וואָס שאַפט אין אידיש; און סיי אין זיין לעצטער פּיעסע „ווער איז ווער״? — די טראַגע־דיע פון דעם, וואָס אַנטלויפט פון זיך און באַהאַלט זיין אי־דישקייט.

ה

ביי לייוויקן ציט זיך דער אידיש־נאַציאָנאַלער מאָטיוו פון צוויי פּאַראַלעלע קוואַלן: דער ראַסיש־געשיכטלעכער קוואַל און דער קוואַל פון אידיש־מענטשלעכער געמיינזאַמקייט. די געשיכטע אונדזערע וואַריאירט זיך דאָ: דער שווערער וועג פון רעכטלאָזיקייט און ליידן — און דער וועג, וואָס פירט צום צוגעזאָגטן לאַנד פון רעכט און אויסלייז. די געטאָפּלטקייט פון משא: נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, און — דער בטחון און נחמה, אַז דער גואל אונדזערער, ו ו י אַ ל ע מ ע נ ס, איז שוין דאָ. און אויב ער וועט זיך זאַמען, אָבער קומען וועט ער.

אין די דאָזיקע מאָטיוון לייוויקס, קומען צום אויסדרוק די צוויי הויפּט־מאָמענטן אין לעבן פון זיין פאָלק: דער פּיינלעכער אויסגע־שריי פון מאַרטירערשאַפט—און די וויזיע פון גאולה. אין זיי פילט זיך און דריקט זיך אויס—דער גורל פון פאָלק און די תנועה פון ראַסע. זיי זענען אָנגעזאַפּט מיט ביטערניש, אָנגעגליט מיט אָנקלאַג, אָבער אויך דורכגעליכטיקט מיט חזיון פון דערלייזונג.

אַ מער קאָנקרעטע ליניע און אַ נאַציאָנאַלע מאָטיווירונג האָט דערפילט זיך מיטאַמאָל אין אַ פּאָר געציילטע לידער לייוויקס: „דער

פֿאַסטוך שאול״, „ביים כותל מערבי״ און דער עיקר אין דער האָפֿערדיקער סעריע עסייען וועגן נייעם ארץ־ישׂראל.

אָבער באַלד האָט אויפֿגעטרייסלט ס׳לעבן פֿון זיין פֿאָלק א נייער חורבן, — און ווידער האָט דערהערט זיך אין לייוויקס ליד דער אַלט־באַקאַנטער ניגון. אָבער שוין ניט אַ סאַטיריש לויב־געזאַנג צום חלף; אָבער שוין ניט קיין אומקום־לידער, אין וועלכע ס׳ווערט געשילדערט, ווי „דער טויט האָט זיך צעבליט אין אונדזער לאַנד״; און דער פֿיינלעך־הפֿקרדיקער אויסרוף: „ברידער מיינע, נעמט זיך האַנט אין האַנט, לאָמיר טאַנצן אין פֿאַרדרייטע קאַראַהאָדן!״, צי דער זאָג, וואָס פֿרירט מיט יאוש, אַז „איצט זענען מיר איין טשערעדע שאָף — — — און מיר ציען זיך צום הייליקן סוף״. — איצט זענען שוין די לידער זיינע נישט שפּיזיק, אומהיימלעך און קאַלט, נאָר אָנגעזאַפּט מיט אומעט און צער, וואָס טאַנצט ניט אין פֿאַרדרייטן קאַראַהאָד, נאָר וויינט אַרויס פֿון מידע טריט, וואָס חלשן אָן אָפּרו... די אומקום־לידער — דאָס געשריי פֿון בוים וואָס ווערט געזעגט. די לידער פֿון דעם לעצטן חורבן — דער שאָרך פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער, וואָס גייען אויס אין לעצטע פֿאַרבן, בעת דער בוים אַליין איז גאַנץ...

בלויז דאָס בילד פֿון עקזעקוציע, שרייט נאָך אויך, ווי אין די פֿריערדיקע לידער, מיט די רויטסטע פֿאַרבן. סאַראַ מוראדיק בילד און ווי גליענדיק און שאַרף ס׳איז יעדער שטריך: „אַזוי־אָ פֿירט מען א־ם מיין זון, דורך רייען צוויי פֿון קנוטן״. די זון פֿאַרגייט אין מערב־זייט אין סוואַסטיקאַ־סאַלוטן. די קנוטן שמעטערן זיין קאָפּ. ער לאָזט זיך צו דער ערד אַראָפּ. און פּלוצלונג שטרעקט ער אויס די הענט צו איינעם פֿון די קנוטער: „דער לעצטער שטראַל פֿון טאָג ד׳ערברענט אויף אונדזער ביידנס מוטער״. דער קנוטער גיט אויף אים אַ שפּרונג: „איך וועל דיר אויסשניידן די צונג, אויב דו׳סט עס זאָגן ווידער!״ די פּויקן קלאַפּן: „הייל און זיג!״, רופֿן בלוט און העצן. נאָר ס׳וואָרט פֿון דעם געפּייניקטן דערמאָנט דעם קנוטער ווידער: „די מוטער זיצט ביי אונדזער וויג אין אָוונטשיין אין לעצטן״. דער קנוטער טוט אַ צווייטן שפּרונג און טוט זיין בלוטיק רעכט: אין האַנט ביי אים — דעם ברודערס צונג... דער קנוטער לויפֿט אַרום אין אַלע גאַסן, לויפֿט אַרום און וואָיעט. — „די

מוטער זיצט אין לעצטן שיין און וויגט אַ טויטן וואָגן״. — די כראָניק פון דער צייט, פון לעצטן שבלעצטן טאָג, — האָט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ באַלאַדע. ס׳איז לייוויקס נייער נוסח פון באַ־לאַדע: די ווירקלעכקייט דאָמינירט די פאַנטאַסטיק, און בולט איז דערביי דער א י ד י ש ע ר עלעמענט: דער געפייניקטער טויט אויך זיין רעכט — וואַרפט אַריבער איבערן תהום פון שלעכטס אַ מוטער־בריק צום מענטשן.

ד

אויף אַן אַנדער אופן אַנטפּלעקט זיך דער אידישלעכער מאָ־טיוו אין לייוויקס סאַמע לעצטע לידער. די ביבלישע פיגור און גע־שעעניש, דינט דאָ פאַר אַן אַסאָציאַטיוון מיטל, כדי צו סימבאָלי־זירן דעם גייסט און מאַטעריע פון דער צייט, ווי אויך די שטימונג וואָס וואַרצלט אין דעם דיכטערס דערקענטעניש.

„דאָס געוויין פון איוב״ דערציילט, ווי די וועלט:ביימער, גראָזן, שטיינער, שטיבלעך מיט טרעפּ און דעכער זענען איינגע־דעקט אין שניי, גיבן זיך אַוועק צום שניי — און עס טוט זיי גאָר־ניט וויי. און ווי זעט אויס דער איוב־מענטש מיט זיין אָפן האַרץ, אַנגעצונדענע הענט און געשריי? — דאָס גראָז, דער בוים, וואָס ווערן צוגעדעקט פון שניי און אויך דער וויטערער שניי, וואָס באַ־דעקט זיי, לאַכן אָפּ פון מענטש, וואָס זיין לייב טוט אים שטענדיק וויי. די וועלט איז ווייס, דער שניי איז גלאַט, — און ס׳טוט אים גאָרנישט וויי — נישט דעם מענטשנס געבעט און נישט זיין געשריי.

ס׳איז ניט קיין איובשע תרעומות, וואָס מאָנט גערעכטיקייט; ס׳איז איובשע געוויין, אויף דער אומבאַהאָלפנקייט פון מענטשן, וועלכער איז געשטראָפט מיט לייב, וואָס טוט אַלץ וויי און מיט אַן אָפן האַרץ, אַנגעצונדענע הענט און געשריי. און ס׳איז אויך דאָס געוויין, וואָס אַלעגאָריש ווייזט עס אָן, אויף וועלט, וואָס איז פאַר־דעקט אין שניי און פילט ניט איוב־מענטשנס ווייטיק און הערט ניט זיין געשריי.

„מאַי — און ס׳וואָלט געדאַרפט זיין פרילינג״, — איז אַ ליד, וואָס טראָגט אַריבער דעם ביבלישן מאָטיוו פון נחס תבה אין דער

נייער צייט. אַן אָוונט אין די קעטסקיל־בערג. אַ שניי קומט אָן, ווי אומגעריכט, און נעמט זיך ווירבלען אין אַ זאַוואַרוכע... (אין מאַי — אַ זאַוואַרוכע!) די וועלט איז שוין פאַרטרונקען. די וועלט — איין הויז, איין שוועל, איין פענצטער. „דאָס הויז זעט אויס ווי אַ פאַרגעסן תבה, וואָס איז געבליבן שטעקן אין דער מיט פון אַ פאַר־פראַרענעם מבול. און איך זע אויס — ווי איינער פון אַלע וויד־מונגען און באַשעפענישן, וועמען נח האָט אַריינגענומען אין דער תבה פאַר איבערבלייב און פאַר המשך". אָבער „נח מיט זיין ווייב און קינדער זענען אַנטלאָפן; און איבערגעלאָזט מיך איינעם אַליין צווישן אַלע ווידמונגען און באַשעפענישן, וואָס גייען אויס פון הונ־גער, דאָרשט און קעלט". נח איז אַ פרומער גאָטפאַרכטיקער מאַן, אַזוי אויך נחס פרוי און קינדער. זיי האָבן אַלע געשאָקלט מיט די קעפּ און באַדויערט דעם אומגליק, וואָס געטראָפן האָט מיט זיי, מיט אַלע באַשעפענישן און מיט מיר; זיי האָבן פאַרגאָסן טרערן און — איבערגעלאָזט די תבה און מיך און באַצייטנס אַנט־לאָפן. זיי האָבן אויך צוגענומען מיט זיך דאָס לעצטע ביסל שפּייז, כדי זיך אונטערצולענען זייער ווייך האַרץ אויפן וועג פון אַנטרי־נונג. וואָרום ניט נאָר אַ גאָטספאַרכטיקער נאָר אויך אַ באַרמ־הערציקער מאַן איז נח, און אויך זיין ווייב און קינדער. זיץ איך אין פאַרגעסענער תבה, צווישן אָפּגעקילטע גופן פון ווידמונגען און באַשעפענישן און ראַנגל זיך אין לעצטן געראַנגל, כדי מקיים זיין דאָס געבאָט פון איבערבלייב און המשך.

ס׳איז שוין ניט דאָס פיינלעך־הנאהדיקע שילדערן, ווי קאַלירנ־דיק עס איז דער טויט, דער א ו נ ד ז ע ר י ק ע ר, אין די „אומקום־לידער". עס איז שוין שטילערע און פשוטערע רייד, הגם געווירצטע מיט איראָניע, וואָס דערציילן פונם חורבן פון דער גאַנ־צער וועלט, פון אַ מבול, וואָס פאַרטרונקען האָט די וועלט, און אַ תבה, וואָס געבליבן אין דער מיט, ווי אַן אויסגעלאָשן לעבן... דער ביבליש אידישלעכער מאָטיוו — גראָטעסק־איראָניש אַנגעווענדט — טרעט אַרויס דאָ ווי אַ משל אויף — צייט און מענטש.

„אַזוי טוט קין תפילה" — איז אַ ליד, אין וועלכן ס׳מיניען איידעלע איראָניע און שאַרפע סאַטירע. קין, מיט אַ קול פון אַ זיסער פלייט, טוט תפילה צו גאָט: סטייטש, ער, קין, רופט צו

אים מיט אַ דינעם קול — און ער ענטפערט אים גראָב און מיט שטורעם. וואָס קומט עס אים? ס'איז טאַקע אמת, אַז הבל איז היינט שוין ניט מער דער יחסן־קרבן, — שוין נאָך צענדליקער זעגען אונ־טער זיין, קינס, פויסט געשטאָרבן. אָבער די פויסט איז דאָך קליין און די פינגער — אַזוי איידל און זויבער; און וואָס איז ער שולדיק, אַז פון זיך אַליין שפּרייט זיך איבער דער וועלט זיין צוי־בער? — אַ שאָד, ווען דער טאַטע אדם און די מאַמע חוה וואָלטן היינט דאָ געווען, וואָלטן זיי אויך געטאַנצט פאַר ליבשאַפט. און אפילו הבל וואָלט אים ליב געהאַט און וואָלט געוויס געבענטשט זיין רציחה־טאַט, ער זאָל גראָבן פאַר אים ווידער אַ קבר... און ער, קין, וואָלט געוויס לאַנג ניט געטראַכט — און ווידער אים פאַר־פייניקט. ער וואָלט אויסגעפירט זיין ברודער־פאַרלאַנג אויס פליכט — ניט, חלילה, אויס תענוג... צי האָט ער דען נוץ פון בלוט און מאָרד? — איז דאָך ניט טועם אַפילו פון רינדער. דערום טוט ער תפילה צו גאָט און בעט ביי אים: „איך וויל זיין שלאַנק, איך וויל זיין שיין — און רוף מיך ניט גאָרילע"...

ווידער איז דאָ דער ביבלישער מאָטיוו אַ פּרעטעקסט, אויפצור־דעקן — צייט און מענטש. אמת, דאָ רעדט נאָך ניט דער הייזע־ריק־גראָבער קין — דער שפּעטערדיקער, דער מגושמדיק־וואולגאָ־רער, דער מיט דער גרויסער פאַרבלוטיקטער פויסט, — דערווייל איז נאָך דער קין, מיט דער שטים פון אַ פּלייט, מיט דער קליינער פויסט און וועלכער פירט אויס דעם מאָרד „אויס פליכט, ניט, חלילה, פאַר תענוג"...

שפּעטער־צו גייט שוין די סדרה: „אידן פאָרן קיין דאַכאַו". די דאָזיקע סדרה האָט שוין ניט דעם „ביבלישן" חן. דער פיינט איז שוין ניט דער קין מיטן קול פון זיסער פּלייט. עס איז שוין „דער פיינט שילט, דער וואָלף בייסט". — און באַלד דערהערט זיך מיטאַמאָל דער אַלט־באַקאַנטער ניגון פון די „אומקום־לידער" — דער אויפשפּיל פון „אַ פריילעכס", דאָס טאַנצן און דאָס האָפּקען ביז דער סטעליע. עס איז די בדחניש־גראָטעסקע באַלאַדע „די קאַ־פּעליע", אין וועלכער „בערל שפּילט אויפן פידל, שמערל — אויפן באַס; און אידל — גראָבט מיט א רידל קברים אויפן מיטן גאַס"...

אָבער צו די „אומקום־לידער" בכלל איז שוין קיין צוריקקער ניטאָ. און אפשר אויך ניט — קיין באַרעכטיקונג. דער דיכטער האָט געטראַכט שוין אין די „לידער פון גן־עדן" אין „ווייסע, דורכ־זיכטיקע ווערטער". אָבער וואָס איז די פּעולה? ער גייט ווידער — ער מוז דאָך גיין — דורך אַלט געטראָטענע ערטער און ס'פּאַלט אויף אים אַ רויט־געדיכטער שטויב. דער דיכטער איז מיד. ער בויגט זיך צו דער ערד אין דרייען. נאָר טראָגן שטיל די משא—די אייביקע משא—איז אים ניט באַשערט: „אַ חרפּה, מיינע ווערטער הויבן אָן צו שרייען; און כ'וואָלט דערפאַר געשלאָגן זיך אין באַק". און וואָס קען טאָן דער דיכטער פון אַ פאָלק אַזאַ און פון אַ צייט אַזאַ? און וואָס קען ער העלפן, אַז ער זאָל אפילו אויפרייסן דאָס וואָרט — „אז גאָט אפילו קען ניט שטאַרבן מיט אַ טויט אַ שיי־נעם — איז מיר אוודאי יעדע ברירה שוין פאַרשפּאַרט"...

ז

ביי לייוויקן איז בכן די אידיש־נאַציאָנאַלע ליניע נישט קיין אָפן־דירעקטע און אַ ציל־געווענדטע. ביי אים איז דער אידישער מאָטיוו, ניט אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין זיין ספּעציפיק, ווי דווקא פאַרקערט, אין דער עקסטענסיווקייט, אין דער וויטלויפיקייט, אין די געמיינזאַמע באַריר־פּונקטן פון דעם אַידישן און אַלמענטשלעכן. דער אָפנויג צו דער אידישער טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק, פּילט זיך נאָר, ווען עס קומט צו אַ אידישער טראַגישער דערשייַנונג, אָדער אַ געשעעניש. אין דעם, ווייזט זיך באַזונדערס אַרויס זיין עמאָציאָנעלער כח; און אין דעם — אויך זיין געוואַגטקייט, אָנ־צוצייכענען פון „אונדז" און „זיי" — אַ גרענעץ.

די גאולה־וויזיע, איז אין לייוויקס שאַפן — צו וועלט און מענטש — די בריק. די אידישע טראַגעדיע — זייער אָפּט — דער תהום און אויך — די גרענעץ.

א. לוצקי

ער איז אַזוי און — נישט אַזוי.

אַזוי — הייסט: פֿאַרדייען אַנדערע השפּעות; און ניט אַזוי — אויסוואַקסן אַנדערש.

אַזוי — הייסט: אַרויסוואַקסן פֿון זיך אַליין; ניט אַזוי — אַריבערוואַקסן זיך אַליין.

אַזוי — הייסט: בראשית פֿון אָנהויב; ניט אַזוי — בראשית פֿון מיטן.

פֿון וועלכן אָנהויב איז ער? פֿון וועלכן מיטן?

פֿאַרוואָס איז ער אַזוי — נישט אַזוי?

וועלן מיר זאָגן, אַז די נײַ־אידישע פּאָעזיע איז איינע פֿון אונדזערע זיבן וואונדער, איז ער — אַן איידלשטיין אין קרוין פֿון דעם וואונדער. וועלן מיר זאָגן, אַז מיר אַלס אַ פֿאָלק, זענען אַ רעטעניש, איז ער, אונדזער דיכטער, אַ רעטעניש — אַ פֿאַרהאַקטער שלאָס.

און ס'איז שווער, זייער שווער צוצופּאַסן פֿאַר אים אַ שליסל.

און ס'איז שווער צו דערגרונטעווען — ווי אַזוי ער איז געקומען אַזוי — צום נישט אַזוי.

איז ער געקומען פֿון פֿאַבל? — די פֿאַבל איז דאָך צוגעשפּיצט אָדער אויסגעפֿלאַכט מיט אַ מוסר־השכל. האָט ער אפשר די צוגעשפּיצטקייט, אָבער נישט די פֿאַרט־דערזאָגטקייט און די אויסגעמיינטקייט פֿון דער פֿאַבל. ער איז צו „שטיפעריש" — פֿאַר דער אַלעגאָריע; צופֿיל קינסטלער — צו זיין דידאַקטיש. איז ער דאָך דער אַזוי און ניט אַזוי אין דער פּאָעזיע. אַזוי — די טויטע וועלט צו מאַכן ריידן, אין פֿלוג זי מאַכן פֿאַבלהאַפֿט; און ניט אַזוי — פֿאַרטיפֿן יעדן פּרט ביז סאַמע סימבאָל; אַ וואונק, אַ רמז און אַ סוד — וואָס איז געזאָגט און אַלץ נאָך ניט פֿאַרענטפֿערט. אַזוי — איז ער אין אימפּעט, זשעסט און תנועה — אידישלעך, ווען „אַלע ביינער טוען ריידן"; און ניט אַזוי — זיך שפּילן ווי די קינדער מיט אַ צאַצקע, און ווי אַ קינד נאָר אָנטאַפּן אָט־דאָס, וואָס עס זעט,

צעגלידערן עס און צענעמען. אָדער ווי אַ געצנדינער, וואָס האַקט אויס אַליין דעם אָפּגאָט, וואָס דאַרף אים שיצן, אָדער שרעקן...

צעגלידערט ער די קלענסטע זאַך ביז — די מעשה בראשית. האָט ביי אים אַ שטיינדעלע דאָס פּנים פון אַ מענטש, אַ מענטשע־לע פון איידער־איידער. און דער ניט־אַזוי — די רעלאַטיוון — וואו די טיפסטע טיף — איז פלאַך, און די ווייטסטע ווייט — איז נאָ־ענט אַרום זיך.

איז ביי אים אפילו אויך דער רעלאַטיוו — נישט קיין מעטאַ־פיזישע קאַטעגאָריע, דעפאָרמירונג, אָדער סכעמע, נאָר אין דינער, קוים באַמערקבאַרער געדאַנקען־ראַם — שאַרפע שטריכן פון אַ בילד, ווען אפילו „רויך פון גאַלע גאָרנישט — האָט אַ פּנים מיט אַ פלייצע".

איז דאָס מער ווי אַלעגאָריע. און אַ ספערע גאָר אַן אַנדערע — ווי פאַבל.

איז ער געקומען פונם פאָלקס־ליד ? — זיינע ערשטע לידער האָבן פאַרמאָגט צו דעם אַן אַנדייט. „אונדזערע אידישע טעכטער — אַ לעבן אויף זיי". אָבער באַלד האָט ער פאַרקערעוועט זיך אויף אַן אַנדער וועג. דער פרימיטיוו־נאַאיווער סענטימענט, האָט זיך אויפגעלייזט אינגאַנצן, און דער פאָלקס־טאָן פילט זיך בלויז אין בויג פון שפּראַך, אין קנייטש פון וואָרט, אין דורכפלעכט פונם ווערטל און אידיאָם.

זיין עצם ליד — אַ היפוך. דאָס פאָלקס־ליד איז באַריידעוו־דיק, צעגאָסן און צעפלאָסן. דאָס לוצקי־ליד — געפרעסט, געזוי־בערט און געלייטערט. דאָס פאָלקס־ליד — אַ יאָדער אין אַ האַרטן שאָלעכץ און אַרומגעהאַנגען מיט אַ קאָלטעניש פון ווילדע צוויטן; דאָס לוצקי ליד — אַ פּרוכט, וואָס אויסגעצייטיקט, ביז אַ פאַל צו טאָן צו דר׳ערד; אָדער גאָר אַ סטייע קליינע פרוכטן ווינקען ממזריש פון צווייג און בלאַט...

האָט זיך זיין אָריגינאַליטעט אויסגעפאָרמירט אויך דורך וואוילגעלערנטקייט ? — פון וועלכער ? סיי די עלעמענטן פון זיין דיכטונג און סיי דער אופן ווי עס ווערט באַהאַנדלט און דורכגע־פירט, באַווייזט אַ גרויסן אינטואיטיוון באַנעם אין פאַרשיידענע

ספערן פון אידישער און אַלגעמיינער גייסטיקייט; — אָבער קיין שום דירעקטער אָנהאַלט אין אַן עקזאַקטן געביט; אָנדייט און אָנונג, — אָבער ניט קיין באַהאַוונטקייט און נישט קיין אָרגאַנישער אַרויסשפּראָץ.

זיין יניקה איז ניט, לאָמיר זאָגן, פון דער הלכה, און נישט פון דער אגדה, און אויך נישט פון דעם מוסר־ספר. פאַר הלכה — איז ער צו עלאַסטיש. די אגדה — נישט צוגעגלעך צו אים מיט איר ספּעציפיש אידישן מיטאָס. און דער מוסר־ספר, — איז גאָר פאַר אים אַ גרענעץ צו הנאה און אויסדרוק פון שפּיל און פּלאַסטיק.

נאָענטער איז ער שוין צו דער קבלה און חסידות. נישט צו דער אַרכאַאיש־פאָרמוליסטישער, אויך ניט צו דער נעאָ־סטיליזירטער, — וואו דאָס נייע וואָרט איז פרעמד אַריינגעקלעפּט אין אַלטע אויסגעפורעמטע באַגריפן, — נאָר צו דער קאַבאַליסטיק פונם קינסטלערישן וואָרט, פון „ספירות” און „צירופים”, וואו דער פשט איז גאָר ניט פשוט — איז אַ רמז און אַ סוד, און אַ נישט גאָר דערזאָגטקייט... און צו די חסידות — וואָס איז נישט קיין שטרויענע סטראַשידלע פאַר דעם „משכיל”, אָדער גוזמאַדיקע אידעאַליזאַציע פאַר דעם ניי־ראָמאַנטיקער, נאָר „אַ מוראדיקע פרייד אויף די ליכטיקע לאָמפּן, אויף די פינצטערע פענצטער”; וואו דער רבי און די חסידים זענען, נישט אַזוי אידיליש אויסגעחלומט, ווי אַרויסגעהויבן פון דעם עצם לעבן אינם גוף און אין נשמה; און גייסט — נישט אויסגעטאָן פון חמר; און גוף, ווי איידל זאָל ניט זיין — איז גוף, נישט אויסגעטאָן פון אייגענער הויט; און נשמה איז ניט קיין ערטלאית, אַ זינדיקע און נאַקעטע, וואָס שוועבט אום אַליין, — איינס איז פאַרקניפּט אין דאָס אַנדערע, דאָס בילד צונויפגעלעבט מיט זיין סימבאָל: „פּלייצעס. אויגן. היטלען. גאַרנדיקע אויגן: אוי, פרנסה און עפּעס נאָך”.

דער „עפּעס נאָך” וויברירט אגב אין אַלע זיינע לידער, אפילו די מער פונאַנדערגעוואַקסענע, וואו איטלעכע שורה איז אַ פּסוק, מיט אַ באַזונדערן זשעסט און אַן אַנדער וואונק.

קומען מיר צום ענין־השפעה פון אַן אַנדער ווינקל — איז נאָך אַ גרעסערער וואונדער. פון וועלכע פאַרגייער האָט ער געצויגן

חיונה פאַר זיין ווערן אויסגעשטאַלטיקט און אויסגעצייטיקט ? — איז דאָך ניט קיין סוד, אַז אפילו גרויסע דיכטער האָבן אייגע פון די אַנדערע געירשנט ווערטן, געצויגן שטאָף פאַר זייער דיכטערישן „אָרגאַניזם", און דער פרעמדער שטאָף איז ביי זיי בהדרגהדיק אַסי־מילירט געוואָרן, ביז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דורכאויס אייגנס. און וואָס דער סטימול זאָל ניט זיין: די גרויסע קאָלעק־טיווע שאַפונג — ביבל, די פּערסישע חכמים, כינעזישע ליריקער, לאַטייבישע און גריכישע קלאַסיקער, צי די דיכטער פון דער בייער צייט, — גרויס געווען איז די השפעה, פון דעם איינעם אויף דעם צווייטן, אי אַלס מוסטער, אי אַלס ווירקנדיקער כח.

וויל מען זוכן אָבער די סימנים פון השפעה אויף דעם דיכטער לוצקי, ווייס מען ניט פון וואַנען ס'שפּינען זיך די פעדים. ער איז אין דער יונגער אידישער פּאָעזיע גאָר אַ מאָדנע און באַזונדערע דערשיינונג. נישט ווייל ער איז אַ „האָמאָ נאָוואוס", אָדער אויסער צייט און שטח, — דווקא איז ער אויסדרוק פון אַ באַשטימטער צייט און שטח, — נאָר ווייל שפּורן פון קיין איינציקער „השפּעה" איז ביי אים ניט צו געפינען; ווי זיין „בראשית" וואָלט ביי אים זיך אָנגעהויבן, ווי ער זאָגט — אין מיטן.

ער איז ווי די פלאַנץ, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויף אַ פעלד און קיינער ווייס ניט ווי זי קומט דאָרט, נאָר אַלע קוויקן זיך מיט איר צעוואַקסנקייט און אויסטערלישער שיינקייט.

און דאָך זענען אין אים פאַראַנען עלעמענטן, סיי פון פאַבל, סיי פון פאָלקסטימלעכן שטייגער; דער שאַרפזין און די פשטל־דיקייט פונם למדן און דער אויסגעטאָקטער משל פון דעם בעל־מוסר; די דיסציפּלין פון בעל־הלכה און די פאַרדבקהטקייט, התלהבות און נשמהדיקייט פון חסיד; אויסגעלייטערטער ליריזם, און די מעטאַפיזיק פון דער פילאָזאָפיע; דער אַפאָריזמדיקער עקס־פּראָמט, און דער קלוגער, וואַרעמער הומאָר; אידישלעכער נוסח און וועלטלעך־ראַפינירטע פאָרם.

ער איז אַזוי און — ניט אַזוי.

דאַכט זיך — ער איז גרימאַסע, גראָטעסקער **אָ ב ש ט ע ל**, און באַלד — באַזינטער ערנסט און גרויסער **א י י ב ש ט ע ל**.

דאַכט זיך — ווערטער־ווערטלדיקע אַקראָבאַטיק, — און באַלד

פאַעטישע אחריות, וואָס היט דאָס מינדסטע וואָרט, ס'זאָל ניט אַרויס פון קינסטלערישן גבול.

דאַכט זיך — שפּיל און חנדל און קליגלעריי, און באַלד — חכמה, חן און דבקות.

דער טייטש פון דבקות איז — באַהעפטונג און עקסטאַז. ער איז באַהעפט מיט אַלץ און אויסגעטאָן פון זיך. אויסגעטאָנקייט פון זיך, דערנענטערט אים צו מינדסטע, קלענסטע זאַכן.

ער טייטלט ווייניקער ווי אַנדערע אויף „איך". טיידן ער וויל צאָלן צינז צו דעם נאַיוון מאַניר. טיידן ער וויל אַמאָל אָפּווייכן מיט „איך" פון זיך אַליין. דאַן ווערט דער „איך" אַ דיקטאַפאָן פון קלאַנג, וואָס קלינגט אַריין אין פּוסטקייט: „איך וועל אויפבליען, איך וועל אויפגליען, איך וועל זויבערן, איך וועל זילבערן".

דערפאַר געלינגט אים אַנצוטאַפּן דעם „איך" אפילו ביי זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין קערפּער און קיין צורה.

ער טראַנספּאָנירט די קלענסטע זאַכן, און די נישט ממשות־דיקע, און די דוממדיקסטע — אין לעבעדיקע בילדער. כאַפּט ער אויף ווי „אַ ווינט און אַ רעגן באַפאַלן אַ מיידל — אויף אַ בלע־כענער שילד". און ווי „אַ ווייסע באָרד וויל אַנטלויפן פון אַן אַלטן אידן אין ווינטיקן דרויסן". און „ווי דאָס היטל אויף זיין קאָפּ קייכט פון געלעכטער אין זיין רעכטן אויער אַריין" און ווי „אַ פּאַפּיר וויל באַגיין זעלבסמאָרד".

און ער זעט און ער הערט „וואָס פּעניס דערציילן" און „דאָס לעבן פון געלט" און „אַ ווינט וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין צימער און גענומען זיך זוכן אין שפּיגל". צוויי פּאַפּירן האָבן ביי אים אַ ראַנדעוואו. און „ פּאַרהייראַטער קנעפּל טראַכט: אַרום און אַרום איז קיינעם נישט גוט". און אַ „זייגערל", וואָס איז ביי אים אַ קיילעכדיק געשעפט, פון צוועלף ציפערן, מיט אַ שוי־פענצ־טער פון פּאָרנט; און די דריי ווייזערלעך — „דריי גאַרישע סוחרים, וואָס פּאַרדרייען זיך די קעפּ, און די יאָרן, אַרום געשעפטן, וואָס ברענגען גאָר — נישט — אַריין". און דאָס אויסטערלישע בילד, ווי „אַ שטרוי האָט זיך אָנגעצונדן". און ווי „אַ פּאָדים, לאַנג ווי אַ שלענגעלע, האָט זיך אַרומגעכאַפּט פאַר ביידע עקן און ווי א רע־דעלע געלאָפן איבער דער לענג אויפן טראָטואַר, אין שרעק פאַר אַ

שטורם״. און „אומרואיקע פלעקן יאָגן זיך מיט אָפענע מיילער אי־בער דער וועלט און ווילן איר איינשלינגען״. און ער זעט אפילו „אַ חיה פון קלאַנגען״, און „אַ לויה ביי ביימער״ און „אַ שיינע מאָר־מאָרגנע מויד טאַנצט אויף אַ גאָלדענער טאָץ אין אַ פאַרק, אין אַ זוניקן טאָג״. און די טויטע זאַכן אין די קאָכנדיקע טעפּ, באַקומען דורך אים פנימער, געשטאַלטן און דעם ריטם און קאָכעניש פון לעבעדיקן לעבן; און „הייזער״, און „שטיינער״ און „טאָלן״ און „באַנען״ און „ביימער״ און „אינסטרומענטן פון אָרקעסטר״. —

ער איז דער גרעסטער פערזאָניפיקאַטאָר. דער פסיכאָלאָג פון טויטע זאַכן. ער דערפילט דעם דופק ביי שטיינער; דער זעט דעם פנים ביים ווינט. דאָס אומזעבאַרע—ווערט דורך אים אַנטפּלעקט—און ניט בלויז דורך די פינף באַשטימטע חושים — נאָר דער עיקר, דורך אַ חוש, וואָס דאָמינירט ביי אים און — האָט נאָך ניט קיין נאָמען.

* * *

דער דאָזיקער עמאָציאָנעלער חוש, פון אויפנעמען טויטע און אומזעבאַרע זאַכן און געבן זיי וויזועלע פאָרם און אויסדרוק, גע־שטאַלט און אַקציע, איז ביי אים אַקומילירט ביז פענאָמענאַלקייט. דאָס פאָבלהאַפטע ליגט נאָר אין דער ספערע פון אָביעקטן, אָבער דער אַנווענד און דורכפיר איז תמיד עקספרעסיוו־מעטאַפאָריש. דער מוסר־השכל, אויב אפילו ער איז דאָ, איז בלויז אַ ביי־זאַך, וואָס גיט אַן איידעלע באַפאַרבונג, נאָר מינערט ניט די שיינקייט פון דער סצענע און די סובלימאַציע פונם בילד. די אויסטערלישע סצענע מיט דער בוימעכע: „אַ פאַרבענקטער באַרג האָט אַריינגעכאַפּט אַ בוי־מעכע ביז אין בויך. שטייט זי אַ דערשראָקענע מיט ציטעריקע הענט און וויל זיך ראַטעווען אַן הימל. ליגט דער הימל אַן אומגע־לומפּערטער מיט אַן אויפגעפלאַמטן פנים, און ער מיט־זיך כלומרשט מיט אַלע כחות אַרויסצושלעפּן די אומגליקלעכע, מיט זיינע לאַנגע שטראַלנדיקע הענט... און ווינקט צום באַרג מיט אַן אויגל״... ס׳איז ניט קיין ליד און ניט קיין פּראָזע. פאַר ליד איז דאָס צו „פּראָסט״ און צו דערציילעריש, אָן ליד־מעטריק און גראַם; פאַר פּראָזע — נישט דערגאַנצט און אַנפּאַבולאַר. — נאָר ס׳איז אַ סצענע, וואָס

איז לעבעדיק אַרויסגעשפּילט מיט אייגנאַרטיקן הומאָר, — אַ בילד, וואו איטלעכער שטריך איז איבערצייגנדיק־ערלעך. ווי שטיפעריש עס זאָל ניט אומשפּרינגען אַ פּלעק, ווי גראַטעסק עס זאָל ניט זיין דאָס ווינקען פון דעם הימל צום באַרג מיט אַן אויגל, — דאָמינירט די בילדערישע שיינקייט פונם קור־צן, קנאַפּן ליד. ווייל ווער עס זעט, ווי אַ בוימעכע „שטייט אַ דערשראָקענע מיט צעשריגענע הענט און וויל זיך ראַטעווען אַן הימל" — איבערצייגט פיל מער ווי שטיפן, בריהה'ן זיך און שפּילן זיך אָפּט מיט אַ וואָרט...

שטיפעריי, בריהשאַפט און וואָרט־שפּיל זענען אָבער פאָרט די אַקצעסואַרן, וואָס פאַרפוצן זיין ליד־בילד. ס'איז ניט קיין וואויל־יונגעריש שטיפן, פון אָפּטאָן „שפּיצלעך", פון אָפּלאַכן, אָדער אָמ־ווייניקסטן וואַרפן שטיינדלעך פאַר לאַנגווייל, — ס'איז וואַרפן שטיינדלעך אויף אַ וואַסער־פלאַך: דער שוואונג פון שטיינדל, דער פליעסק אין וואַסער, דער זיפץ און מורמל פון אויפגעוועקטן וואַ־סער, דאָס בלעזלען און דאָס קרייזן זיך פון וואַסער־רינגען, — זע־נען גאַמעס אין דער שטיפעריי. אַ מחיה איז אַ שטיפעריי, וואָס שפּילט זיך מיט די איינדרוקן און בילדער מיט אַזוי פיל שעפערי־שער הנאה, אַז מען קען אַזש אָנטאַפּן די פרייד, דעם אימפעט און דאָס קוויקן זיך פון דעם „פאָרן אין באַן". אַ מחיה, נישט בלויז אין דער בלויזער שטיפעריי פון יאָגן־זיך און שלינגען ווייט־קייט, פון דרייען זיך אין ריטמישדיקן טאַנץ, — נאָר טאַקע „הערן די פענצטערלעך פּלאַפּלען", און זען „אַן איינזאַמע ראָד אויף אַ מיל פאַרדרייט זיך איר קאָפּ מיט אַ ווינט", „אַ נאַרעשע קו אין אַ טייכל קושט זיך אַליין אין דעם שפּיגל", „אַ בוימעכע כאַפּט זיך אַרויס און דרייט זיך מיט אימפעט צום טאָל", „אַ ריזיקער בוים אין דער מיט האַלט זיינע הענט אין דער הויך און שאַרט זיך צו איר מיטן בויך" — אַ שטיפעריי, וואָס האָט אַזוי פיל צייט צו האָרכן און באַמערקן און האָט געדולד זיך איינצושפּאַנען אין דעם איינדרוק. — איז נישט קיין סתם־אַזוי, צוליב דעם בלויזן שטיפן, — נאָר טאָלק און זין און תכלית. דער טאָלק פון איינצאַמען די לייכטע, שפּילעוודיקע ווערטער, אַז זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן; דער זין — פון איינקניפּן די זיך־בייטנדיקע אימפּרעסיעס אין אַ גאַנצ־קייט; דער תכלית — פון אַרויסרופן עסטעטישע הנאה.

דאָס בריהן זיך, איז אָפט ביי אים נאָר ק ו נ ץ - ש ט י ק און אָפט דערגרייכט עס אויך ביז ק ו נ ס ט - ש ט י ק. די קונץ־שטיק פילט זיך אין דער אַנעקדאָטישקייט און פיקאַנטקייט פון דער סצענע: „אַ ווילדער ווינט — האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ יונגער מיידל אויף אַ בלעכענער שילד פאַר אַ שניידערס הויז. וויל אַ רעגן איר פאַרטומלען. רייסט זי זיך פון זיי מיט גוואַלטן און שרייט מיט קוויטשיקע קָוֹלות: שניידער! נעם מיך אַריין!״ — אין דעם אָפּטישן עפעקט פון פונאַנדערגעצויגענע אותיות: „ליגט אַ יונגע פאַפּירענע הינטער אַ פּלויט און גלעט זיך שטייף מיט אירע ברעגן און צי־י־י־י־טערט״. אין דעם אויסשטעלן איינע נאָך די אַנדערע די זעלבע קאָנסאָנאַנטן צי וואָקאַלן, וואָס זאָלן איבער־געבן דאָס לשון פון בילד און שטימונג: „יאָגט זיך אַן דער פאַפּיר אויף איר און שורשעט איר אַריין: ששש!... שאַ, שאַ, שאַ! שעהן, שעהן!.. ששש! ששש!״

נאָר גאָר אָפט איז דאָס אויך אַ בריה׳ן זיך פון גרויסע, טיפע קונסט־שטיק, ווי די אימפּראָוויזאַציעס (אַ חתונה, ביים רבינס טיש, טעפּ, די קאַפּעליע א.א.) וואָס איין גאָט אין הימל ווייס, פאַרוואָס מען רופט זיי אַן אימפּראָוויזאַציעס, ווען זיי זענען גאַנצע קונסט־ווערק.

אימפּראָוויזאַציע וואַקסט אַרויס אַן הכנה — אָבער די לוצקי־סצענע איז אויסגעטראָגן, דורכגעוואָרעמט און פאַרטיפט. אימפּראָ־וויזאַציע — קען אַמאָל זיין אויך בדחנות, אויף דער גרענעץ פון קונסט, — און דאָס פאַרמאָגט, הגם אַ אינסצענירטקייט, אַ בריה־דיקע צוגעפּוצטקייט, — אָבער אַלע סובסטאַנטיווע עלעמענטן פון פאַרגאַנצטער און פאַרטיפטער שאַפונג.

זיין וואָרט־שפּיל איז גראַציעז, עלאַסטיש, מיניעט זיך אין אַלע חנען פון ניואַנסן. ס׳איז ניי און פריש. נייקייט — מיינט נישט בלויז, אין שאַפן אַ ניי וואָרט, נאָר אויך אַנווענדן עס אַנ־דערש. פרישקייט — ליגט אַמאָל אין צוזאַמענשפּיל, וואָס איז ביי אים תמיד אייגנטימלעך. דאַכט זיך אַזאַ אָפּגעבליאַקעוועט וואָרט ווי „שטראַלן״, ווען מען באַנוצט עס לשם מליצה; אָבער מיט „לאַנ־גע שטראַלנדיקע הענט״, ווערט עס אָפּגעפרישט, דורך דער קאָמבי־נאַציע פון וואָרט און בילד.

זעט מען טאַקע, אַז דאָרט וואו לוצקי האָט צו טאָן מיט פּלאַס־טיש־קאָנקרעטע ענינים, זאַכן און דערשיינונגען, איז זיין וואָרט־שפּיל אויך פול־בלוטיק, אינטענסיוו, כאַראַקטעריסטיש:

1) אַ צוואַנג באַפרייט פון געפאַנג.

2) אין בוים־פאַרבויג איז דאָ פאַרנויג צו ערד.
אין באַרג־באַנעם איז דאָ פאַרנעם צום הימל.

3) פלאַמען — רויטע רויבער —
אויפגעריכט פון אומגעריכט.

4) נאָר די זשאַבעס — ווייסטע באַבעס —
פלוך און פלוך,
פלוך און פלוך.

5) אַ וואַסער־פאַל איז פריילעך —
קוואַלט און פאַלט און האָט הנאה.

זעט מען אויך די מייסטערשאַפט, וואָס שפּילט זיך מיטן וואָרט, קרייזלט עס און דרייט עס, קלעפּט עס אויס אין אַלערליי פיגורן. איז דער „בוים־פאַרבויג", אַליין שוין אַ פאַרבויג. און דער פלוך און פליוך — אי בילד, אי קלאַנג. און דער וואַסער־פאַל, וואָס „קוואַלט און פאַלט און האָט הנאה", קוואַלט און פאַלט אַראָפּ אין דעם ריטם פון זיין לשון און זיין שטייגער...

אָבער נעמט זיך לוצקי צו אַבסטראַקטע ענינים, שאַפט שוין ניט דאָס וואָרט־שפּיל קיין שום שייכות, קיין שום סינטעז פונם וואָרט און בילד, נאָר עס פּלאָנטערט זיך און זשיפּעט קוים מיט צופיל אָנגעלייגטער משא פון — געדאַנק. ס'וואָרט איז די מוראַש־קע, וואָס, ווי פלייסיק און ווי קלוג זי זאָל ניט זיין, שלעפּט פאָרט אויף זיך אַ קערנדל, וואָס איבער אירע כחות... אַ קערנדל, וואָס איז פאַר דער מוראַשקע — אַ באַלקן... דער „געברויז אין מיר" איז טאַקע ניט קיין „דאַנקבאַרער" מאַטעריאַל פאַר לייכטן שפּיל פון ווערטער. קומט אַרויס דעריבער אַ געברויז פון הייזעריקע, טויבע קלאַנגען — וואָס עס שטוקעווען צונויף אַזאַ מין ענדער־אַנדער־פאַניע: „איך מוז צו וועלן ענדער. אַנדער־וואַנדער. וואונדער. איבערוואונדער. נאָכאַנאַנדער. מיטאַנאַנדער — דורכאַנאַנדער. פון אַן אַנדער צו אַן אַנדער".

איז דאָס סימפּטאָמאַטיש, ווען די לעצטע שורה פונם לידל

ווערט געענדיקט מיט אַן איינציק וואָרט: „אַנדערש". עס דער־מאָנט די פרימיטיווקייט פון אַ קינד, וואָס מאָלט אויס אַ בער און שרייבט־אונטער אונטער דעם געמעל — „אַ בער".

אגב, איז אַזאַ מין אויסלאָז־אונטערשריפט, נישט זעלטן צו געפינען אונטער זיינע לידער, וואָס איז אָפט גאָר אַ שטיקל סימן פאַר דעם דואַליזם — אָדער מער ווי צווייגעשטאַלטיקייט, פון אָט דעם דיכטער; אין דעם פאַל — פרימיטיווקייט.

די זעלבע שטרויכלונג מיטן וואָרט־שפּיל איז ביי אים אויך ווען ער הויבט אָן פילאָסאָפירן. אָט דער ענין־פילאָסאָפיע וואָלט אפשר נישט געענדערט שטאַרק די פיזיאָגנאָמיע פון זיין דיכטונג. אדרבא. ס'גיט נאָך אפשר צו אַ נייעם טעם און ריח, אפשר אויך אַ נייע ליניע. איז דאָך פילאָסאָפיע — די פּאָעזיע פון געדאַנק. ווען איז דאָס געוועדט געוואָרן? — ווען די פילאָסאָפיע וואַקסט אַרויס אָרגאַניש. אָבער ניט ווען מען וויל אַריבערטאַנצן איבערן אייגענעם קאָפּ — צו איר. ווען מען שפּילט זיך בלויז מיט ווערטער אַרום איר, אָדער מען מעלקט איר אויס דעם לעצטן אָריגינעלן טראָפּן מיט צענדליקער וואַריאַציעס...

ווען לוצקי באַגנוגנט זיך מיט די שיינע, תמציתדיקע לידער, וועלכע זענען, סיי עמאָציאָנעל און סיי געדאַנקלעך, צייטיק; וועלכע זענען אַפאָריזמדיק אינם אויסדרוק און ניי אין פאָרם; און וואָלט ער די דאָזיקע לידער אָפּגעקאַרגט אין זיין אַלגעמיין־פּאָעטישן באַ־גאַזש, — וואָלט געווען פאַר אונדז אַ נס אַ נייער. ווייל גאָר ניט צופעליק ביי אים — די „רעלאַטיוון". ווייל ער אַליין איז — רע־לאַטיוו. ביי אים „דאָס מינדסטע גאָרנישטל איז עפּעס". עפּעס איז פאַראַנען אין דער טראַנספאָרמירונג פון קבלה, חסידות, שפּינאָזע, העגל, איינשטיין, אויף אַ לוצקי־שטייגער. עפּעס איז פאַראַנען אין דעם דיכטער אומבאַגרייפלעכס, וואָס מיר ווייסן ניט דעם סוד און קענען ניט פאַרטייטשן... צי עס איז דער חוש, וואָס האָט נאָך ניט ביי אונדז קיין נאָמען; צי עס איז דער סוד פון אוממיטלבאַרער אָריגינעלקייט, — אָבער ס'איז אַ פּאַקטישע דערשיינונג.

„בראשית — אינמיטן" איז אָבער, מיט דער אָנגעלאָדנקייט פון טעמעס און מאָטיוון, אַן אָפּווייך פון דער אויסגעלייטערטקייט און קאָנדענסירטקייט פון דעם פריערדיקן לוצקי־שטייגער; עס איז

„געזאַנג — צום קלאַנג", צום ניט, וואָס אָפּטמאָל איז עס טאַקע — ניט.

ווייל ס'איז ניט שייך קיין וואָרט־שפּיל אין אַזאַ מין וואָרט־פּרעטענזיע, ווי זיין מאָדנע „עשרת הדברות": „א. אַלץ אין איינס — און אַלץ אין גאָט. ב. וועלט־געזעץ — אַריבער גאָט. ג. וועלט־געבאָט — אַריבער גנאָד. ד. ס'איז ———— איז ה. מאָס — מוז. ו. מוז ———————— אַריבערן רשות. ז. וועט זיין מיט איינס — וועט זי מיט אַלץ. ח. גלוסט. ט. צעשטער. י. באַשאַף.

זיין גאַנץ בוך „בראשית — אינמיטן", וואָס איז קאָנסטרו־אירט אויף וואָרט־שפּיל, איז בעצם אויך אַ פּאָזע, אַן עטאַפּ אין זיין דיכטערישן „אַנדערש". ס'ווייזט אויך, אַז מיט בלויזן וואָרט־שפּיל, קען מען ניט דערגרייכן קינסטלערישע גאַנצקייט, ספערן ברייטערע און טיפערע אין שאַפונג; — אַז אויך דאָס וואָרט־שפּיל איז דאָ אגב — רעלאַטיוו. אי ס'איז סטיכיש, קינסטלעריש, ספּאָנטאַן, אי ס'איז אויסגעפּשטלט, אויסגעמחט, וואַריאירט.

* * *

אייגנטימלעך ביי אים איז די סטרוקטור, דער סטיל, דאָס לשון און מאַניר. אייגנטימלעך אין דעם סינטעז פון די עלעמענטן, אין צוזאַמענבונד פון פרטים, ביז אַן איינהייט; אין האַרמאָנישער פאַר־גאַנצקייט פון דער קאָמפּאָזיציע. — און אפשר גאָר — אין איינצל־פּרט — נאָך מערער. פאַראַן פאַר דעם אַן „אָנגענומענע" קריי־טעריע — צו דערקענען אָדער צו דערפילן דעם מחבר פון אַן איינצל־שורה... לוצקיס איינצל־שורה עפנט אויף אַ טויער צו זיין גאַנצן שטייגער.

זיין איינצל־שורה איז אַ זאַך פאַר זיך אַליין.

רינגלט זי זיך אַריין אין קייט און פּאַסט זיך צו — איז גוט. בלייבט זי — רינגעלע אַליין — האָט זי אויך איר חן, איר רעכט: „ווען איך וועל ניט זיין — וועט גאַרנישט ניט זיין". „אָט דאָ — וואו איר — איז ער — געווען. איז זי — געווען — אַזוי ווי איר — — — איז ער ניט מער. איז זי ניט מער. ניטאָ שוין מער... נאָר איך בין — נאָך. און איר זענט — נאָך. איך רייד מיט אייך — און טראַכט פון זיי. זע איך זיי — און וויין אויף אונדז"...

מיט קנאַפּע ווערטער אָנגעהויכט אַ שטימונג. מיט אָפּגעהאַקטן זשעסט און תנועה — דורכגעפירט אַן אומעטיקן אורח — אַ געדאַנק.

אַ וואָרט פאַר זיך אַליין, וואָס רופט אַרויס אַ טאָן.

אַ טאָן פאַר זיך אַליין — וואָס ציטערט מיט געמיט.

אַזוי דער סטיל — געשליפן, געטאָקט, פאַרשפּיצט. צוגעשפּיצט אַמאָל — נאָר עלעגאַנט. אויסגעטאָקט אַמאָל, אַ מיניאַטור — אַ צאַצקע. אויסגעשליפן ביז צו שפּיגלען זיך אין דעם.

אַזוי דאָס לשון — פּאָלקסטימלעך און קערנדיק; קלוג און ערלעך. הויבט זיך אויף ווען עס איז אַ גלייכווערטל פון זיין פּערי־פעריע, גייט עס ניט אַוועק אויף שטאָלצן, נאָר מיט חנעוודיקן שטאָלץ, וואָס עס לעבט ניט בלויז פון יענעמס זכות, נאָר מיט אייגן לעבן. לייגט זיך אויס אַ ווערטל אין אַ וויץ, ווייזט עס בלויז, אַז ס'איז ניט איבערגעניצעוועט, נאָר פיין אַריינגעוועבט אין דער מאַ־טעריע. און ס'איז דער שפּאַס אין שפּיצל, וואָס שטעקט אַרויס גאָר אָפּט פון סאַמע ערנסט, נישט קיין אונטערגעשטעלט פּיסל — עמיצן צו שטרויכלען, עמיצן זאָל ווי טאָן, — נאָר פונקט פאַר־קערט — אַ צאַרטע האַנט, וואָס טוט דערנענטערן, גלעטן און פאַר־גלעטן... דוכט זיך אויס אַמאָל, אַז דער מאַניר און לשון חכמעט זיך און כיטרעוועט; אָבער אויך זיין חכמענען זיך פאַרביליקט ניט דעם עצם ענין, שאַצט די זאַך ניט אונטער. נאָר עס גיט נאָר צו דער זאַך כאַראַקטער, קאָלאָריט: „אַ היטל זיצט אויפן קאָפּ און טראַכט פון אויבן אַראָפּ: צו אַלץ — דאַרף מען מזל, אפילו צו אַ קאָפּ. — באַ לייטן אַ קאָפּ טראַכט אַמאָל אַן איידעלע מחשבה, אַ ליכטיקן רעיון — — — מיין קאָפּ — צרות. תמיד נאָר ער זאָרגט”. און דער מאַניר פון אויסכיטרעווען מאָטיוון, איז ניט, זיי צו פאַרדעקן, זיי צו פאַלשעווען מיט אָ נ ש ט ע ל, נאָר אויסכיטרעווען פאַר זיי אַ סיטואַציע פון נשמהדיקן פּ אָ ר ש ט ע ל; און אויסכיט־רעווען פאַר זיי אַ מער געלונגענע עקספּאַזע. דאָס לשון — פול מיט אידיאָמאַטישע פאָטראַוועס, צוגעווירצט מיט וואוילגערוכיקן און באַטעמטן הומאָר, — ווערט ניט איינגעמאַנירט אין בלויז מאַ־ניר, נאָר האָט זיין אייגן טעם און ריח...

* * *

די פּלאַסטישקייט פון זיינע לידער־סצענעס, ליגט נאָר אין דער אייגנאַרטיקער עקספּאָזיציע. בעצם אָבער זענען ביי אים אַלע טויטע „פּערסאָנאַזשן", נישט בלויז אומבאַוועגלעכע סטאַטיסטן, נאָר דינאַמישע געשטאַלטן, טיפּן, כאַראַקטערן, מיט אייגן רעכט, מיט אייגן לעבן, מיט אייגן הויפּט־ראָל.

דינאַמיק איז ביי אים דער עלעמענט, וואָס וויקלט אויף דאָס קלענסטע, מינדסטע ליד זיינס — אין אַ סצענע.

דינאַמיק — וואָס עס שאַפט זיך פון די קורצע, שאַרפע זאַצן, פון די מורמלענדיקע און טיפאָטעמדיקע ווערטער, פון די טיפּפאַרגייענדיקע, אָפּגעהאַקטע און זיך בייטנדיקע קלאַנגען.

דינאַמיק — וואָס באַנוצט צו אָפט שוין — אי דעם הילכעדיקן אויסרוף־צייכן, אין דעם פּאַסיקל — צום אָנשטויס...

דינאַמיק — וואָס מאַניפּולירט אפילו מיט די אותיות, פּונקטואַציע־צייכנס און שטריכן — פאַר אַ סצענע:

„מאַן און ווייב — גייען אין — שטעטל...
הענט — אין אַרבל.
קעפּ — אַראָפּגעלאָזט.
ער ———————— פאַראויס.
זי —— נאָך אים.
———————————— אַהיים".

און ס'נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס ד י כ ט ו נ ג גייט, אין אַלע זיינע לידער, האַנט אין האַנט — מיט ש ו י ש פּ י ל. און גאָר אָפט טרעפט עס — אַז זיי פאַרבייטן זיך די ראָלן.

שוין דאָס אַליין — איז ביי אונדז אַ וואונדערלעכע דערשיינונג.

און דאָס איז אפשר אויך אַ שטיקל שליסל צו דעם רעטעניש — השפּעה.

לוצקי — דיכטער האָט געקראָגן זיין השפּעה פון לוצקי — שוישפּילער.

דער פּלאַסטיקער אין אים ציט חיונה פון דעם שוישפּילער, וואָס אפשר איז ער נאָך אין אים — פיל־מער אָרגאַניש.

נאָך צוויי עלעמענטן פלעכטן זיך דורך אין זיין דיכטונג. דער ערשטער איז אַ שטענדיקער באַשטאַנד־טייל כמעט פון אַלע זיינע לידער. דער צווייטער קומט אַריין דאָרט זעלטענער, דערפאַר שליסט ער אָפּ אַמאָל אַ ליד פאַר זיך אַליין. — די עלעמענטן פון ה ו־מ אָ ר און ריינער ל י ר י ק.

ביי די דיכטער פון דעם פריערדיקן דור (ווי ביי די פּראָזע־שרייבער) האָט הומאָר געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און האָט אויס־געדריקט זיך אין אַלע מיני פאָרמען. עס איז געווען ביי זיי אַ איבערוואַנדלונג, אַן אָטעם־אָפּכאַפּ, אין דער מיסיע זייערער, צו זיין די שליחי־ציבור, מיט אַ באַרוף פון וויינען, טרויערן און זאָגן מוסר. עס איז געווען, פון איין זייט, אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט אַנטקעגן דער פאַרכמורעטער סכאָלאַסטיק פון דעם אידישן לעבן און ספר; און פון דער צווייטער זייט, אַ לעבעדיקער שטריך פון אידישן כאַראַקטער, וואָס באַקומען האָט זיין תיקון. געפינען מיר אַ היפּשע פּאָרציע הומאָר, איראָניע און סאַטירע ביי פרוגן און ביי ראָזנ־פעלדן; און מיט אַ צומיש פון פאַבל, וואָס איז אויך אַ מין הומאָר, ביי יהואשן; און גוטמוטיקן, נאָר עטוואָס טרויעריקן הומאָר און עפּיגראַם, ביי רייזענען.

דער נייער דור פון אידישע דיכטער איז ניט הומאָריסטיש (אַ חוץ אַ מאַנגער און, אין אַ געוויסן זין, אויך גלאַטשטיין). פּראָ־בלעמאַטיק און דאָקטרין האַלט זיי אין די ראַמען; מאַכט זיי ערנסט; לאָזט ניט צו אין זייער דלד אמות, נישט קיין שפּיל און נישט קיין שמייכל.

אַן אויסנאַם איז דאָ — לוצקי. קודם כל אַ הומאָריסט; אין עצם און אין תוך און אין זיין גאַנצן וועזן. אַ הומאָריסט, וואָס דער הומאָר ביי אים איז ניט קיין עפּיזאָד, נאָר גרונט־טייל, איני־טעגראַלער עלעמענט אין זיין דיכטונג. ס׳איז הומאָר, וואָס רעגו־לירט דעם גאַנצן גאַנג פון זיינע לידער־סצענעס. צווייטנס, — הומאָר, וואָס איז קריסטאַליזירט, געלייטערט, אָן שום פּסולת. ס׳איז פרייליכער און שפּילעוודיקער הומאָר. הומאָר אָן ביי־שפּיל און אָן ביי־טעם, — עס צאַפּלט זיך, גערייט, און שטיפט און לאַכט. — נאָר עס פאַרקייכט זיך ניט. און אויב אפילו מיט אַ ביי־שפּיל, שנעלט דער ביי־שפּיל אייך ניט אין נאָז, שטורכעט ניט אין זייט,

— נאָר כאַפּט אַרויף זיך אויפן שולטער, האַלדזט אייך אום און קוקט אַריין אין פענצטערל פון אייער נשמה...

דערפאַר ווערט קיינמאָל ניט פון זיין הומאָר, ניט אומעטיק, ניט פּריקרע. עס איז געלעכטער, וואָס לאַכט ניט אָפּ און לאַכט ניט אויס, נאָר הויבט זיך אויף און ווייזט אונדז אָן וואָס שיין איז, און דערהויבן, און — טשיקאַווע ביי לעבעדיקע מענטשן און ביי טויטע, דורך זיי אים צו לעבן אַרויסגערופענע, זאַכן.

זיינע לידער־סצענעס זענען טאַקע אינדיווידועל, נאָר זעלטן סוביעקטיוו אָוועקגעשטעלט. ער אַליין איז רעזשיסאָר, דעקאָראַטאָר, דיריגענט און מוזיקער, — נאָר ס'קומט די האַנדלונג פאָר פאַר זיך אַליין, אין אָביעקטיווער דיסטאַנץ, און ס'זעט זיך ניט די האַנט, וואָס פירט אָן מיט די פּערסאָנאַזשן־שוישפּילער; און ס'הערט זיך ניט דאָס קול, וואָס זאָגט זיי אונטער... דערפאַר דערפירט עס זיי, די לידער, אין אַ געוויסן זין צו — עפּיק.

אָבער ס'זענען אויך פאַראַן לידער, אפשר ווינציק, אָבער אויך באַדייטנד, נישט מיט האַנדלונג, נאָר מיט אויפשפּיל פון געמיט. ציטערט אַ מינאָרנער טאָן, מורמלט סודותדיק און זוכט אַ קול, געפינט ניט — גיט אַ זיפץ און ווערט אַנטשוויגן... ס'איז די שעה, ווען ביי דעם פּויילעך־מאַכנדיקן דיכטער ביך־השמשותט אין נשמה, און די בלוטן וויגן איין זיך, און עס נעמען טענהן די געפילן. ווערט ער ליריש — ווייל ריידן נעמט ער דאַן מיט זיך אַליין. מיט קיינעם ניט — מיט זיך אַליין. און אפשר אויך מיט די, וואָס ריידן — אויך מיט זיך אַליין:

„איך בין דער רבי. איך אַליין דער חסיד. און איך הער: דער רבי וויינט. שטילערהייט". און ער רעדט זיך דורך מיט זיך אַליין און פרעגט: „מיינסט נאָר דו אַליין ווערסט אומעטיק פאַרנאַכט? אַלע זאַכן אויף דער אומעטיקער ערד, ווערן אומעטיק פאַרנאַכט". טראַכטן דאַן די אומעטיקע אויגן און זיי זעען: „אין אַלע זאַכן זענען דאָ פאַרנאַכטן. אימהדיקע אומעטן. אַליין פרעמד. פרום".

מיט גאָר ווינציק ווערטער; נישט ווערטער — מורמל — ווערט אַרויסגעבראַכט אַ שטימונג אַזוי דין און איידל, אַזוי פיין און ערלעך.

און אָפט די שטימונג ווערט פֿאַרבילדעריִשט: „צייטן און מענטשן — אויסגעפּוצטע האַרבסטן. יאָנטעווודיקע אונטערגאַנגען".

און ס'טרעפט, אַז אויך די שטימונג גיט אַ בליץ מיט אַ געדאַנק: „אַז ס'איז מער, ווי מען זעט; אַז ס'איז מער, ווי מען ווייסט. וואָס זענען ווערטער?" —

וואָס זענען ווערטער — ווען זיי זוכן בלויז און קענען אַליין ניט צופּאַסן אַ שליסל צום סוד פון ליכטיקן נישט־וויסן — לוצקי.

יעקב גלאַטשטיין

א

דער עכטער דיכטער איז קיינמאָל ניט לעבלעך — ער האָט שטאַרק ליב אָדער שטאַרק פיינט.

אָביעקטיווקייט איז בלויז דער קינסטלערישער פאַנצער. אונטער דעם קלאַפּט אַ האַרץ און ריטם פון לעבן. די חושים קענען ניט פאַרפּאַנצערט ווערן — זיי מוזן רעאַגירן. פונקט ווי דאָס געזיכט פאַרענדערט זיך ווען די נאָז דערפילט אַ שלעכטן ריח, אַזוי ענדערט זיך (און רעאַגירט) דעם קינסטלערס פסיכיק אַנטקעגן אַ מיאוסער דערשיינונג. שיינקייט פאַר אַ קינסטלער איז אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. מיאוסקייט און שלעכטס — איז אַ גרענעץ־זומפּ פאַר זיינע אידעאַלן און זעאונגען. דער שלעכטער, צעווילדעוועטער מענטש איז פאַר אים — אַ שונא. אַ גורם פאַר אויפרעגונג און כעס. דער מאַראַליסט הייסט אפילו ליב האָבן דעם פיינט. דער קינסטלער — מוז אָבער פאַרפיקסירן דעם שונא (פון זיין אידעאַל, אַנשויאונג און אינדיווידועלן לעבן) און דערמיט אים פיגוראַטיוו פאַרוואונדן אָדער טויטן. ער קען דערביי ניט אויסשפּילן דאָס וואָרט אויפן פלייט פון ליבשאַפט, ער מוז עס פאַרוואַנדלען אין די וואָפן פון חוזק, סאַטירע, סאַרקאַזם, איראָניע און אפילו באַנוצן אַ וואָרט — אַ בעזים. דאָס שלעכטע, פאַלשע, פאַרפירערישע, ווערט תיכף טויט, ווען ס׳ווערט פאַרפיקסירט פון קינסטלער.

בפרט נאָך דער היינצייטיקער קינסטלער. ער קען ניט בלייבן לעבלעך. איצט איז ניט קיין צייט פון סענטימענטן און ראָמאַנטיק. דאָס לעבן איז אַ גרויסער, שווערער קאַמף, און דער קינסטלער מוז רעאַגירן אויף זיין אופן — אויב ער איז נאָר מיטן לעבן שטאַרק פאַרבונדן.

ב

גלאַטשטיין — רעאַגירט מיט פיינטשאַפט. איראָניע און סאַטירע האָט נישט ליב. חוזק גלעט ניט. די וואָפן זיינע — ווערטער, וואָס עס שאַרפן זיך איינע אָן די אַנדערע — אַזש פונקען שפּריצן;

אימאַזשן — שניידן, ווי די קרומע סערפּן; שורות וואַרפן זיך ווי פּעטליעס; אַ סמבטיון פון געדאַנק און אינטואיציע קאָכט און שפּייט מיט שטיינער און לאָזט ניט צו אַ גאַנצע וואָך קיינעם אין זיין גבול.

נאָר ס׳טרעפט, אַז דער סמבטיון ווערט אַנטשוויגן. דער שבת קומט. און אין זיין גבול גייט אויף דער טאָג פון שלום און פון ליבע. און זיין נשמה יתירה איז אָנגעברייט פאַר קינדישקייט, פאַר קונדסקייט, פאַר קונץ־שטיק און פאַר — קונסט־שטיק. מען זעט אים דאָן שפּאַצירנדיק אין ווייכע שטעק־שיך פון ווערטער, זיך שפּילנדיק מיט דער שיינער באָרד פון חכמה, לאָבן זיך מיטן איינגעמאַכטס פון אידישטייטשן, מעביר־סדרה־זיין זיין נייער ריכ־טונג און ליובן־זיך מיט דער אשת־חילדיקער זשאַרגאָנינאַ.

איז קודם כל, וואָס ער האָט פיינט.

ער האָט פיינט — סענטימענטן. קומען זיי אַמאָל צו אים צו גיין — כאַפּט ער זיי און בינדט זיי איינציקווייז (די סענטי־מענטן), לייגט זיי אויס פאַר זיינע פיס, ווי געבונדענע העגער, זעצט זיך אַוועק און נעמט אָנשטעלן דעם חלף פאַר זייערע אויגן... יעדער בלאַסק פון חלף זאָגט זיי — שלעכט! יעדער בויג פון חלף זאָגט זיי, אַז מיט זיי איז — אויס!... די „חברה צער בעלי־חיים" קען אים אפילו ניט געבן באַשטראָפן. ווייל ס׳איז ניטאָ נאָך — זעט איר דאָך — אַזאַ געזעץ, וואָס באַשטראָפט געגוג אַזוינעם, וואָס האָט ליב צו שפּילן זיך מיטן בלאַסק פון חלף...

דער זייגער ביי אים איז — דרייצן. און דערפאַר האָט ער פיינט אַלע זייגערס, וואָס האָבן אַ טבע צו דרייען זייערע ווייזערס פונקט ביז צוועלף. — זיין פיינטשאַפט, ווי זיין כעס — און ווי זיין ליבע — איז ניט דאָן־קיכאָטיש. ער האַלט ניט קיין מלחמה מיט קיין זייגערס. ער איז מבטל פינקטלעכקייטן, אָנגעשטעלטע כלים מיטן — רעלאַטיוו.

צוליב „היסטאָרישע" סיבות האָט ער פיינט פּערל און בלומען. פּערל און בלומען וואָלטן אַזוי מיאוס ניט געווען, ווען פּאָעטן ביי אונדז און ביי אַלעמען וואָלטן וועגן זיי אַזוי פיל ניט גערעדט. שיינקייטן דאַרפן זיין איינזאַם. הגם „עס איז אַ שרעק צו זיין אַליין".

ער האָט פֿיינט לידער — סאָלדאַטן. די אויסגעמושטירטע דיסציפּלין פֿון מעטריק. די קאַזאַרמע פֿון — גראַמען.

ער האָט פֿיינט דעם גאָלדענעם קאַנאַריק, וואָס שפּרינגט זיך אום אין שטייג און — זינגט. אַפֿילו ווען ער בענקט אַריין אין שטייגל — וואַלד און פֿעלד. אַפֿילו ווען ער וויינט דאָרט אויס דאָס שטיקל בלוי פֿון אויג.

ער האָט אַפֿילו פֿיינט דעם חזן, וואָס זוכט אין קאָמערטאָן דעם אמת פֿון זיין טאָן.

ער האָט אַפֿילו פֿיינט דעם אמת גופֿא. דעם אמת, וואָס אין ווערטער־בוך פֿון קונסט און אין ווערטער־בוך פֿון לעבן.

ער האָט אויך פֿיינט דעם ליגן, וואָס פֿויזעט אום אויף דר׳ערד. אויב שוין יאָ אַ ליגן — איז אַ ליגן, וואָס איז בילדעריי־שער און אַפֿילו וואָגיקער ווי זיבן טעפּ פֿון לאָגיק...

דאָס מיינט שוין אויך — וואָס ער האָט — ליב.

ג

צוצוקומען צו דער יאָדרע פֿון זיין ליד איז שווער — פֿאַר אומגעדולדיקע, נערוועזע מענטשן. די צוויטן — צו אַריינגעוואַקסן אינם שאָלעכץ, צו האַרט דער שאָלעכץ — פֿאַר שוואַכע און בפֿרט אַריינגעשטעלטע ציין. און צעקלאַפּן מיט עפּעס, וואָס איז שווערער פֿאַר דעם שאָלעכץ — קען געניזוקט ווערן שטאַרק — די יאָדרע.

שווער איז צוצוקומען צו דעם קערן פֿון זיין ליד פֿאַר דעם, וואָס ווייס ניט ווי דאָס ליד דאָס גאַנצע צו באַהאַנדלען. פֿאַר דעם, וואָס שרעקט זיך פֿאַר דעם מאָדנעם אופֿן און די אויסגעקלערטע שטיק, וואָס ליגט אין דעם. ליד איז דאָך ביי אונדז — די וויג און אויך דער ניגון; און דאָ צעוויגט מען אייך ניט, נאָר מען קלאַפּט אַרויס פֿון אייך דעם שטויב, און דערביי אויך בריקעוועט מען אונ־טער אייערע פּרינציפּן. אויב איר קומט הנאה האָבן און געניסן, בוויקערט מען אייך אָן די זעלבסטצופֿרידנקייט, אַז איר זאָלט וויסן. אפֿשר איז ניט העפֿלעך און ניט איידל — אַבי נאָר ס׳שאַדט ניט שטאַרק אייך צום געזונט... דאָס גלאַטשטייניש ליד איז איידל־גראָב ווי אַ מאַסאַזש: עס גלעט און קנייפּט, עס צערטלט — און פּאַטשט

אויס די גלידער, עס נעמט אייך איין און טרייבט אייך אויך אַרויס — פון זיך.

דאָס געניסן די הנאה פון זיין ליד־מאַסאַזש דערפילט מען דורך די אויסגעקניפּטע און אויסגעפּאַטשטע בלוטן.

ד

„כשהאדם נער אומר דברי זמר" — ווען דער מענטש איז יונג — זינגט ער. דער ערשטער שטאַפּל פון אַנטוויקלונג ביי דעם פּרי־מיטיוון מענטשן איז געווען — געזאַנג. די ערשטע שטופּע פון אַנט־ווּיקלונג ביי אַ פאָלק איז געלעגן אין — געזאַנג, אין ניגון און אין וואָרט פון פאָלקס־ליד. די געשיכטע פון אַ יעדער ליטעראַטור הויבט זיך אָן מיט זינגעוודיקע לידער. אָבער שפּעטער האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט דענקען, רעאַגירן אויף דערשיינונ־גען, ריידן און די רייד דערקלערן, האָט זיך אויסגעלערנט פון גע־דאַנק און וואָרט אַרויסצוציען אַ פועל יוצא, פאַרברייטערן עס און פאַר־טיפן. די דאָזיקע דערשיינונג — האָט באַגלייט אויך פעלקער און געזען געוואָרן אין יעדער ליטעראַטור. פריער בלויז — דער זינ־געוודיקער ניגון, דערנאָך — די עפּישע שילדערונג און דערציי־לונג, און דערנאָך דער אינטעלעקטועלער אויפפּאַס, אויסדרוק און — קרעאַציע. ס'מיינט ניט, אַז דער אינטעלעקט האָט דאָמינירט די עמאָציע און געפיל, — ס'איז נאָר צוגעקומען אַ מדרגה אינם שאַפן און באַווייזן די אויסגעוואַקסנקייט און דערוואַקסנקייט פון דער לי־טעראַטור; איר פולע רייפקייט.

אויך די אידישע פּאָעזיע איז שוין ברוך־השם אַרויס פון אירע קינדער־שיכלעך. זי איז שוין גענוג דערוואַקסן. זי קען זיך שוין פאַרגינען צו האָבן גלאַטשטיינס אינטעלעקטועלע ליד.

ה

גלאַטשטיינס אינטעלעקטועלקייט איז חלילה ניט קיין סתירה צו זיין עמאָציאָנעלקייט. זי זינגט ניט און זי וויגט ניט. דערפאַר איז זי אָבער איינגעשפּאַנט אין פייערדיקן רייטוואָגן פון וואָרט,

וואָס טראָגט זיך אויף דעם ברייטן און סכנהדיקן טראַקט פון צייט. דערפאַר איז זי אויך אויסגעשפּאַנט פון דעם קאָנווענציאָנעלן „אמת״ און פון יענעמס סדר און דאָגמע.

זי האָט אַן אייגענעם סדר — אין אָפּשאָפן גרענעצן, אין אומ־וואַרפן פעסטונגען. אין סדרלאָזן נעגירן. זי קען אויסקומען אינ־גאַנצן אָן דאָגמעס (הגם אַ בוך פון אים הייסט „דאָגמעס״) און מאַ־נעווּרירן בלויז מיט קינסטלערישע עקספּערימענטן און באַווייזן.

די עקספּערימענטן — אין אויפבאַפן אַזוי קונציק אַלע מאָ־דערנע און אולטראַ־מאָדערנע ריכטונגען; אָבער תמיד אַרויסברענ־גען — דעם אייגענעם באַוויז. אפילו וויגנדיק זיך אויף די שטאַלצן פון ריכטונגען — נישט פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און דערגיין צו — זיך אַליין.

פאַראַן אין דעם בלי ספק אויסגערעכנטקייט — אין אַט דעם גיין קאַפּויר, אין דעם בכיוונדיקן אונטערהינקען, און אין דעם פּראָ־ווען שטיק — די אויסגערעכנטקייט פון רייצן און שאָקירן, פון פאַרשטעלן זיך, כדי צו איבערשרעקן מיטאַמאָל, — נאָר אַט דער אָנשטעל שטערט נאָר, אָבער ער פאַרקריפּלט ניט זיין נאַטירלעכן, געזונטן גאַנג און ווענדט ניט אָפּ זיין גרויסן כח — אַליין צו זיין אַ ריכטונג.

ו

יעדער עכטער דיכטער איז פאַר זיך אַליין — אַ ריכטונג. דער מיטלמעסיקער אָדער דער פּאָעט פון דורכשניט קען זיך צופּאַסן צו יעדער ריכטונג, ווי ער קען אויך אימיטירן ס'לעבן און נאַטור. ביי אים איז ניט די ריכטונג—אַ מיטל צו אַנטפּלעקן אַן אייגנטימלעכקייט פון כאַראַקטער, אַן אויפבליץ פון געדאַנק און אַן אויפברויז פון עמאָ־ציע, — נאָר זי העלפט אים גאָר פאַרדעקן דאָס שטיקל אייגן פּנים, זי דיקטירט אים זיין געדאַנק און פאַרלעבלעכט זיין געפיל. און פּונקט ווי ער ווערט פון איר באַהערשט, אָן לייכטסטן ווידערשטאַנד און ווערט פון איר געפירט, ווערט זי אויך אָן מינדסטן ווידער־שטאַנד דורך אים פאַרביטן אויף אַן אַנדער ריכטונג, וואָס גיט אַ פלירטעווע מיט אים... דער עכטער דיכטער אָבער קלייבט ניט אויס

קיין ריכטונג — זי דרינגט אַריין ביי אים אין ווענז, דורך יעדן ביסן לעבן, וואָס ער טוט, דורך יעדן אָטעם מיט דער לופט פון צייט, דורך יעדן צוק פון נערוו, וואָס כאַפּט אויף אַ דערשיינונג. זי ווערט אין אים פאַרדייט ביז — נייעם הונגער. אויפגעלייזט ביז אַ ביס אַ פרישערן, אַ ביס אין וועלט, אין מענטש, אין — זיך אַליין.

דער גלאַטשטיין־דיכטער ווערט ניט געפירט, נאָר אָפטמאָל גאָר פאַרפירט ער — די ריכטונג. אַמאָל בלויז מיט אַ וואונק, און זייער אָפט מיט אַן אַרגומענט אַ דייטלעכן — ווי אַ פויסט, און אַ באַווייז — באַצווינגענדיקן — ווי אַ לאַסאָ. און אויב ער פליר־טעוועט מיט אָט דער ריכטונג, איז נאָר אַזוי לאַנג — ביז ער באַ־קומט זי. און, אַז ער קריגט זי, נוצט ער זי ניט אויס און וואַרפט איר ניט אַוועק, ער „פאַרפירט" איר, ביז באַפרוכפּערונג פון אַן אַנ־דער ריכטונג.

ז

די אידישע פּאָעזיע — אויך זי האָט דורכגעמאַכט די פאַזן פון די אַלע ריכטונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט זיך ווי אַ רעאַק־ציע פון דער קונסט אַנטקעגן מאַטעריאַליזם, אָדער רעאַליזם. דער רעזולטאַט איז אָבער דאָ געווען אַן אַנדערער, אַ נישט גאָר פּאָזי־טיווער. דער סכום פון נייע ריכטונגען איז דאָ געווען אַ קלענער, סיי אין כמות, סיי אין איכות. די נייע ריכטונג איז ביי אונדז גע־ווען אַ וועגעטאַטיווע. נישט אויפגעשפּראָצט פון אייגן באָדן, אָדער אפשר טאַקע צוליב אונדזער באָדנלאָזיקייט — ניט שטאַרק זיך איינגעוואָרצלט. דערפאַר האָט זיך געמערקט אַזאַ דערשיינונג: בעת ביי אַנדערע האָט די נייע ריכטונג געשאַפן אַ טראַדיציע און אויס־געהאָדעוועט פּלעיאַדעס עכטע, גרויסע דיכטער, האָבן אונדזערע פּאָעטן בלויז אַ פלירטעווע געטאָן מיט וועלכער ניט איז ריכטונג און האָבן זיך פאַרקירעוועט צוריק; און דווקא אין דעם נויג צו קאָנסערוואַטיווקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער עכטקייט און ביי אַנדערע אפילו — זייער גרויסקייט.

מיט גלאַטשטיינען איז פונקט געווען פאַרקערט. אָנגעהויבן מיט פרעטענזיע און חדושים מער צי ווייניקער פאַרשטענדלעך און

דערגאַנגען גאָר ביז — „זיךבעקסצענטרישקייטן". דאָס הייסט, אַז דווקא ווען עס האָט געהערשט די מאָדע פון עקסטרעמען מאָדער־ניזם — עקספּערימענטירט מיט באַלאַנסירטע מיטלען, אין וועל־כע — פאָרם האָט געהאַט אַן אָנהאַלט אין דער מעדיטאַציע און אין דאָס ביסל „לאָגיק" פון דעם תוך; און שפּעטער, ווען דער „מאָדער־ניזם" האָט זיך אויסגעקירעוועט צוריק, איז גלאַטשטיין אים עק־סטרעם פאַרלאָפן מיט אַ זיךבעקסצענטרישדיקער ריכטונג. די ריכ־טונג איז פיל מער ווי אינזיכיסטיש. זי איז אַ מין קאַליידאָסקאָפּ פון יעדער ריכטונג און פאָרמט אָבער אויס זיך אין אַן אייגן בילד און אין אַן אַנדער פּאַנאָראַמע. דאָס בילד ביי אים האָט איצט שוין ניט קיין סימן פון תכלית, אָדער „טעמע", נאָר איז אַ קינסטלערישע שפּיל פון זילב און וואָרט, אַ דיאָראַמע פון פּרימיטיוו און ראַפי־נירטקייט, אַ קאָניוקטיווע בריק פון אידיש־טייטש און נייעם נוסח.

דער חידוש, וואָס איז געלעגן אין גלאַטשטיינס סאַמע ערשטע לידער, איז באַשטאַנען אין דער אַבראָגאַציע פונם דיכטערישן געזעץ, אינם אָפּשאַפן דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס שטימט ניט מיטן גייסט פון נייער צייט. געפילט האָט זיך דער חידוש אין יעדן שאַרפן שטריך, אין יעדן דרייסטן בויג, אין איבעררּאַשנדיקן בילד און אין דער טרעפלעכקייט פון עפּיטעט. דער עפּיטעט איז דאַן שוין אויך געווען ביי אים — ווי אַ פלוצלומדיקע פאַרסמטע פייל. אָבער די עקסצענטרישקייט איז אַלץ נאָך דאַן געווען דיקטירט מיט וואָרט, וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווי אַ פאַקט. אַמאָל אפילו האָט באַוויזן זיך אַ ליד מיט לאָגישער אַנטוויקלונג פון אַ דייטלעכער פאַבולע. אין ערשטן בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יעקב גלאַט־שטיין", געפינט זיך אַ ליד „דער שטאָלצער קעניג". ווערט אין דעם געשילדערט, צי דערציילט, וועגן דעם נצחון, וואָס קומט אויף פליגלען פונם טויט. הויבט זיך אָן אַזוי:

„ווען דער שטאָלצער קעניג איז אין שונאס שטאָט אַריינגעריטן,
האָט זיין רויטע באָרד געפלאַמט אין דער אויפגייענדיקער זון,
ווי די בלאַנקע שווערדן פון זיין סוויטע.
און ווען ס'האָט דער שטאָלצער קעניג באַשיינפּערלעך געזען,
ווי ס'האַלט דער טויט די שטאָט אין זיינע אָרעמס,

און אז ס׳זענען אויסגעשטאָרבן אַלע ציגל אין די הייזער,
און אַ מינדסט ווינטל קאָן די הייזער צעבלאָזן אויף דינעם שטויב —
האָט ער געלאַכט,
און אומגעדרייט האָט ער זיין שטאַרקן קאָפּ
אַ קוק צו טאָן אויף זיינע יונגען,
וואָס האָבן מיד און טעמפּ געשלעפּט אַ פאַרמאַטערטן דעם זיג״.

איז שוין דאָס אַליין אַ רינג, וואָס ווייזט באַשיינפּערלעך, ווי האַפּטיק ס׳ווערט דאָס גאַנצע ליד געקייטלט. און כדי צו פילן די שווידערלעכע פּראַכט פון ליד, דאַרף מען דורכגיין אויך די ווייטער־דיקע שילדערונג, ווי ס׳באַוועגענען די באַזיגטע — דעם באַזיגער. (און דערזען דערביי דעם אופן, ווי אַן אַלטער מאָטיוו באַקומט ניי בלוט און ווערט הייגטצייטיק). די שיינקייט פונם ליד איז גענוג צו זען, בלויז אפילו אין די דריי געציילטע שורות פון פינאַל:

„און דער שטאָלצער קעניג האָט אַלץ געקוקט,
ווי אין ווייגענדיקע רייען שפּאַנען באָרוועס די יונג־פּרויען
מיט גרויע קעפּ
און שפּרייטן פאַרוועלקטע בלומען־בלעטלעך פאַר
די טריט פון זיין זיג״.

גלאַטשטיין האָט זיך נאָך פאַרגינט דאָן — זיין אי שיין, אי לאַגיש...

סאַראַ ווייטפאַרגייענדיקער מהלך פון אַזאַ מין ליד ביז די ליד־קאַסקאַדן פון זיין פערטן בוך „יידישטייטשן״! אַ ווערטערפאַל, אַ ביל־דערפאַל און אָפּטמאָל בלויז אַ זילבנפאַל אין טויזנטער קאַלירן. דאָ האָבן זיך פון אַלע ווייטקייטן, באַהעלטענישן, טיפענישן, וועג און סטעזשקעס צונויפגעלאָפן שטראָם און שטראָמכעלעך פון סטיל און לשון, און פון אַ הויכקייט אָן אַן אויפהער זיך צעגאָסן מיט שפּריץ און שוים און שעמעריר. דאָ האָבן זיך צעקלונגען אַלע צונגען פון אַלט און יונג, פון באַריידעוודיקייט און פון שטומקייט, פון שאַרפריידעוו־דיקייט און פון שטאַמל, פון העויה און פון נעמען אַלץ אויף זיכער, פון אַלטמאָדישער גראָבלעכער באַטעמטקייט און הייגטצייטיקן צי־

ניזם. דאָס לעבן און דער טויט פון עצם ליד איז געלעגן דאָ אין „האַנט פון צונג". (ניט אומזיסט איז אין העברעאיש „לשון" — צונג און שפּראַך!) און די צונג האָט אומעטום געלונגען דורכגע־פירט איר ראָל — געראַטעוועט דאָס ליד.

גלאַטשטיינס קינסטלערישער כח ליגט דער עיקר אין דער איבערראַשנדיקער שאַרפקייט פון אימאַזש און אין דעם „חתוך הלשון" — אין דער אַרטיקולאַציע. דערפאַר ווען ער צעלאָזט זיך ווען אין אינטעלעקטועלער מעדיטאַציע, נעמט זשאָנגלירן מיט ווער־טער און אונטערקליגלען זיך בכיון מיט געדאַנקען, — קומען אים באַלד צו הילף דאָס שטאַרקע בילד און שאַרפער אויסדרוק, וואָס פאַראייניקן און האַמעווען די ווידערנאַנדן פון זיין ליד.

איטלעך ליד אין „יידישטייטשן" איז — אַ ווייטסטער שפּרונג פון סאַמע נאָנטסטן פריער. אַ מאַניפעסט פון אולטראַ־מאָדערניזם. ניט שייך צו זאָגן — ריכטונג. ס'איז אַ צולהכעיס פון יעדן אַנ־דערש, פון יעדער נייקייט, פון איטלעכן קאַפּריז. ס'איז אַן אַלערליי עקסצענטרישקייט פון פאָרמען, סטילן, נוסחאות און קאָנצעפּציעס. אַ סמבטיון פון איראָניע, חוזק און אפילו גראָבע רייד — און אַ „קינדער־צימער" פון האַלב־וואָרט און האַלב־גערייד, פון שטאַמל־קלער און שטאַמל־אָנונג. ס'איז אַ פאַלמעסן פון היינט און תחית־המתים פון עבר. דאָ וועט איר פאַרנעמען „שתהלימדיקע רייד" און וועט הערן ווי „דאָס פאָלקס־ליד זינגט דעם שניידער". דאָ וועט איר כאַפּן דעם אמתן פאַטש אין פנים — ווער איר זאָלט ניט זיין: אַ יובילאַר, אַ פירער, אַ פאָעט צי לכל הפחות אַ מענטש. און דאָ וועט איר קענען אויפרעגן זיך, ווי מען באַרעדט די וואָדעווילישע־קלוגע און טאָקיש־ריידנדיקע זעכצניעריקע; דאָ וועט איר געוויס צע־שמייכלען זיך און אַליין הנאה האָבן פון דער אַוואַנטיורע צווישן עגמאָנען און „דאָס אַלמאַנכען"...

ווי קומט עס אָבער, אַז אפילו די דיכטערישע שמד־שטיק זאָלן זיך פאַרוואַנדלען גאָר אין קונסט־שטיק? — דער תירוץ איז: אימאַזש און אַרטיקולאַציע מאַכט עס גאַנץ און מאַכט עס עכט. און דאָס איז אויך — פאַר דער עכטקייט פונם ליד — די פּראָבע.

ווי אַ ביישפּיל קען דאָ דינען איינס פון גלאַטשטיינס שפּעטער־דיקע לידער, וואָס איז אולטראַ־פוטוריסטיש. דאָס קעפּל פונם ליד

איז אַליין אַ גאַנצע סטראָפע, און ס'לייענט זיך אַראָפּ אין עלף שורות: „צו אַ פריינט, וואָס וויל זיך נישט ברעכן דעם לאָקשנ־ברעט, ווייל עס איז אַזוי אויך שווער צו גיין אויף יאַגד ווען די ביקס איז שטומפיק און די ליבע צערטלעך ווי אַן אַלטע קאָלדרע". דאָס ליד אַליין האָט איבער הונדערט שורות. אַ לאַבירינט אין פאָרם און אין תוך. אַלע אירע הונדערט שורות ציען זיך און שלענגלען זיך איינע נאָך די אַנדערע אָן שום פּונקטואַציע, אָן שום אָפּשטעל.

דער אָנהויב הויבט זיך אָן ווי פון אַ מיטן:

„און עס איז שווער צו פאַרנאַנדערן
אַלץ אין ווערטערטומל פון רווישיקער
עברי פון טייטש און זאָג און מיין
און פאַרקערט מיט סתירותדיקער איינשטימי —
קייט ווען אַ בלאַט איז פשוט גרין
און קופּערוויט אין ווינטעראָנזאָג
פון וועלט צווישן וואָס דרייט אַריין
דעם פאַנאַר ביינאַכט ווי אַ שטיל
הויז און וואַכט מיט אַן אויג
און זעט טאָפּלט זיך און זיך
אויפן אויבערפלאַך אין טיפן
און דאָס איז אפשר אַ שיין
פון אַן אמת־שאָטן אָדער
אַ פאַרשפּיל צו אַ געשעעניש
איז אָבער גלויבן און איבערגלויבן
אין הינטערגלויבן ליגט וואָס
צום שטילן טומל פון קעניגרייכן
און שווערן זיך מיט געטריישאַפטן
צום אונטערטאַנער וואָס פאַרדינט נישט
און בויט און אַרבעט
און מאַכט רייך די גאַנצקייט אומעטום" — — —

מען מוז זיך אָפּשטעלן; ווען ניט—פאַרפעלט דער אָטעם. איבער הונדערט שורות וויקלען זיך אין אַלערליי אומפאַרשטענדלעכ־

קייטן און פאַרפלאָנטערטקייטן, אַז עס נעמט אַזש פינטלען אינם זינען... אָבער אויך אפילו דאָס סאַמע אומפאַרשטענדלעכסטע פון זיינע לידער קען מען מוחל זיין (אויב מען איז ניט נערוועז!) דעם אַלאָגיזם, די האַרבע עברי, די אָנפּאָבולאַרקייט. און אפילו די נעאָ־סאָפיסטיק — די מאָדערניזירטע פילאָסאָפי־פּשטלדיקייט, — מוחל זיין צוליב דער אייגנאַרטיקער אַרטיקולאַציע פון לשון און קרעפ־טיקן אימאַזש, וואָס איבערראַשט און איבערצייגט. ווי אַ באַווייז — עטלעכע מעטאַפאָרן: 1) די ליבע איז צערטלעך ווי אַן אַלטע קאַלדרע. 2) קלאָר ווי אַ קינדערליד אָבער ווי די שווייצרעגיר. 3) מיין שטים איז ריינסטער פלייט. 4) (דער מאָרגן) שפּאַנט סיי ווי אויף שטעקשיך, שאַרט אַוועק די בלויע פאַרהאַנג און פאַר־נויגט זיך: עך בין דאָ!

פאַראַנען לידער ביי אים, וואו שורות וויקלען זיך איינע נאָך די אַנדערע מיט מעטאַפאָר און בילד. לידער — גאַנצע קאָמפּאָזיציעס פון בילדער — אין וועלכע אויך אַבסטראַקציעס ווערן ביי אים — קאָנקרעט.

כדאַי אפילו צו ברענגען ביישפילן, געציילטע, פון אַלע זיינע פיר לידער־ביכער. אין ערשטן בוך זיינס „יעקב גלאַטשטיין" (1921):

1) דאָס בלאָנדע מיידל ביי דער האַרף איז דאָך אַ רויבער אַ פאַרשטעלטער: מיט אַ גאָלדענעם מעסער האַקט זיך אָפּ די בלויע קעפּלעך פון די טענער און לאָזט זיי צאַפּלענדיקע אין לופט. 2) רייטן ווערטער אין מעלאָדיען־דרייך אויף גאָלדענע רייטוועגן. 3) די פינ־גער פון דיינע הענט זענען זיך ווי קליינע קינדער פאַרגאַנגען אין טרערן. 4) כ'האָב אָנגעשריבן לאַנגע בויגנס גראָע האָר און טיפע קנייטשן.

אין „פרייע פערזן" (1926): 1) יעדע נייע שעה באַרשט אויס פון מיר דעם זייד־וועב פון מיין געוועזנקייט. 2) איך בין אַן אכסניה פאַר געשעענישן. 3) ווי אַן אַלטע געביידע איבער צאַפּלדיקער ערד קרומט זיך דיין לעבן איבער דיינע גלידער. 4) דעם פרעכן אויג פון נייגער שטעלט אַרויס אַ צונג מיין אַראָפּגעלאָזטער גאַרדין. 5) די איינזאַמע סטעזשקעס פון שוואַרצע אייביקע וועגן וויינען מיט

זייער אייגענעם געוויין צו די טויבע אויערן פון פינצטערע נעכט. 6) די צייט שפּאַנט פויל אין טיפע וואַרעמע שטעק־שיך.

אין „קרעדאָס" (1929): 1) גייט יונג זומער ווי אַ שדכן אַרום. 2) דער זומער קומט אויף גרינע קוליעס און בעטלט אויס אַ פּאַרמעגן פון שיינקייט. 3) ער טרייבט ווי אַ שוואַרצע קאַץ איר קול דורכן פענצטער. 4) זיבעצן שליירן האָב איך געשלעפּט פון אירע חנעוודיקע רייד. 5) איר ליבע פּאַר אים איז געוואָרן גע־וואוינהייט ווי אַ הויקער. 6) אַ לאַנגער שטומער וויאָלאָנטשעל איז זי געלעגן אויפן בעט. 7) צוויי אַלטע לייט זיצן און ווייזן געמיטלעך אַ פייג די יאָרן זייערע, וואָס ציילן זיך הויך אויפן קול. 8) נעמען פון פוילנס שטעט, שווימען נאָך אום ווי מרחץ־בלעטלעך אין מיין זכרון.

אין „יידישטייטשן" (1937): 1) גאָטבעכי איז אַ מלאך, וואָס האָט נישט מורא פאַר דעם דרויסן. איינער אַליין, אין דער פינצ־טער, ליגט ער אויסגעשטערנט איבערן הימל. 2) טאַטע־מאַמע זע־נען פון איר אָפּגעשלאָפן עטלעכע מייל. 3) די ווייסט, טענהט ער, מיט אַ קול אַ שטילס, ווי אַן אַריינגעדרייטער לאָמפּ. 4) ביי די טייכן אַזאַ שעפּסענע שטילקייט. 5) דער טאָג קומט אַלעמאָל, ווי אַ גרויס וואונדער אין אַ פרעמד הויז. 6) דער גאַנצער שווערער מאַן קריגט מורא פאַר דעם האַרעם מיט וועלן, וואָס ברויזט אין דעם דינעם מיידעלשן ווייב. 7) דאָס אידישע לעבן — אַ לאַסט־קעמל קומט צו מיר שווער באַלאָדן מיט קלוגע אידישע אויגן, אָן פאַר־וואורף. 8) אויף טויבנפיסלעך היפּט לשון־קודש מיט חנעוודיקע יידישטייטשן.

ח

אַז גלאַטשטיין איז עקסטרעם־מאָדערנע איז קיין סוד נישט. עס זעט זיך אויך, אַז ער אַליין איז — מאַסקעראַד אין דער אידישער פּאָעזיע: פיל געשטאַלטיק, פיל קאָסטיומיק, פאַרמאַסקירט און אָפּנ־פּנימדיק, פאַרגרימירט און נאַקעטפּנימדיק, קינד און גרייז, אַריס־טאָקראַט און עמך, פּראַנט און תלמיד־חכם, קלאָון און קינסטלער, איידערצייטיק און נייצייטיק, אַלטמאָדיש און צעבראַסטיעט, — אַ

סוד איז בלויז זיין גאַנצער נייער שטייגער — א י ז דאָס ריכ־טונג? ה י י ס ט דאָס ריכטונג? וואָס׳ער ריכטונג איז דאָס?

צוויי ריכטונגען — שוין איצטער ניט קיין נייע — וויגן אום די וואָגשאָל פון זיין שאַפן. פון איין זייט — וואָרטשאָפונג, נאָוואַ־טאָרישקייט, מעכאַנישקייט, הייגטצייטיקייט, נייער קלאַנג און וואָרט־בינדונג, אַלאָגיזם און אפילו „אומזין" — די ריכ־טונג רופט זיך: פוטוריזם. פון דער צווייטער זייט — בילד. אָפּ־געשלאָסענע שורה — אָפּגעשלאָסן בילד. הייגטצייטיקע ריטמיק פון בילדער. געפּרעסטע און פאַנאַנדערגעעפנטע עפּיטעטן. די לאָ־גיק פון איבערצייגונג ווערזוס לאָגיק פון געדאַנק. אויסגעטראַכט־קייט ווערזוס געפיל. אינדיווידועלער ריטם ווערזוס מוזיקאַליש־קייט. וואָרט און בילד וואָס איבערראַשט. קאָנצעפּציע, וואָס רופט אַרויס ביים לייענער דעם מאַקסימום פון אינערלעכן אָנשטרענג. פרייער פערז. אייגנאַרטיקייט פון סטראָפיק — די ריכטונג הייסט: אימאַזשיניזם.

נאַטירלעך, זענען דאָ אויך אין זיין שאַפן — ווי ביי יעדן קינסטלער — סתירות. ניטאָ ביי אים קיין סתירות בנוגע דעם אַלטן קוק און שטייגער, פאָרם און אויסדרוק. דאָס נייע — מעקט עס אויס. סתירות און גערעַנגל זענען פאַראַנען אין זיין שאַפן, בעת די ריכטונגען פאַרשיידענע גייען דורך אין דעם און יעדע איינע וויל עס דאָמינירן. און אפשר זענען זיי ווי כוואַליעס, וואָס שפּרינגען איינע איבער די אַנדערע. די קלענערע — זיי שוימען אויס די כחות; און נאָר די גרעסערע, די שטאַרקערע, די אימפּעטדיקסטע קומט אָן צום ברעג און קלינגט אים אָן איר בשורה און פאַרלאַנג.

די בשורה ליגט — אין לעצטער ריכטונג. אַ ריכטונג, וואָס איז גלאַטשטייניש אינגאַנצן.

גלאַטשטיינס פּראָזע

א

גלאַטשטיינס פּראָזע, איז דערגאַנצונג צו זיין ליד. המשך און עקספּאַנסיע. וואָרן אין דער פּראָזע זענען זיך צונויפגעקומען אַלע ליניעס פון זיין ליד, און זיי האָבן ניט געדאַרפט פאַרשליסן זיך אין קרייזן, נאָר האָבן דאָ געקענט, אי ציען זיך גלייך, אי מאַכן ברייטערע און בולטערע קרייזן.

גלאַטשטיינס פּראָזע איז נתגלה געוואָרן דורך אַ רייזע, וואָס דער דיכטער האָט געמאַכט אין גאָר אַ קורצער צייט, — אַ נסיעה, וואָס געגעבן האָט אים שטאָף פאַר גאָר אַ גרויסן בוך.

זיין בוך „ווען יאָש איז געפאָרן".

פאַרוואָס איז אָט דאָס בוך ביי אונדז אַ חידוש? — דער חידוש ליגט אין דעם, וואָס פון אַ ניין־טאָגיקער נסיעה אויפן וואַסער און יבשה איז אַרויסגעוואַקסן אַזאַ גרויס און וואָגיק בוך; אַ בוך, דורך וועלכן דער מחבר האָט אַנטפּלעקט זיך, כמעט אַלס שאַפער פון אַ נייעם זשאַנר: ניי אין תוך, אין אָנווענד און באַהאַנדלען דעם סיוזשעט, און ניי — אין פאָרם.

די פאַבולע: אַ מענטש לאָזט זיך פאָרן צו זיין אַלטער היים, צו זיין קראַנקער מוטער, וועמען ער האָט ניט געזען שוין צוואַנציק יאָר. דער סיוזשעט: אַ קנופּ פון באַגעגנישן און פּאַסירונגען, אין קורצן משך פון די ניין טעג, ווי ער איז אַרויף אויף דער שיף, ביז ער איז געקומען אַהיים.

ב

עס איז אַ סברה, אַז פיל גרויסע דיכטער, ס'הייסט, די וואָס האָבן געשריבן אין מעטרישער פאָרם, האָבן אויך געשריבן גוטע פּראָזע. מיט דעם ווערט אָפּגעפרעגט די הנחה, אַז אַ פּאָעט קען נאָר זיין דעסקריפּטיוו, אומפּאַסנד און אויסגעברייטערט ביז אַ געוויסער מאָס — און נאָר אין איין פאָרם. ס'ווייזט, אַ דואַליזם פון

אייגנשאַפטן, וואָס זענען איינע די אַנדערע ניט סותר, נאָר פאַר־קערט — זענען זיך משלים.

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין האָט געשאַפן אַ גוט בוך אין פּראָזע. דער נייס איז נאָר אין דעם, וואָס ער האָט דעצידירט דעם ביז־איצטיקן, דאָס רוב סקאַרבאָוון, לייכטן, אויבנאויפיקן רייזע־נוסח ביז קינסטלערישער אַקומילירטקייט; וואָס ער האָט דאָ געגעבן — אַ חוץ דעם „איינ־דרוק", אויך די „שילדערונג" און „באַשרייבונג".

דער רייזע־מאָטיוו איז, דאָס רוב, געווען ביי אונדז אַ ביי־זאַך און אַ לייכטער ענין. איז אַ שרייבער, סטאַביל אפילו ווי אַ קינסטלער, אַרויסגעפאָרן אין דער ברייטער וועלט, — לא די וואָס ער האָט ניט אַנטפּלעקט דערשיינונגען מחוץ אים, איז גאָר זיין אייגענע וועלט, וואָס אין אים, געוואָרן אויף דער רייזע היפש מטושטש און צעשוואומען. דאָס וועזנטלעכע וואָס אין אים — באַאָבאַכטונג, שוואונג, פאַנטאַזיע — איז אויפגעלייזט געוואָרן אין מליצה, סענטימענט און פסעוודאָ־ראָמאַנטיזם. אַנדערע זענען גע־פאָרן „שטודירן"; האָבן געזוכט אין דער ברייטער וועלט זייערע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע חשבונות, זייערע ענג־פּאַרטייאישע באַווייזן. — נאַטירלעך זענען אויך געווען אַזוינע רייזנדיקע שרייבער, וואָס האָבן בנוגע דעם געגילט ווי אַן אויסנאַם.

גלאַטשטיין האָט אָבער ניט פאַרגעסן מיטצונעמען אויף דער רייזע — זיך אַליין. און דעם זיך אַליין האָט ער ניט געלאָזט פאַר־וויגן אין טרוימערייען, אָדער להיפוך גריבלען זיך אין חשבונות, — נאָר האָט אים געהייסן, אויף דעם חשבון פון דער רייזע, פון די צופעליק געטראָפענע פאַרשוינען, — שילדערן די עפּאָפּיי פון מענטש און צייט; און דערביי „געהייסן" אים אַנטפּלעקן אַלע אַט־ריבוטן פון זיין אַנדערשקייט, אַלע עלעמענטן פון זיין קינסטלערישן אייגנאַרט.

גלאַטשטיין האָט באַוויזן, מיט „קפיצת הלשון", דווקא אויס־צוברייטערן די ספערע פון צייט און שטח, אַקטואַליזירן דעם טי־פּאַזש און „סביבה" און פאַראַלגעמיינערן עס, פּונקט ווי די גאַנצע רייזע אויף דער שיף וואָלט ניט געווען קיין עפּיזאָדישער אינצי־דענט, נאָר אַ געשעעניש. אין פלוג, איז די גאַנצע באַשרייבונג —

אַ מאָסן־מאָנאָלאָג, אין וועלכן פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן אַק־צענטירן זייער אַנדערשקייט ; אַ מאָנאָלאָג מיט אַלערלייאיקן טעמבר, דיקציע און אויסדרוק, — אָבער איז די האַנדלונג און דאָס לשון אַזוי גלאַטשטייניש פאַרסטיליזירט און ס'קולמינירט אַזוי צום קינסטלערישן באַוויז, — אַז עס גייט אַרויס פון יעדן גדר פון געוויינלעכקייט — און פאַרגעגנלעכקייט.

ס'דוכט זיך אַמאָל, אַז דער דאָזיקער קיבוץ פון מענטשן, פון פאַרשיידענע גלויבנס, מינים און כאַראַקטערן — אידן און נישט אידן, פרויען און מענער — איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך גלאַט־שטיינען ווי אַן אויסשטעלונג, וואָס באַלויכט די מאַטעריעלע און גייס־טיקע היינט־צייטיקייט. אַ קאַלירפולע דעמאָנסטראַציע פון פאַר־שוינען־עקספּאָנאַטן, פון וועלכע באַזונדער בולט צייכנט זיך אַרויס — דער אידישער עלעמענט.

ג

ווי אַ רייזע־בוך, פאַרמאָגט עס טאַקע ניט קיין איינהייטלעכן סיפור־המעשה, קיין צענטראַלע פונקטן און קיין — קנופּ. עס פאַלט פונאַנדער זיך אין פרייע, זיך ניט בינדנדיקע מאָטיוון, ווי דער שטייגער פון אַן אַנפּאַבולאַר ווערק. די „האַנדלונג" קומט דאָ טאַקע פאָר אין אַ באַשטימטן אָרט (דריי פּערטל אויף דער שיף, דאָס איבעריקע — אין באַן, שטאָט און הויז), נאָר זי אַנטוויקלט זיך ניט אין אַ סיסטעמאַטישן און פעסט באַשטימטן סדר. אַזוי, למשל, פלעכטן זיך אין גאַנצן גאַנג פון דער באַשרייבונג : מאָנאָלאָג און דיאַלאָג, שילדערונג און רעזאָנירונג, באַאָבאַכטונג און נאָכטראַכ־טונג, אימפּרעסיע און גענויע באַשרייבונג. עס טרעפט גאָר אָפט, אַז אין דעם סאַמע מיטן פון אַן אַקטועלער סצענע, גשפּרעך צי סיטואַציע — הויבט זיך אָן אַ מאָנאָלאָג פון רעזאָנירונג איבער אַלע מיני זאַכן און פּראָבלעמען ; אָדער גאָר אַן אויפמיש פון זכרונות, וואָס עס טראָגן זיך אין ווייטער צייט און שטח פון דעם עבר און עס שטייגן־אויף אַ שלל פון היימישע געשטאַלטן, בילדער, סצענעס.

דער אָפּטער אָפּווייך איז ניט אָבער קיין געוואַלט־ריס. עס איז דער קנייטש — עס זאָל ניט זיין, חלילה, קיין צופיל אויסגע־פּרעסטע גלאַטקייט ; ווי ס'איז גאָר אָפט ביי אים דאָס נאַקעט

וואָרט אַ מיטל, צו פאַרטרייבן די צביעות פון קאָנווענציאָנעלער צניעות... און ווי די עטוואָס חוזקדיקע איראָניע דערלאָזט ניט, אַז דער סענטימענט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין סענטימענטאַליזם.

ד

די גאַלעריי פון מענטשן. דער פאַן פון דער סביבה איז אויסגעפּילט געוואָרן מיט דער אייגנאַרטיקסטער פּראָצעסיע פון בולט־לעבעדיקע געשטאַלטן. לעבעדיק — ניט בלויז אין זייער בלוט און פליישקייט, נאָר אויך אין זייער צייטמעסי־קייט, אין זייער פּערזאָניפיצירן דעם אַקטועלן לעבן. נישט נאָר די גרויסשטאָטישע היינט־צייטיקע געשטאַלטן, נאָר אפילו די, וועל־כע האָבן אַרויסגערופן אַ רעטראָגראַדאַציע, אַ צוריקגאַנג צום אַמאָל, — זענען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסענע און ווייזן אָן דעם גאַנג פון מענטש און צייט, די גרענעצן און בריקן פון לענדער און וועלטן, און די מעטאַמאָרפאָזע פונם לעבן. די אַלע מיני געשטאַלטן—סיי די רעפלעקטירטע אין זכרון און סיי די איצט געזעענע — זענען אויפן שטח פונם ווערק אַזוי פאַרקניפּט געוואָרן, אַז עס האָט גע־שאַפן זיך אַ בילד פון גאַנצקייט און האַרמאָניע. דער סוד ליגט אין דעם, וואָס אַלע די געשטאַלטן זענען געזען געוואָרן דורך דער פּריזמע פון אַ אידיש־מאָדערנעם קינסטלער.

די געשטאַלט פון אַ אידישן מסור — אַבעלע צימרינג:

„קיין איד אין שטאָט האָט ניט געהאַט קיין לענגערע באָרד פון אַבעלען — עס איז געווען אַן אמת שטיקל צירונג פאַר דעם פּנים. ער איז געגאַנגען פאַמעלעכן, ווי ער וואָלט שטענדיק שפּאַ־צירט, די הענט פאַרלייגט אויפן „זייט־זשע מוחל״ און געקוקט מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן פון אונטער דיקע, שוואַרצע ברעמען. ער איז שוין געווען גרוי ווי אַ טויב, אָבער די ברעמען האָבן בשום אופן ניט געוואָלט גרוי ווערן. ער האָט געוואָרפן אַ קוק אַהין און אַ קוק אַהער און פון צייט צו צייט האָט ער גענומען די רעכטע האַנט פון „זייט־זשע מוחל״ און לאַנגזאַם געגלעט און געצערטלט די שיינע באָרד זיינע. זיין קוקן איז געווען אַ סאָרט אינספּעקציע און דאָס ערשטע בעסטע אינגעלע, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן וועג, פלעגט ער צורופן און זאָגן:

— בני, זון מיינער, פון קוקן האָט נאָך קיינער קיין געלט ניט דערלייגט. האָסט שוין געדאַוונט? נאַ דיר אַ גראָשן און קויף דיר סאַכמעראָזש״.

איז דאָס אַזוי טיפּיש — און דווקא דורך דער איראָניש־גראָטעסקער שילדערונג—אַז עס אילוסטרירט צייט, שטייגער, סביבה.

און ניט בלויז דורך פּאָרטרעט־מאָלעריי, נאָר אויך דורך מאָ־נאָלאָג פון די „העלדן״. ווי היינט־צייטיק עס איז, למשל, אַרויסגע־קומען די געשטאַלט פון דעם בעסאַראַביער אידן, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אויף דער שיף, — דער איד „שנשבה לבין העכו״ם״.

דער „הויכער, ברייטפּלייציקער און מיט אַ ברייט מויל געזונטע ציין, וואָס קענען צעמאָלן אַ גאַנץ ברויט״ — האָט זיך צונויפגע־טראָפן מיט נאָך אַ אידן. און הערט נאָר אויף טשיקאַוועס ווי אָט דער דאָזיקער רעדט זיך אָראָפּ פון האַרצן, און מיט וויפיל ליבשאַפט אַגב גלאַטשטיין ווייזט אָן אויף דעם אידיש־מענטשלעכן פינטעלע:

„און כאָטש איך בין אַ בירגער פון קאָלאָמביע, ציט עס מיך קיין בעסאַראַביע, דאָרט וואו מיין מאַמע זיצט און שרייבט מיר טרערנדיקע בריוולעך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. מיין טייערער יאָסעלע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבוואָהל, שרייבט זי מיר. איר קוקט אָן אַ יאָסעלע, אָבער ביי דער מאַמען בין איך נאָך אַלץ אַ קליינס, אַ שוואַכס, אַ דאַרס, אַ גרינס, וואָס האָט געהאַלטן אין איין כאַפּן פּעטש ווי די ברעטער פון טאַטן. דער טאַטע — עליו השלום, האָט געהאָט אַ הענטעלע, מיט אַ בינטל פינגער, וואָס טאָ־מער האָט ער דיר אָנגעצייכנט אַ פּאַטש, איז עס געווען אַ שטיק איידעלע מלאכה. די מאַמע האָט געמאַכט קולות, סטייטש מען הרגעט אַוועק איר יאָסעלען״.

מעג עס אפילו זיין עטוואָס צוגעפּוצט, סטיליזירט דורך גלאַט־שטיינען, — אָבער שוין אפילו אַזאַ מין שטיקל מאָנאָלאָג, באַווייזט אויף אַ „שטיק איידעלע מלאכה״. מחמת עס שטייט אויף פּאָר אונדז אַ געשטאַלט, וואָס איז פשוט־מענטשלעך און רירנד; מחמת מיט אַ פּאָר קנאַפּע שטריכן, ווערט געוויזן אַ היינט־צייטיקער איד, וואָס איז געפּאַנגען אין דער נעץ פון אומשטענדן און צאַפּלט זיך צו זיין מקור.

אַזוי איז אויך דער איד אין די שטעק־שיך, פון וועמען ס׳האָט געשלאָגן מיט שבתדיקער מנוחה און זיין אַנטיפּאָד — דער „אומ־סימפּאַטישער״ האָלענדישער איד, פון וועמען עס האָט געשלאָגן מיט... דעגענעראַציע. אַזוי אויך די געשטאַלטן פון דענטיסט, סאָפיע יאַקאָוולעוונאַ, לאַטווישע, דאַמע, דר. כירורג און אַלע אַנדערע, זענען אַזוי וואָרהאַפטיק געצייכנט. דערצו נאָך — דער זאַפטיקער דיאַלאָג, וואָס פּילט אויס די האַנדלונג, איז אַ מוסטער פון קינסט־לערישער פּערפעקציע.

רייך ביי גלאַטשטיינען איז אויך די גאַלעריי פון ניט אידישע געשטאַלטן. איר האָט דאָ עכטע אַמעריקאַנער, אַמעריקאַניזירטע און ניט אַמעריקאַניזירטע. איר האָט דאָ אַ בונטע רוסן־גרופּע, אַ סקאַנדינאַווער, אַן ענגלענדערין, אַן אַמעריקאַנער פינלאַנדערין, אַן אַמעריקאַנערין פון וויסקאָנסין, אַ פּראָפעסאָר, אַ סטודענט, אַ האַרעפּאַשנער אַמעריקאַנער מיט זיין צעניאַריק מיידעלע, אַ מר. לאָוסאָן, אַ פאַרלעגער, אַ פּרינציפּאַל פון אַ שול, אַ פּיאַניסט פון ענגלאַנד, צוויי פּוילישע פּרויען, — און נאָך און נאָך. איר האָט געשטאַלטן פון דער ווייטערדיקער רייזע אויף דער באַן, אין פּאַריז און אין היימישע מקומות. איר האָט אַ שלל פון פיגורן, וואָס אפילו אַלס סטאַטיסטן, צייכענען זיי זיך אַרויס מיט זייער באַזונדערקייט, — יעדער איינער האָט זיין ראָל און פונקציע, זיין ספּעציפישקייט און קאָלאָריט.

ה

דריי הויפּט־עלעמענטן אינם ווערק שטעלן צונויף אַן איינ־הייטלעכקייט פון אַ נייעם מין פּראָזע: ט ע מ אַ ט י ק, ט י־פּ אַ ז ש און פּ ר אָ ב ל ע מ אַ ט י ק.

די ט ע מ אַ ט י ק איז אַן אַקטועלע. זי כאַפּט אויף די לעצטע שבלעצטע דערשיינונגען און פּאַסירונגען און פאַרפיקסירט זיי: דאָ ווערט געשמועסט וועגן דער „אייביקער״ אידן־פּראַגע; דאָ ווערט אויסגעטייטשט איר נייסטער „נוסח״. דאָ רעדט מען און מען דיסקוטירט איבער שפּראַך, פּאָליטיק, מלחמה, רעוואָלוציע, באָלשעוויזם און — להבדיל — היטלעריזם. מעג עס זיין דירעקט און אַמאָל בלויז פּאַראַדאָקסאַל און אַפאָריזמנאַרטיק אַריינגעטשעפּעט, — איז עס פריש און צאַפּלדיק, ווי שטיקער לעצט־מינוטיקע זשורנאַליסטיק

(ניט לגנאי, נאָר דווקא לשבח איז דאָס געזאָגט!); איז עס לע־בעדיק, ווייל עס אָטעמט מיט היינטצייטיקייט, און עס לאָזט הערן פון אַ נייעם לעבנס־קוק און לעבנס־שטייגער.

דער ט י פ אַ ז ש געווינט שוין מיט דעם אַליין, וואָס ער איז פאַרשיידנאַרטיק. די הויפּט „האַנדלונג" און „אַקציע" ליגט אין די שמועסן. זענען זיי דערפאַר אַזוי אַקטועל און אינטערעסאַנט, אַז זיי זענען מחיה די אַלערליי סיטואַציעס. אָבער שאַרף געצייכנט איז אויך דער אויסערלעכער אויסזען פון די מענטשן; דער שאַרפער שטריך ברענגט אַרויס דאָס העויהדיקע און נשמהדיקע פון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער. דאָס זעלבע דער טיפּאַזש פון אַ פריערדיקן דור, וואָס ציט זיך דורך אין זכרון, — און אויך אין די נייע באַגעגענישן אויפן שוועל פון דער היים, — איז ניט קיין דיסאָנאַנס אין דער קאָמפּאָזיציע, נאָר פאַרקערט אַריינגעוועבט מיט טאַקט און מאָס.

די פּ ר אָ ב ל ע מ אַ ט י ק איז אַן אַקטועלע. הגם אַן דאָג־מעס, אַקצענטירט זי אָבער דעם אידישלעכן און אַפילו נאַציאָנאַלן מאָמענט... און ווי גלאַטשטיין זאָל עס ניט וועלן, צוליב קינסט־לערישע סיבות, פאַרשנורעווען און פאַרדעקן, קריכט עס אַרויס, ווי אַן אַל, פון זאַק...

ועל כולם, דאָמינירט אין בוך אַ נייע און אייגנאַרטיק אידיש לשון. עס סינטעזירט: ראַפינירטקייט פונם וואָרט, דינאַמישע זשור־נאַליסטיק און קערנדיקע אידיאָמאַטיק.

דאָס בוך איז געשריבן מיט אימפּעט. דער שרייבער האָט מיטגעפירט און אויסגענוצט זיין גאַנצן באַגאַזש גרויסשטאָטישקייט: אומרו, סקעפּטיציזם, גראָטעסק, געדאַנק־ און וואָרט־אַקראָבאַטיק („די צונג מאַכט אַקראָבאַטישע שטיק") און שפּיל פון איראָניע און שפּאָט. דערצו נאָך — וואָס ער זאָל ניט שילדערן און וועגן וואָס ער זאָל ניט דערציילן, באַנוצט ער קיינמאָל ניט דעם באַ־וואוסטן עפּיטעט, — דער אָריגינעלער דיכטער אין אים קומט אים שטענדיק צו הילף מיט אַ פרישן מעטאַפאָר, מיט אַן אייגן אויס־געפאָרמירט ווערטל, מיט אַ זאַפטיקן אימאַזש.

גלאַטשטיינס ערשט בוך האָט אין זיך די טאָפּלטקייט פון נייעם ליד און פּראָזע.

א. קאָראַלניק

דוכט זיך, אַז מען זאָל בלויז נעמען אַלע נעמען־קעפּלעך פון קאַראַלניקס הונדערטער עסייען און צונויפשטעלן זיי, איינע נאָך די אַנדערע, ווי זיי שטייען און גייען, אָן שום סדר, — וועט באַקומען זיך גאָר אַ היפּשע, גאָר אַ פיינע לירישע פּאָעמע, וואָס וועט אפשר אינם שפּיל פון געדאַנקען־דיסאָנאַנסן און געדאַנקלעכע אימפּרעסיעס, זיין אַ וואונדערלעכע עקספּרעסיע פון מאָדערנעם, עסעאיסטישן געדאַנק.

פיר פערזן־קעפּלעך פון עסייען:

די אילוזיע פון גייסט: אויף דעם פאַרשטויסענעם שטערן, פאַר־געסנדיק די צייט — דער כישוף פון נוצלאָזיקייט.

ס׳איז דאָך נאָר געבראַכט דאָ בלויז ווי אַן איינפאַל. — אָבער איז דען ניט יעדע מינדסטע קאַראַלניקשע עסיי נישט קיין איינפאַל פון געדאַנקען?

און איז דען ניט בכלל יעדער נייער, אַנדערשדיקער געדאַנק, בלויז אַן איינפאַל?

און איז דען ניט אפילו אין דער וויסנשאַפט, וואָס אָפּערירט מיט פאַקטן און מיט פעסט־באַשטימטע געזעצן, דער עקספּערימענט — דער וויסנשאַפטלעכער געדאַנק — און זיין פועל יוצא — די דערפינדונג — נישט קיין איינפאַל? —

אַפילו אין דער „מעשה־בראשית” — אַ פריער איז געווען דער „איינפאַל” פון באַשאַפן; און דערנאָך „וירא אלהים כי טוב”, ערשט נאָכדעם האָט גאָט ד ע ר ז ע ן, אַז ס׳איז גוט...

דער אמתער קינסטלער האָט ניט קיינמאָל קיין סקאַרבאָוון נוסח און מעטאָד פון שאַפן. ביי אים איז פריער דער אוממיטל־באַרער „איינפאַל” פון געדאַנק און אינטואיציע, — דער נישט פאַראויסבאַרעכנטער, איינפאַלערישער, קאַפּריזנער „מוז”, וואָס ברויזט און בליצט, גלעט און האַמערט, קנעט און פורעמט, באַ־צווינגט דעם חמר, גיט אים אויסזען און געשטאַלט און בלאָזט אַריין אין אים אַ לעבעדיקן אָטעם, — און נאָכדעם ערשט ד ע ר ז ע ט ער (און מיר אַלע דערזעען) — אַז ס׳איז גוט.

* * *

די קאַראַלניקשע עסיי האָט קיינמאָל ניט קיין גלייכע ליניעס. זי איז אַ לאַבירינט. זי איז פאַרפירעריש: מען ווייס ניט וואו זי פירט און וואו זי קען דערפירן. זי איז אין פלוג באַלויכטן מיטן העלסטן, קלאָרסטן וואָרט; זי איז אַזוי צעעפנט־לופטיק אין איר לשון; זי איז אַזוי צעבליט אין אירע בילדער, — און דאָך האָט זי ניט קיין אויסגאַנג־פונקט פאַר קיין שום צוועק און תכלית. וואָרן ווי קען זיין דאָ אויסגאַנג־פונקט, ווען דערגרייכן איז דאָ — גיין: שפּאַצירן „אין דעם גאָרטן פון עפּיקורוס״; עולה־לרגל זיין צו דער מעקאַ פון די זיבן קונסטן; שפּאַנען אויף די מלחמה־וועגן פון דער צייט; קלעטערן אויף בערג פון שיינקייטן, — דער ציל איז דאָ — דער גאַנג אַליין.

און זאָל ניט גרינג זיין אין דיינע אויגן — אפילו דער שפּאַציר. די גריכישע פילאָסאָפן האָבן אויך שפּאַצירט; און האָבן אַזוי אַריינגעשפּאַצירט — אין דער אייביקייט.

אָבער וואָס עס איז דערלויבט אַ פילאָסאָף, בפרט נאָך פון דער אַמאָליקער צייט, איז ניט דערלויבט אַ היינטיקן אידישן עסיי־איסט. היינט דאַרף מען דאָך שטיין בלויז אויף אַ באַריקאַדע. מען טאָר זיך ניט דערלויבן שפּאַצירן.

אָבער איז קאַראַלניקס שאַפן געווען דען בלויז — שפּאַציר? — אפשר וועט דערלויבן זיך דאָס זאָגן דער, וואָס אונטערשאַצט די קונסט פון דער עסיי בכלל און קאַראַלניקס ראָל אַלס אידישער עסייאיסט בפרט.

„עסיי״ אין ווערטער־בוך איז — פּרואוו. אָבער שוין דער פאָטער פון עסיי — מאָנטען, און דערנאָך די ענגלענדער דע־קווינ־סי, טשאַרלז לעם און קארלייל, דער אַמעריקאַנער עמערסאָן און אַנ־דערע, האָבן באַוויזן, טאָקע דורך זייער עצם שאַפן אין דעם דאָזיקן געביט, אַז די עסיי איז אַ קונסט פאַר זיך אַליין.

דער עכטער עסייאיסט איז בעצם אויך אי בעלעטריסט, אי דיכטער. פאַנטאַזיע, שוואונג, געדאַנק, עמאָציע, מוזיק און בילד, זענען אויך דאָך די עלעמענטן אינם שאַפן פונם קינסטלער־עסיי־איסט. לחלוטין אַנדערש זענען ביים בעלעטריסט און דיכטער און

פון דער צווייטער זייט ביים עסייאיסט — די פאָרם און דער מעטאָד.

דער בעלעטריסט דאַרף זיך האַלטן אין די ראַמען פון זיין קאָמ־פּאָזיציע: געבן טיפּן, כאַראַקטערן, סיטואַציעס און דערביי זאָל זיין אין דעם אַ גרונט־פאַרב און אַ הויפּט־מאָטיוו. אויסגעהאַלטן מוז ער זיין אין דער אידייע און אין דער געשטאַלטונג. ער מוז האָבן אַ קינסטלערישן „אני מאמין”. דער דיכטער־עפּיקער — דאָס זעלבע.

דער עסייאיסט קען זיך דערלויבן „פריי” זיין. מער זיך אויפ־הויבן „אויף די פליגלען” פון שטימונג. ער קען זיך דערלויבן אויך „לייכט” זיין: באַהאַנדלען שווערע פּראָבלעמען מיט לייכטע מיט־לען; אָנפילן פילאָסאָפישן ווייַן אין שפּילעוודיקן בעכער; אַראָפּ־רייסן אמתן מיטן מעדיום פון שיינעם ליגן. זיין אַנדערש: באַציען זיך ערנסט צו קלייניקייטן און סקעפּטיש — צו אַנגענומענע מיי־נונגען. ער קען זיך אויך פאַרגינען זיין אַמאָל אַן אויסטייטשער, הגם אַ גייסטרייכער, הגם אַזאַ, וואָס טייטשט אריין זיינע אינדי־ווידועלע אמתן... און זיין בלויז אַ אינטערעסאַנטער שמועסער און דערציילער, וואָס לייגט אַמאָל אַריין אין דערציילן זיין האַרץ און נשמה... — דער עכטער עסייאיסט מוז אָבער שטענדיק זיין אַ מייסטער פון פאָרם.

און נאָך אַ שטריך מאַכט זיי, אָט די ביידע מיני קינסטלער אַנדערש:

בעת די בעלעטריסטיק, צי עפּישע ליד מוזן האָבן די פאַרמיט־לונג פון אַ צווייטן צד, פון אַ העלד, אַ טיפּ, אַ געשטאַלט, וואָס דער קינסטלער רעדט דורך א י ם, — איז די עסיי אַ דירעק־טע ווענדונג פון מענטש צו מענטש. דער עסייאיסט דאַרף ניט האָבן קיין פאַרמיטלער, קיין שדכן. זיין אינסטרומענט איז, ניט דאָס אויסגעדיכטעטע — נאָר זיין אייגענער סטיל, זיין אייגענער גע־דאַנק און דאָס איבערגעדאַנקען אַנדערע דענקער.

* * *

די עסיי ביי אונדז, ווי אַ באַזונדער מין פון שאַפן, ווי אַ לי־טעראַרישער זשאַנר, ווי אַ קינסטלערישער אייגנאַרט, — איז אויפ־

געגאַנגען אין איין צייט מיט דעם אויפשטייג פון דער ברייטער, פּאָליפאָנישער בעלעטריסטיק. דער רענעסאַנס פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער קורצער דערציילונג און ליד. ערשט אין די נאָך מלחמה־יאָרן, האָט זיך באַוויזן די לענגערע דערציילונג, דער ראָמאַן. מיט דער לאַנגער דערציילונג האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן צו באַווייזן די קורצע עסיי. פּאַראַלעל זענען געגאַנגען די צוויי מינים פון שאַפן: די לאַנגע שילדערונג, דורך דער פאַרמיטלונג פון כאַראַקטערן און געשטאַלטן — און דאָס ריין סוביעקטיווע דענקען.

אמת, אויך ביים סאַמע אָנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור, זענען שוין ביי אונדז געווען שרייבער פון דער לענגערער דערציי־לונג און אַפילו פון ראָמאַן, ווי לינעצקי, דינעזאָן, ספּעקטאָר. די אומרעגלמעסיקע עסיי, האָט זיך גענומען באַוויזן צווישן די מער האַפּטיקערע שאַפונגען פון פרץ, פרישמאַן, בעל־מחשבות. אויך די פילאָסאָפישע עסיי איז שוין ביי אונדז רעפּרעזענטירט געווען דורך דר. ח. זשיטלאָווסקי. שפּעטער האָבן מיר שוין אַפילו דעם אייגנט־לעכן און אייגנטימלעכן עסייאיסט נאָמבערג. אָבער זיי זענען גע־ווען איינצלנע דערשיינונגען, יוצאי מן הכלל. ערשט אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן, זעט זיך ביי אונדז דער העכסטער אויפשטייג, סיי פון דער ברייטער בעלעטריסטיק און סיי פון דער קור־צער עסיי.

אויב מיר זאָלן קורצשטריכיק און בלויז סימנדיק וועלן אויפ־שטעלן אַ מינדסט בילד פון דער עסיי ביי אונדז, דאַרפן מיר, הגם מיט אַזאַ קנאַפּן מיטל, פון אויסגעפינען ס׳פּינטעלע עסייאיסט, אונ־טערשטרייכן כאָטש אָן איינצל־סימן אין כאַראַקטער פון יעדן, וואָס איז מער־וויניקער רעפּרעזענטאַטיוו אין דעם דאָזיקן געביט:

ב ע ל ־ מ ח ש ב ו ת — געמיטלעך־ליריש. פ ר ץ — בליי־ציק, שאַרף, רמיזהדיק. פ ר י ש מ אַ ן — צערטלדיק און בייסיק. אָבער אויך ליריש און איראָניש־סאַרקאַסטיש. נ אָ מ ב ע ר ג — קלוג און סקעפּטיש. ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י — מסביריש־פילאָ־סאָפיש. ד ע ר ל ע ב ע ד י ק ע ר — הומאָריסטיש־שפּאַסיק און — ערנסט; קורץ, אַפילו ווען באַריידעוודיק. מ ש ה נ אַ ד י ר — ק אַ פּ ר י ז, איראָניע, איינפאַל, וואָרט־שפּיל. ח י י מ אַ ־

וויטש —סקעפּטיש, שנוי ערכינדיק. א. גלאַנץ — געדאַנקלעך וואָגיק. חיים גרינבערג — אינטעלעקטועלע עלעגאַנץ. ראַוויטש — דערפינדעריש אין נעגאַציעס און אַפּאָטעאָזן. חיים ליבערמאַן — בילדעריש און עמאָציאָנעל. אַלמי — ראַציאָנאַל און איראַציאָנאַל, גלויביק און סקעפּטיש. ביאַלאָסטאָצקי — פּאַטאָסדיק אין מאָנען און דערמאָנען. ישראל שטערן — מעטאַפאָריש און געוואַגט. אהרן צייטלין — אינטעלעקטואַליסטיש־רעליגיעז. י. י. טרונק — סינטעז פון אידישקייט־וועלטלעכקייט. י. י. סיגאַל — פּולשטראָמיקער געדאַנק, וואָס שוימט מיט כוואַליעס פון עמאָציע.

אָט די אַלע פאָרשטייער פון דער עסיי, זענען אויך, נאַטירלעך, — מייסטערס פונם סטיל.

אָבער זענען אָט די אַלע קינסטלער פון דער עסיי — נישט קוואַליפיצירט בלויז נאָר אין דעם דאָזיקן געביט. טייל פון די אויסגערעכנטע זענען דער עיקר גאָר בעלעטריסטן צי פּאָעטן, אָדער גאָר קריטיקער. אַנדערע זענען גלייכמאָסיק סיי בעלעטריסטן און סיי עסייאיסטן. טייל זענען קוואַליפיצירט אין דעם געביט פון דער גרעסערער אָפּהאַנדלונג, אָדער דעם קורצן, שיינעם פעליעטאָן. ביי די מערסטע פון זיי, עקזיסטירט ניט די עסיי אַלס זעלבסט־ציל, נאָר אַלס מיטל צו געוויסע צילן.

קאָראַלניק איז אָבער דער עסייאיסט „פּאַר עקסעלאַנץ”. ער האָט געמאַכט די עסיי אַלס זיין הויפּט־אינסטרומענט. ער האָט די עסיי גענומען אַלס עיקר פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער קאַריערע. ער האָט זי דערפירט ביז דער מדרגה פון הויכער, זעלבסטשטענדיקער קונסט. ער האָט זיך אין איר סינטעזירט, סיי אַלס דענקער און סיי אַלס ליריקער; סיי ווי אַ פערזענלעכקייט און סיי ווי אַ קינסטלערישער שאַפער; סיי מיטן ערנסטן, וואָגיקן תוך און סיי מיט דער גראַציעזער, שפּילעוודיקער פאָרם.

די דאָזיקע עובדא קען אפשר אַרויסרופן געוויסע שפּעקולאַטיווע הנחות. מען קען אַמאָל זאָגן, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך קאָנצענטרירט, האָט ער זיך דווקא צעטרענצלט. אַזאַ שעפערישער גייסט, מיט אַזוינע פּאָטענציאָנעלע מעגלעכקייטן, האָט געדאַרפט זיך אָפּגעבן מיט גרויסע ווערק, מיט מאָנאָגראַפיעס, מיט גאָר גרוי־

סע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען. אפשר האָט טאַקע די טאָג־פּרעסע באַרויבט פון אונדז קאַראַלניקן, וואָס האָט געקענט ווערן ביי אונדז פיל מער ווי אַ פראַגמענטאַרי־שער אַנדייטער. — און אפשר גאָר פאַרקערט, האָט זיך דווקא ביי דער פריש־צאַפּלדיקער, אימפּעטדיקער, דינאַמישער טאָג־פּרעסע אויסגעפורעמט די בולטע פיגור פון גייסטרייכן עסייאיסט, און אַנ־שטאָט קאַבינעט־ביכער, אַקאַדעמישע פאָרשונגען, האָט ער אונדז געגעבן מיניאַטור־ווערק, וואָס זענען גרעסער און וואָגיקער, פון אַנדערע „גרויסע״ ביכער...

אמת, קאַראַלניק איז געווען פון דעם סוג קינסטלער, וואָס מ׳קען נישט לייכט „איינבייסן״ און נישט גרינג „פאַרדייען״. אין פלוג, האָט עס ניט געדאַרפט זיין אַזוי: איז ער דאָך געשטאַנען, ווי אַ שרייבער, אין מיטלפּונקט פון אידישן און אַלגעמיינעם לעבן. האָט ער דאָך באַהאַנדלט די פאַרשיידנאַרטיקסטע פּראָבלעמען; אויפ־גענומען די אייגנאַרטיקסטע גאַמען פון דענקען און שאַפן; האָט ער דאָך רעאַגירט אויף די פאַרשיידנסטע דערשיינונגען פון ליטעראַ־טור, קונסט, פילאָסאָפיע און אפילו אַקטועלע לעבנס־פראַגן און — פּאָליטיק. אָבער זאָל מען פרעגן, ביי ווענען מ׳וויל: װ ו אָ ס איז קאַראַלניק? װ ו י איז קאַראַלניק? מאי קא משמע לן קאַ־ראַלניק — וואָס לאָזט ער אונדז הערן? וואָס איז זיין שיטה? זיין ליטעראַריש־פילאָסאָפישער און עטיש־עסטעטישער „אני מאמין״? — וועט קיינער ניט קענען ענטפערן קאַטעגאָריש און דייטלעך. וואָס איז די סיבה? —

דער תירוץ איז, קאַראַלניק איז געווען נישט פון יענע גראַד־ליניקע קינסטלער, פאַר וועלכע מ׳קען אויפשטעלן די גרענעצן פון גענעראַליזאַציעס; וועלכע מ׳קען כאַראַקטעריזירן און באַצייכענען מיט קאָנווענציאָנעלע עפּיטעטן. די וואונדערלעכע שפּיל פון בעלע־טריסטיק און געדאַנקלעכקייט, פון ליריק און ראַציע, פון פילאָסאָ־פישער אָפּהאַנדלונג און גראַציעז־עלעגאַנטער עסיי, איז אויסגע־קומען ביי אַנדערע ווי אַ מין „ויתרוצצו״. ער איז געווען אַנדערש, ניי, סיי אין געדאַנקען גאַנג און סיי אין סטיל, אין דעם אופן שרייבן, אין דער קאָנסטרוקציע פון עסיי; ער איז גע־ווען אַ מוסטער פון ווידערשפּרוכן; ער איז געווען דער טשאַמפּיאָן

פון „נישט אויסגעהאַלטנקייט", — איז שוין ניט קיין וואונדער, וואָס מ'האָט אים געזען בלויז אינם שיין פון אַן עקספּערימענטאַטאָר; וואָס מ'האָט זיך באַצויגן צו אים בלויז ווי צו אַ „שפּאַצירער", וואָס דרייט זיך אַרום אַן אַ זייט, אָדער גייט זיך זיין געמיטלעכן גאַנג... „אַ שפּאַצירער", איז די באַצייכנונג פאַר אַזוינעם, וואָס איז ניט קיין „מושלם". וואָרן השלמה — האָט דאָך תמיד די גלייכע ליניע. אַזוי, יעדנפאַלס, איז עס נאָך אָנגענומען.

קען זיין, אַז קאַראַלניק איז טאַקע געווען אַ שפּאַצירער אויפן וועג פון געדאַנק און געפיל. אָבער עס איז געוועזן דער זעלביקער „שפּאַציר", וואָס מיט טאַמאַס מאַן, ווען אַ קריטיקער האָט אויפגעוואָרפן, אַז „זיינע נאָוועלן זענען שפּאַצירגענג, אַרום אַ לעבנסאָנשויאונג", און קאַראַלניק, אין זיין עסיי וועגן טאָמאַס מאַן, האָט אויף דעם אַזוי טרעפלעך באַמערקט:

„שפּאַצירגענג, וועגן, שליאַכן, סטעזשקעס — אַרום און צו אַ לעבנס־אָנשויאונג. און — וואָס פאַר אַ שווערע, האַרטע אויסמאַטערנדיקע אַרבעט דאָס איז, אָט אַזאַ „שפּאַצירן". עס איז אַ שפּאַצירגאַנג פון אַ געפאַנגענעם, וואָס ווערט געצוואונגען; ניט פון אַ פרייען, וואָס קאָן זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון ליגן און רוען".

האָט ער אפשר (ווי ס'האָט אָפט ביי אים געטראָפן, ריידנדיק וועגן אַנדערע) מיט דעם זיך אַליין כאַראַקטעריזירט?

אָט דער „שפּאַצירגאַנג פון אַ געפאַנגענעם, וואָס ווערט געצוואונגען", באַרעכטיקט אַמאָל זיין נישט אויסגעהאַלטנקייט, זיין מאָדנע שטעלונג, זיין סתירהדיקע הנחה, די אומבאַשטימטקייט פון זיין געדאַנקען־גאַנג, בקיצור, מ'קען נישט בויען אויף קאַראַלניקן אַלס פּוסק אחרון, נאָר בלויז ווערן סוגעסטירט דורך זיין געדאַנקאון געפילן־שפּיל, אָנגערעגט פון זיין שיינעם וואָרט, ווערן פאַרכאַפּט פון זיין פּאַראַדאָקס און אַפאָריזם, פון זיינע אומדערוואַרטעטע ווענדונגען, וואָס זענען פול מיט סורפּריזן, פון דער מוזיק פון ווערטער און פון דער בונטער פאַרביקייט פון בילדער, — נישט זוכנדיק אַמאָל קיין קערנדל פאַר דער קאָנווענציאָנעלער מיל...

אַזאַ מין שטייגער איז אפשר ניט קיין חיוב. אַנדערע עסייאיסטן זענען אפשר מער צי ווייניקער „אויסגעהאַלטן". זיי נעמען זיך כוונהדיק אַ ראָל און פירן זי דורך אַן שום אָפּווייך, — קאָ־

ראַלניק אָבער איז דער עסייאיסט פון שיינעם זאָגן און אָפטמאָל נישט דערזאָגן. זיג־זאַגיש, ווי אַ בליץ, איז זיין געדאַנק. איטלעכע דערשיינונג נעמט ער אויף אימפּולסיוו. ער וואַרפט זיך קיינמאָל נישט אונטער דער באַשטימטקייט פון „געזעץ", נאָר ווערט פאַר־כאַפט פון די אייגענע עמאָציעס און פאַרטראָגט זיך ווייט פון דער לכתחילהדיקער כוונה...

אַ דענקער, וועלכער שפּילט זיך מיט די אַלע שיינקייטן פון געדאַנק. אַ דיכטער, וועלכער קוויקט זיך דווקא מיטן שפּיל, וואָס האָט ניט קיין שום נוצן, — דאָס איז ביי אונדז גאָר אַ נייער, גאָר אַ פרעמדער, נישט גאָר אידישלעכער שטריך. ס'איז ניט דער וועג פון קלאָרקייט, תכלית, צוועק. עס איז דער זיג־זאַג פון געדאַנק און די קרומע ליניעס פון אימפּולס. עס איז „דער כישוף פון נוצלאָזי־קייט". דעריבער איז אַפילו ביי אים „אין דער פילאָסאָפיע, דער עיקר ניט דער סיסטעם, נאָר דער וועג צום סיסטעם; ניט דאָס פאַרטיקע, נאָר די מעטאָדע". און דעריבער קען ער זיך פאַרגינען אויך צו זאָגן, אַז „לאָגיק אין דעם לעבן פירט צו דעם אַבסורד, און אין דעם דענ־קען — אָפט אויך". און זיין געוואָגט אַזוי אין זאָגן, אַז „אויב ליטעראַטור איז דער פסיכישער אינדעקס פון דעם לעבן, ווי ער איז באַשטימט אין רוים און צייט, איז איר גרענעץ אָדער זאָל איך זאָגן, איר גרונטשטיין דאָס אומניצלעכע". און אין דעם זעלביקן פּאַראַ־דאָקסאַלן אופן: „וואָס רייכער אַ קולטור, אַלץ שטאַרקער דער עלע־מענט פון דעם קרומליניקן, אומרעאַלן און אומניצלעכן".

אָבער זאָל מען ניט חלילה פאַרפירט ווערן פון דעם בלויזן וואָרט „אומניצלעך". מאָראַל איז טאַקע אַ שונא פון דעם וואָס איז איבעריק, וואָס איז אומניצלעך. דערפאַר האָט אָבער דאָס „איבע־ריקע", דאָס „אומניצלעכע" אַ פריינט — וואָס הייסט: דאָס לעבן גופא.

אין דער פרעכטיקער עסיי „דער כישוף פון נוצלאָזיקייט", וועגן דעם ענגלישן עסייאיסט טשאַרלז לעם, ברענגט קאָראַלניק די לעגענ־דע וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון, אַז ווען ער איז געקומען מיט זיין חייל קיין אינדיע, האָט ער ביי די ברעגן פון גאַנגעס געטראָפן אַן אַלטן נזיר. יענער האָט אַלעקסאַנדערן געפרעגט: „צו וואָס זאָרגסטו זיך? וואָס לויפסטו אַרום איבער דער וועלט? דו דאַרפסט דאָך האָבן

אינגאַנצן ניט מער ווי פיר איילן?" אַלעקסאַנדער האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט.

און דאָ געפינט קאַראַלניק די טייערע געלעגנהייט צו אַנט־וויקלען אַזוי שיין און איבערצייגנדיק דעם פּאַראַדאָקסאַלן געדאַנק פון „מותרות" און פון „אומנוץ". דער גאַנצער פּאַראַגראַף דאָ האָט אַ רעגנבויגן פון קאָלירן:

„אַלעקסאַנדר וואָלט געקאָנט, וואָלט באַדאַרפט ענטפערן דעם מאָנאַך: „אמת, מער ווי פיר איילן דאַרף מען ניט צום שטאַרבן, אָבער צום לעבן דאַרף מען אַ וועלט. די גאַנצע אומענדלעכקייט, אַלע וועלדער מיט זייער גערויש, אַלע פעלדער מיט זייער געשאָקל, די פיינסטע אַראָמאַטן, די וואונדערלעכע פייסאַזשן, שטורמען, הור־ראַגאַנען, אַלע אַוואַנטיורעס פון דער וועלט, און דאָס נייטיקע אין דעם לעבן איז דער זונען־אונטערגאַנג, וואָס פאַרבט דעם הימל רויט; דער וואָלקן, וואָס שפּילט זיך אין דער הויך און נעמט אָן אַלערליי פאָרמען און פאַרקליידט זיך ווי אַ קינד, וואָס שפּילט זיך אין אַלערליי געשטאַלטן. לעבן איז אָפּט ניט נייטיק, שווימען — תמיד. שווימען, אַוועקלאָזן זיך אָן אַ ציל איבער די גרויסע וואַסערן, צו אומבאַקאַנטע צילן, וואָס אומבאַקאַנטער — אַלץ ליבער. אפשר ערגעץ וואו אַנדערע וועלטן, מענטשן מיט איין אויג אין שטערן אָדער מיט הערנער, פרויען מיט גילדענע לעגדן. ווער דאַרף זיי? זיי שפּייזן ניט, מען קען זיך באַגיין אָן זיי. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס לעבן אָן דעם שפּיל, אָן דעם, וואָס האָט ניט קיין נוצן?"

די ציטאַט איז דאָ געבראַכט צו באַווייזן, ווי „נוצלעך" ס'איז אַזאַ מין קינסטלעריש וואָרט, וואָס באַזינגט דעם שיינעם „אומנוץ" פונם לעבן...

געוויס, איז אַזאַ מין אויפפאַס אַ סתירה צו דער געוויינלע־כער השגה און צו דער אָנגענומענער מיינונג. ס'איז פרעמד דער אידישער קאָנצעפּציע און אויך צו דער מאַטעריאַליסטישער אַנ־שויאונג. וויפיל זענען נאָך עד היום פאַראַנען, וועלכע האַלטן נאָך פון פּיסאַריעווס באַוואוסטער מימרא, אַז „אַ פּאָר שטיוול איז פיל נוצלעכער פאַרן מענטשן ווי פּושקינס אַ ליד". אָבער אַזאַ פרעדיקן פון „אומנוץ", וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי ערנסט, אַזוי טיף

און קינסטלעריש, אַזוי קרעאַטיוו, אין הונדערטער קאַראַלניקשע עסייען וועגן גרויסע גייסטער, דערשיינונגען און פּראָבלעמען, — באַווייזט, אַז „אומנוץ" איז לחלוטין נישט פאַראַן אין פּאָזיטיווער קונסט; מעג עס זיין אַן עסיי וועגן שפּיל וואָס ברענגט קיין נוצן, איז זי אַזוי „ניצלעך" אפשר ווי דעם זעלביקנס עסיי וועגן אַריס־טאָטל אָדער קאַנט.

קאַראַלניק איז פיל מער ווי אַ „שפּאַצירער". זיין ערודיציע און באַהאַוונטקייט אין די ענינים, וואָס ער באַהאַנדלט; זיין איי־דעלער זויבערער צוגאַנג צו פּראָבלעמען און פּערזאָנען; און פון דער צווייטער זייט זיין סקעפּטישע באַציאונג פון אַ רעוואָלוציאָנער, אַ ניין־זאָגער, אַ מחדש, — דאָס זענען שטריכן פון אַ פּערזענלעכ־קייט. די שיינע פאָרם פון זיין עסיי; דער וואונדערלעכער סטיל מיט די קורצע, שאַרפע זאַצן; דער ליריש־מעלאָדישער טאָן; די פיינע פּאַסאַזשן און שטילע איבערגאַנגען פון איראָניע צו ליריק, פון פּאַטעטיק צו בילדערישקייט, — דאָס זענען שטריכן פון אַ קינסטלער. זיין עסיי — איז ראַפינירטע קונסט.

דער פאָרוואורף, אַז קאַראַלניק איז ניט אויסגעהאַלטן, פאַר־מאָגט ניט קיין פּרינציפּעלע שטאַנדהאַפטיקייט, האָט קיינמאָל נישט קיין גלייכע ליניע, — איז, אויסערלעך גענומען, אפשר אמת. אין תוך איז אָבער אַנדערש. ער איז געווען אַזוי קאַפּריזנע, אַזוי „פּרינ־ציפּנלאָז", ווי דאָס לעבן גופא. פאַר אים זענען אַלע מיני דערשיינונ־גען נישט געווען קיין פאַרגליווערט סטאַטישע סיבה, נאָר האָבן וויברירט, געמיניעט און געביטן זיך אין דינאַמישן פועל יוצא. ס'איז געוויס שווער אויסצוטרעטן אַן אייגענעם וועג אין דער ספערע פון דענקען. אָבער נישט גרינג איז אויך אויסצומיידן די אויסגעטראָ־טענע וועגן פון געוויסן ציל און תכלית און זוכן אַנדערע וועגן. ווער עס זוכט — קען אַמאָל אַ טעות האָבן און קען אויך ניט זיין גאָר אויסגעהאַלטן. אָבער דער דראַנג פון ז ו כ ן, די וויזיע פון דער־שפּירן דאָס ווייטע און פאַרבאָרגענע, די חכמה און קונסט — דאָס סודותדיקע און פּראָבלעמאַטישע נישט אויפצודעקן און ד ע ר־ד ו י י ז ן, נאָר בלויז אָנדייטן און אָ נ ו ו י י ז ן, — דאָס איז שוין די עובדא, נישט פון אַ ניכטערן ראַציאָנאַליסט, נאָר פון אַ ווידערשפּעניקן, שטימונגפולן קינסטלער.

קאַראַלניק האָט טאַקע ניט אָנגעווענדט די גלייכע ליניע. ער איז געווען פון די ליריקער־דענקער, ביי וועמען עמאָציע און ראַציע זענען אין שטענדיקן געראַנגל, אָדער אין שטענדיקן שפּיל; לאָגיק און געפיל קעמפן ביידע פאַר דער בכורה. און ס׳איז תמיד געווען אינ־טערעסאַנט נאָכצופאָלגן זיין געדאַנקען־גאַנג און שפּיל פון געפילן. איר האָט באַמערקט די גראַציעזע פאָרמען, וואָס דאָס געפעכט האָט אָנגענומען. אייך האָט ניט זעלטן איבערראַשט די האַרמאָניע פון קאַראַלניקס געדאַנקלעכע און עמאָציאָנעלע דיסאָנאַנסן...

אויב בנוגע שטאַנדהאַפטיקייט אין פּרינציפּן, איז קאַראַלניק נישט גאָר גאַנץ געווען, האָט זיין קינסטלערישע אינערציע זיך בולט און גאַנץ אויסגעדריקט אין זיין לשון, אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל. זיין סטיל איז — פּלאַסטיש, פאַרבנרייך און וואָגיק.

און ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז בעת אַ סך פון אונדזערע היי־מישע אייגענע אידיש־ריידנדיקע אידן, טראָגן זיך נאָך עד היום אַרום מיט דעם פּזמון וועגן דער באַשרענקטקייט פון אידישן לשון, — איז געקומען קאַראַלניק, דער „אייראָפּייער" — און דווקא מיט נישט קיין איבעריקער ליבע צו אידיש — און האָט, דורך זיינע עסייען, אונדז געגעבן אַזעלכע פיינע מוסטערן פון עשירותדיקער אידישער שפּראַך, אַז ביסלעכווייס איז קאַראַלניק אַליין געוואָרן אַן אוהב אידיש... זיך פאַרליבט אין זיין אייגן לשון, און דורך זיין אייגן לשון — אין אידישן לשון בכלל...

מ׳האָט אים אויפגעוואָרפן וועגן ציטאַטן. אָבער קאַראַלניק האָט צוגעשטעלט גענוג ציטאַטן פאַר אַנדערע... נישט נאָר האָט צ י ־ ט י ר ט, נאָר ער האָט אויך ג ע צ י ט ע ר ט מיט ליבע און באַוואונדערונג איבער די פרעמדע פאַרמעגנס, וואָס זענען געלעגן פאַר אים.

די פרעמדע ציטאַט האָט זיך פיין אַריינגעפּאַסט אין דער איי־דעלער מאָזאַאיק פון זיין סטיל.

וואָרן קאַראַלניק איז אין זיין גאַנצן עסייאיסטישן מהות גע־ווען — ניט סטיליזאַציע, נאָר סטיל גופא. אויף אים, מער ווי אויף אַן אַנדערן, האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט דאָס ווערטל: „דער סטיל — דאָס איז דער מענטש".

א. אלמי

דערציילן וועגן אַלמין — הייסט, אַרויסברענגען די דילעמע פון קוואַליפיקאַציע אין דער ליטעראַטור. מ׳האָט זיך ביי אונדז נוהג געווען, נישט צו סינטעזירן ליטעראַרישע דערשיינונגען, — נאָר שטעלן פאַר זיי גרענעצן. עד כאן — איז די גרענעץ פון אַ דיכטער, ביז דאַנען — איז דער סימן מובהק פונם נאָוועליסט. נישט ער קען אַרויס חלילה פון זיין גבול, און נישט קיין אַנדע־רער קען דאָרט אַריין. אָפּגעשלאָסן איז דער דאַזיקער געביט פון שאַפן און באַגרענעצט אויף אַ פעסט באַשטימטן פונקט. ס׳הייסט, אַז מ׳האָט דעם טערמין „שאַפונג״ אָנגעווענדט אין זיין אורשפּרינג־לעכער פאַרטייטשונג פונם גריכישן וואָרט „פּאָעזיע״. איז אָבער שאַפונג — בלויז „פּאָעזיע״? איז דען אַ ליד — זאָל זיין אַ גוט ליד — למשל וועגן דער לבנה יאָ שאַפונג, און אַן עסיי, וואָס האָט אין זיך בילד און קלאַנג, גראַציע, לירישן געמיט, עמאָציאָנעלן אָטעם און געדאַנק — נישט קיין שאַפונג? — פאַרוואָס־זשע דווקא די דאַזיקע קוואַליפיקאַציע פון דיכטער־שאַפער, צי נאָוועליסטן־שאַ־פער — און נישט די אויסברייטערונג פון באַגריף „שאַפונג״, אַז ער זאָל אויך חל זיין אויף דעם שרייבער פון פאַרשיידענע זשאַנרען און געביטן?

די דאַזיקע רעוויזיע איז מחייב, ווען מען זעט ביי אונדז בלויז די דערשיינונג „אַלמי״.

דערשינען זענען פון אַלמין שוין באַלד צוויי צענדליק ביכער אויף פאַרשיידענע געביטן. געקומען איז אין זיי צום אויסדרוק: דאָס אינטעלעקטועלע און דאָס לירישע ליד; די געלונגענע פּראָ־זיע און דאָס שטיפעריש־הומאָריסטיש לידל; די דערציילונג און די הומאָרעסקע; דער שיינער פעליעטאָן און די פיינע עסיי; דאָס אַקטועל־פּולסירנדיק פּובליציסטיש אַרטיקל און די תמציתדיקע אָפּ־האַנדלונג. — אינדיווידועלע פאָרם — לעבעדיקער תוך. קולטור־געשיכטע און קינסטלערישע לעגיטימאַציע, — און פאָרט איז די דערשיינונג „אַלמי״ אין דער אידישער ליטעראַטור נאָך אַלץ ניט אויפגעקלערט און אויף אַ האָר באַלויכטן. איר ראָל און איר באַ־

דייטונג, איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעשאַצט און ניט דערוויזן. ווי קומט עס?

דער תירוץ איז — די דערשיינונג „אַלמי" איז צו קלאָר, צו פּשוט און צו אָפן, מען זאָל אין איר קענען לערנען „סתרי תורה"; און צו פּילזייטיק — צו ווערן קוואַליפיצירט און קלאַסיפיצירט.

אין איינע פון זיינע קלוג־פּאָרטראַכטע עסייען, נעמט זיך אַלמי אָן די קריוודע פון די „קלעזמער" אין דער ליטעראַטור. ער ווייזט אָן, אַז דער קריטיקער, אָדער רעצענזענט ביי אונדז ווענדט אָן אַ ניט יושרדיקן מעטאָד לגבי דעם פּשוטן „קלעזמער". דהיינו: ער טיילט איין אונדזער ליטעראַטור אין מישאַ עלמאַנס און פּראָס־טע קלעזמאָרים און האָט פאַר זיי די רוטינע צוויי מאָסן: „אַז מ׳שרייבט וועגן מישאַ עלמאַן, לאָזט מען דורך די חסרונות און מען שטעלט זיך אָפּ אויף די מעלות; אַז מען שרייבט וועגן אַ קלעזמער, לאָזט מען דורך די מעלות און מען שטעלט זיך אָפּ אויף די חסרונות".

אויף א. אַלמין איז שווער אָנצואווענדן זיין אייגענעם משל — אים כאַראַקטעריזירן אַלס מישאַ עלמאַן — אָדער אַ קלעזמער, ווייל אַלמי אַליין איז אַ גאַנצער אָרקעסטער... ער שפּילט אויף אַלע כלים, אויף אַלע אינסטרומענטן, און איז אויך אַליין — דער דיריגענט. על כל פּנים, קען דער משל אילוסטרירן נאָר די סבה — פאַרוואָס ער איז נאָך ניט געוואָרן אין זיין „שפּילן" — קוואַליפיצירט.

אַלמי האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט אין דער ליטעראַ־טור אַלס פּאָעט און האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמלונ־גען פון זיינע לידער.

קוואַליטאַטיוו זענען ניט די לידער זיינע פון יענעם דינעם שטאָף, וואָס רופט זיך: ריינע ליריק. אַרומגעוועבט מיט זייד פון שטימונג און געפיל, קניפּן זיי זיך אָבער אינם פּלאָנטער פון — פּראָבלעמאַטיק. זיי פלעכטן זיך אין קאָמפּלעקס פון אינטעלעק־טועלע מעדיטאַציעס, וועגן אַלע גאָר ניט פריילעכע דערשיינונגען פון לעבן, וועגן נישטיקייט, נירוואַנאַ און פאַרגענגלעכקייט, וועגן גאָט און וועגן מענטשן דעם באַהאַלטענעם אין זיך אַליין... אַרום דעם קליינעם אינדזעלע פון ליד, וואו עס שפּרייט זיך אויס „אַ

ברכה אויף אַלינקע קעפּלעך פון קליינינקע קינדער, וואָס פּילן מיט פרייד און מיט שפּיל אָן די הויפן, די גאַסן, די הערצער״; און וואו עס ליכטיקן־אויף אַ רגע די ליבע־בריוולעך „צו דעם קליינעם מיידל פון דער קליינער פּאָסט־הויז״; אָדער עס שמייכלען ליב אַרויס די דראָבנע שורות פון אַן אומגעריכטן בריוו, — אַרום דעם אינד־זעלע פון קינדערס שפּיל און „פון דערינערונג די אייביק־בלייבנדע סובסטאַנץ״ — וויקלט זיך די טרויעריקע פּאַנאָראַמע פון טויט און נאַכט און האַרבסט און שאָטן; סטאַרטשען־אויף די גראָע, צעווייטיקטע מויערן פון „שפּיטאָלן און תפיסות״, די טעמפּלען פון צער און יסורים; ס׳טראָגט זיך אַרום „דער טרויער פון וויאַנען״; ס׳טוישן זיך פּראָצעסיע־פּאַנאָראַמעס פון קעמל־קאַראַוואַנען — אין מדבר, פון עראָפּלאַנען — אין בלאָע הויכן, פון שיפן — אויף אַלע ימים, פון סובמאַרינס — אין טיפן וואַסער, מיט די וואָס זוכן אַלץ דעם צייכן, וואָס קיינער וועט ניט גרייכן... דאָס ביסל ליכט פון זיינע לידער איז קנאַפּ אַזוי און שוואַך, ווי דער שטראַל פון זון אין שפּעטן האַרבסט, ווי „דער לעצטער ליגן פון דער וועלט פאַר דעם מידן, רעזיגנירטן זוכער״, — באַצוואונגען און פאַרשלונגען ווערט דאָס ביסל ליכט פון די מחנות שאָטנס. שאָטנס אויף די ווענט, אַ שאָטן פונם פּנים אויפן שפּיגל, שאָטנס אויף די שליאַכן, אויף ימים, אויף פלאַמען; אַ שאָטן פון הימל — אין האַרץ, פון גאָט — אין דער זעל; אַ שאָטן פון דעם, וואָס ס׳וועט קיינמאָל ניט קומען; פון דעם — וואָס ס׳איז דאָ. ווייל מענטש און לעבן איז פאַרגענגלעך; ווייל זיין — הייסט, ווילן בלויז און פאַר־שטעל; דאָס ביסל ליכט פון פרייד און גליק — איז נאָר פאַרשטעל; אייביק איז פון יעדער זאַך — דער שאָטן.

דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש בלויז ביי אים דאָס ליד, אין וועלכן ס׳קומט צום אויסדרוק, די סתירות און קאָנפליקטן פון נשמה, דאָס געראַנגל פון די ניכטערע געדאַנקען און די „אָנגע־שיכורטע״ געפילן, דאָס ליכט און שאָטנדיקע פון כאַראַקטער. ווי אַ מוסטער קען דאָ דינען זיין ליד „דער לאַכנדיקער קאָפּ״, אין וועלכן ס׳פּילט זיך שוין די אייגענע דעטערמינאַטן און רמזים אויף זיין שפּעטערדיקער אויסגעשטאַלטונג. לכל הפחות, אין די עטלעכע געציילטע שורות פון דער דאָזיקער סטראָפע:

„כ'טראָג דעם קאָפּ מיט דעם ליכטיקן פּנים
דורך וועלט און דורך זיין,
אזוי ווי אַ וואַגלער, וואָס טראָגט
אַ לאַמטערן דורך פינצטערע וועגן, אָן שיין;
נאָר אינוויייניק, דאָרטן אין מיר, ווערט נישט העל,
נאָר ענגער, געדיכטער דער חושך, וואָס וויקלט מיין זעל.
און ס'קאָרטשעט זיך דאָרטן אַ מענטש — און ער דרייט זיך אין זיך;
און כ'ווייס נישט: ווער איז ער, דער מענטש דאָרט —
אַ פרעמדער, צי איך".

ניי אין יענער צייט, סאַמע ערשטלינגען אין דער אידישער פּאָעזיע, זענען אויך געווען אַלמיס אָריענטאַלישע מאָטיוון, ווי אויך די לידער, וואָס קלאַמערן אָן שוועל פון גאָט — נישט מיט רע־ליגיעזן ציטער צו אַ צווייטער וועלט פון מיסטיציזם, נאָר אַ שטרעקן זיך צום אַנהאַלט פון דערלייזנדיקן פאַנטעאיזם. זעלטענער דער־פאַר דערהערט זיך אַ מאָטיוו פון ריינער ליריק; הגם די איינציקע פון זיי זענען עכט און טייער, ווי למשל דאָס צאַרטע, רירנדיקע ליד „ביי נאַכט":

„לאָמיר גיין מיט שטילע טריט,
קיינער זאָל ניט הערן;
לאָמיר ניט דעם זיסן שלאָף
פון די מידע שטערן" — — —

אַלמיס שפּעטערדיקע לידער, און בפרט די סאַמע לעצטע, זע־נען שוין דאָס רוב פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ווייניקער די לידער, וואָס באַזינגען אונדזער אויפקום, און מערער — וואָס באַקלאָגן אונדזער גרויסן חורבן, און באַווייזן אויך פאַראיינס דעם „שיינעם" פּנים פון דער וועלט.

די פּ אַ ר אָ ד י ע, וואָס איז אַריינגעהאַפּטן אין דעם פיל־פאַרביקן דיוואַן פון אַלמיס שאַפן, איז בשום אופן נישט קיין סתירה צו זיין רעליגיעזן וועלט־באַנעם, ליריש ליד, פילאָסאָפישער עסיי, אָריענטאַליסטיק, קריטיק און פּובליציסטיק, נאָר גיכער אַ דערגאַנ־צונג. וואָרן זיין אויסגעצייכנטע פּאַראָדיע, וואָס דר. קאָראַלניק, למשל, האָט געהאַלטן פאַר דער געלונגענסטער פּאַראָדיע אין דער

וועלט־ליטעראַטור, איז נישט נאָר אַ זעלטענער אַריינלעבן זיך אין פאַרשיידענע סטילן, אין דער כאַראַקטעריסטיק פון יענעמס שאַפן, און די שוואַכע זייטן פון אונדזער ליטעראַטור, נאָר אויך — און אפשר דער עיקר — קריטיק, אַ קריטיק אין קרומען שפּיגל. עס איז אין דער זעלביקער צייט אויך אַ קריטיק אויפן מענטש בכלל, אויף אונדזערע שוואַכקייטן לגבי דעם אומענדלעכן רעטעניש פון באַשאַף.

די פּאַראָדיע — בעצם אַן אומשולדיקער מעדיום אַרויסצוברענגען אַ שפּאַסיקע כאַראַקטעריזאַציע פון אַ ליטעראַרישן זשאַנר אָדער סיטואַציע; אַ מין דיפּלאָמאַטישער שפּיצל, צו טראַנספאָרמירן אַ וועלכן ניט איז ערנסטן ליטעראַרישן זשאַנר, האַלטנדיק זיך אין דער פאָרם פון אָריגינאַל און אַרויסברענגען אַ קאַפּוירדיקן תוך. ס׳איז לייכט, אין דעם אַריינצופאַלן אין אַן אָפּלאַכנדיקן שאַרזש. אָבער אַלמיס פּאַראָדיע איז ניט בלויז געלונגען אין דעם סטערעאָ־טיפ פון פאָרם, זי האָט אויך אַרויסגעבראַכט דאָס קאָמיש־כאַראַקטע־ריסטישע פון דאָס רוב פון אונדזערע ליטעראַרישע זשאַנרען און סטילן; מער ווי דאָס קאָמישע — דאָס קראַנקהאַפטע, די שוואַכע פונקטן. זי האָט שטיפעריש צונויפגעשדכנט דעם ערנסט און קאָמיזם, נישט בלויז אויסצולאַכן, נאָר אויך אַרויסצוברענגען די צווייטע זייט — די שאַטנדיקע — פון אַ רעפּרעזענטאַטיווער, שרייבערישער פיגור...

אַט דער דאָזיקער פּאַראָדיע־שטריך, וואָס גייט איבער אָפּטמאָל אין איראָניע, פילט זיך אין אַלמיס הומאָרעסקעס. זיין הומאָר איז אַ גראָטעסק־גוזמהדיקער. עס ווערן אַרויסגעבראַכט מאָד־נע פאַרשווינען און נישט גאָר נאַטירלעכע סיטואַציעס. זייער קאָ־מיזם איז סכעמאַטיש, הויט און ביינערדיק, — אַ פּאַראָדיע פון טיפ און האַנדלונג. פאַראַנען, למשל, ביי אים אַ הומאָרעסקע „דער עטישער מענטש". ווערט דערציילט דאָרט וועגן איינעם אַן עטישן וועגעטאַריאַנער, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון דער עטיק, ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. ווערט עס געשילדערט אויף אַזאַ אופן:

„ער האָט אויפגעהערט עסן פלייש און זיך געשפּייזט מיט פיש און הערינג. איז איינמאָל אים געקומען אַ הערינג צו חלום

און געוויינט פאַר אים מיט געזאַלצענע טרערן: — ברודער העשל, וואו איז דיין עטיק? שאַף און רינדער עסטו ניט, עופות עסטו ניט, — און אונדז, אָרעמע, פּראָלעטאַרישע הערינג, קוילעט מען פאַר דיינעטוועגן! — האָט זיך העשל גענומען שפּייזן מיט אייער. אָבער אַז איינער אַ וועגעטאַריאַנער האָט אים אויפגעוואָרפן, אַז ס'טייטש, צוליב אים עקספּלאָאַטירט מען די אָרעמע האָרעפּאַשנע הינער, — האָט ער „איבערגעריסן זיינע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט די אייער־הענדלער" און גענומען עסן — וואַזאָנעס. אָבער אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אויך וואַזאָנעס לעבן, האָט ער זיך גענומען צום „רעטעכער געשלעכט". איז אים ווידער אַ רעטעך געקומען צו חלום. „דער רעטעך איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשט קאַפּעלושל און דאָס פּנימל איז אים געווען פּעסימיסטיש אָנגעכמורעט. — אָ, קאַמעראַד העשל! — האָט דער רעטעך דעקלאַמירט אין קלאַסישן סטיל — וואָס ווילט איר פון אונדז? פאַרוואָס פאַרשניידט איר אונדז פון אונטער די הימלען און ווישט אונדז אָפּ פון פּנים פון דער ערד? ווייסט איר דען ניט, אַז אויך רעטעכער האָבן הערצער, וואָס קלאַפּן מיט ליבע און מיט ליידן? האָט איר גאָרניט געלייענט די שריפטן פון פּיטאַגאָרעסן און פון פּראָפּ. פייקל און פון קאָנפוציוס?" — האָט העשל אויפגעהערט עסן רעטעכער און זיך גענומען צו בולבעס. דערנאָך צו מילך, און דאַן — צו ניסלעך. אָבער אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אויך ניסלעך האָבן הערצער מיט געפילן — איז ער געוואָרן אויס קנאַקער... מיט וואָס־זשע פאַרט אויפהאַלטן זיין עקסיסטענץ? — האָט ער באַשלאָסן שלינגען לופט. נאָר אַז ער האָט אויסגעפונען, אַז אויך די לופט איז פול מיט לעבעדיקע ווערעמס, באַצילן, מיקראָבן וכדומה, — האָט ער גענומען און פאַרבונדן מויל און נאָז, אַז ער זאָל מער ניט אָטעמען. „און ער האָט טאַקע ניט געאָטעמט, — ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג"...

די דאָזיקע הומאָרעסקע איז דער שליסל צו דעם גאַנצן שטייגער פון זיין הומאָר. עס ווערט געגעבן אַ טיפּ, וואָס איז ניט אויסערלעך און ניט פּסיכיש כאַראַקטעריסטיש און איבערצייגנדיק, נאָר איז אַ פּאַראָדיע, אַ מין סטיל פון אַ מענטשן; אַן אויסגעטראַכטע טעמע — וואָס איז חנעוודיק דווקא מיט איר אויסטערליש־

קייט; אַן אַנעקדאָט, וואָס זיין באַזונדערע פּיקאַנטקייט ליגט אין אופן פון דערציילן. אמת, לויט די „געזעצן" פון הומאָריסטיק, פּאַסן זיי זיך ניט אַריין, אַלמיס הומאָרעסקעס, אין דער קאַטעגאָריע פון קאָנאָניזירטן הומאָר, — אָבער זיי זענען אַזוי לייכט און שטיפעריש דורכגעפּירט, האָבן אין זיך אַזאַ בויגעוודיקן דיאַלאָג, דורכגעוועבט מיט שפּילעוודיקע איראָנישע ווערטלעך און סענטענצן, — אַז זיי האָבן אין זיך עפּעס אייגנאַרטיקס, מעג עס זיין די פאַנטאַסטישע גוזמא פון אַ שיין דערציילטן ליגן...

אָ ר י ע נ ט אַ ל י ס ט י ק. אַלמי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער גאַס די לופט און דעם אָטעם פון ווייטע, פון עקזאָטישע וועלטן — פון אָריענט: אינדיע, פּערסיע, כינע, יאַפּאַן, טיבעט, זייערע רעליגיעס, ליטעראַטורן, פילאָסאָפיעס און פאָלקלאָר. דאָס איז אַן אויפטו, וואָס איז אין זיך גופא פון אַזאַ פאַרנעם, אַז אין יעדער ליטעראַטור וואָלט מען דערפאַר אָפּגעגעבן אַ בכבודיק אָרט ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט.

באַקענענדיק דעם עולם מיט דער אָריענטאַלישער פילאָסאָפיע און פּאָעזיע, האָט ער זיך תמיד אַרויסגעוויזן, נישט ווי אַ טרוקענער קאָמפּילאַטאָר, — נאָר ווי אַ קינסטלערישער מסביר, ביי וועמען די פאַרשטענדעניש דערגייט צו ווייטקייטן און פרעמדקייטן דורך חוש און אינטואיציע.

די העכסטע שטופע אין זיין שאַפן האָט אַלמי אָבער דערגרייכט אין די געביטן פון פע ל י ע ט אָ ן און ע ס י י. אין דעם האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אייגנטימלעכקייט פון פאָרם און שטייגער. אין דעם האָט ער זיך אויסגעטיילט באַזונדער. צו דעם האָבן אים וואויל געדינט די אַטריבוטן פון אַ דיכטער, הומאָריסט און זשורנאַליסט. די פילזייטיקייט פון זיין קינסטלעריש וועזן, האָט זיך באַזונדער שאַרף אויסגעשטאַלטיקט דורך די דאָזיקע צוויי געביטן.

דער פעליעטאָן — וואָס איז נאָך עד היום, הגם פּאָפּולער, אָבער ניט אָפּגעשאַצט, — איז דאָך אייגנטלעך אַ מין סינטעז פון בעלעטריסטיק און זשורנאַליסטיק. ס'איז נאָר אַ חילוק, ווי אַזוי ער ווערט אָנגעווענדט און דערפירט. ביי פּראָסטע בעלי־מלאכות דינט ער נאָר ווי רוי־שטאָף. אַלמי אָבער אָטעמט אַריין אינם רוי־

שטאָף דעם רוח־החיים; דער פעליעטאָן לעבט און באַוועגט זיך אין זיינע הענט, כחומר ביד היוצר. דער פעליעטאָן פון אַלמיס שטייגער רעפלעקטירט די פסיכישע מאָמענטן פון געשעענישן, דערשיינונגען און פערזאָנען; דאָס עטיש־עסטעטישע איז די אַקס, אַרום וועלכער זיין פעליעטאָן (און עסיי) דרייען זיך. זיי זענען טאַקע, דערהויפּט דער פעליעטאָן, זייער לייכט. בנוגע לייכטקייט האָט אַלמי גופא אַפּאַריזמאַרטיק, וועלנדיק עמיצן פאַרטיידיקן, ממילא זיך גופא פאַר־ענטפערט, אַז „צו זיין לייכט, איז אָפט גאַנץ שווער"...

אַלמי איז אויך יונג געוואָרן אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער פּרעסע — און דער ז ש ו ר נ אַ ל י ז ם האָט ביי אים דערגרייכט אַ הויכע מדרגה. אַלס אַ זשורנאַליסט, איז ער שטענדיק אויף דער וואַך. ער כאַפּט אויף פּאַסירונגען און דער־שיינונגען אין זייער גאַנצער וואַרעמקייט און דינאַמישקייט און — באַצווינגט זיי. ער האָט דעם חוש, צו דערפילן און דערזען זאַכן, אידייען, געשעענישן, רעאַגירן אויף זיי, זיי אַקטועליזירן און אַרויס־ציען פון זיי אַ פּועל יוצא. ער האָט אויך דעם חוש, צו באַמערקן שוואַכע פּונקטן און די העזה, אויסצואוויקלען סודות און פונאַנ־דערלייגן זיי אויף טעלערלעך... לכתחילה, דוכט זיך אויס, אַז ער „טשעפּעט" זיך, אים איז דאָס גאָרניט נוגע, נאָר האָט הנאה בלויז פון „טשעפּען" זיך. אָבער דער ערנסט און אויפריכטיקייט, וואָס דיקטירן זיינע סברות, דער געזונטער באַנעם, וואָס שטייגט פון פּונקט צו פּונקט, די הייסקייט און פולבלוטקייט פון אַרגומענט, — באַווייזן, אַז דער ענין איז אים שוין גאָר־גאָר נוגע, און אַז ער טרעט־צו צו אים מיט די וואָפן פון אַן אינטעלעקטואַל און מיטן ברען פון אַ קעמפער.

אַלמי איז אין די געביטן פון זשורנאַליסטיק, און נאָך מער אין געביט פון פעליעטאָן און ע ס י י, אַזוי פּילזייטיק, אַז ער דער־גרייכט ביז פענאָמענאַלקייט. נישטאָ כמעט קיין איין באַדייטנדיקער ענין, געשעעניש, דערשיינונג, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער לופט פון צייט, אויף וואָס ער רעאַגירט ניט. צווישן זיינע הונדערטער אַרטיקלען געפינען זיך אָפּרופן, אויסטייטשונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלערליי ענינים: פילאָסאָפיע און פּאָליטיק, ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע, לינגוויסטיק און טעאָלאָגיע, ספּיריטואַליזם און וויסנ־

שאַפט. און דער וואונדער איז — וואָס זיין צוגאַנג איז ניט דילע־טאַנטיש: ער באַנעמט עס, אַמאָל אינטעלעקטועל און אַמאָל אינ־טואיטיוו, — אָבער שטענדיק די פעסטע מיינונג, דער קלאָרער גע־דאַנק, די געזונטע פאָרמולע.

אַלמי איז אַ בריה אויפצוכאַפּן חידושים, אָדער געפינען אין גאָר געוויינלעכע זאַכן — דעם חידוש. טאַקע זיינע פעליעטאָנען און עסייען: זיי זענען אָנגעפּיקעוועט מיט אַ שלל אינטערעסאַנטע פאַקטן און געדאַנקען; באַהאַנדלענדיק פאַרשיידענע אידייען, שטאַנד־פונקטן, וועלט־אַנשויאונגען, זענען זיי דורכגעפלאָכטן מיט אייגענע אָריגינעלע הנחות, סברות, איינפאַלן. זיי זענען קלוג און שטיפעריש, שפּילעוודיק און דיך־איראָניש. ער פאַרווירצט טיילמאָל אַן ערנסטע אָפּהאַנדלונג מיט הומאָר און סאַטירע, ווי ער ברענגט אַמאָל ערנס־טע, פילאָסאָפישע געדאַנקען אין אַ לייכטן, שפּילעוודיקן פעליע־טאָן. און דאָס איז אפשר טאַקע אויך די סבה, וואָס ער איז קיינ־מאָל ניט לאַנגווייליק. אָבער אַלמיס שטיפערישקייט און איראָניע, וואָס שפּילט אין זיינע פעליעטאָנען און עסייען, שטערט חלילה ניט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון זיין געדאַנק און הנחה, — דער אויס־גאַנג־פונקט איז תמיד ערנסט, דערגאַנצט, דערזאָגט. עס איז שוין טיילמאָל ניט נאָר ד ע ר ז אָ ג ט, נאָר אויך געשמאַק א ר י י נ־ג ע ז אָ ג ט . . .

זיין דואַליזם: אַ לץ און אַ סקעפּטיקער, ערנסט און הומאָר — זענען אָבער ניט קיין סתירה צו דער ערלעכקייט פון זיין מיינונג, צו דער עטישקייט פון זיין איינשטעל. מחמת אַלמיס עטישער באַ־רוף איז — איינשטעל סיי אין אַפּאָלאָגיע און סיי אין נעגאַציע:

ער נעמט זיך אָן פאַר שוואַכע, אים גייט אָן קריוודעס, ער שטעלט זיך איין פאַר באַעוולטע; און פון דער צווייטער זייט — גרייפט ער אָן צביעות, ער לאַכט אויס בטלנות, צעשמעטערט געצן און רייסט אַרונטער אַנגענומענע, קאָנווענציאָנעלע ליגנס...

פון דאַנען איז דער איינדרוק — אַז ער „טשעפּעט" זיך. דאָס איז זיין טבע — זיין ליטעראַרישע טבע. ניט בלויז ער טשעפּעט זיך — אַלמי איז בטבע אַ איש־מלחמה, אַ רעוואָלטירנדיקע נאַטור. ס'איז ניט אמת, וואָס ער זאָגט וועגן זיך אין איינס פון זיינע לי־דער, אַז ער איז „אַ ציניקער און אַ סקעפּטיקער". אַנשטאָט „ציני־

קער״ פֿאַסט זיך בעסער פֿאַר אים דער עפּיטעט „ווידערשפּעניקער״, אָדער — איש מדון; דער מאַן, וואָס קריגט זיך פֿאַר זיין אמת.

און דאָס איז אויך די סבה פֿון זיין תמיד אַקטועלער און פֿיל־זייטיקער — פּ אָ ל ע מ י ק.

פּאָלעמיק איז אַן ענין, וואָס מען דאַרף עס ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. עס איז — דער דועל פֿון קריטיק. איר שיין־סכנהדיק געפֿעכט פֿון אָנגריף און פֿאַרטיידיקונג, וואָס איז אָבער געזעצלעך און באַרעכטיקט דאַן בלויז, ווען עס האָט אַ זין און עס ווערט געפֿירט אויף אַ פֿיינעם אופֿן. פּאָלעמיק איז אַ מין געווער, וואָס מען דאַרף עס וויסן ווי אָנצואווענדן. אויב דאָס שיסט — קען טרעפֿן נאָך, חלילה, ווען מען איז ניט פּאַרזיכטיק און ניט געניט — נישט דאָס וועלפֿישע אין מענטשן, נאָר דעם מענטש אַליין. דאָס איז דאָס ערגסטע. אָבער ס׳טרעפֿט אַמאָל, ביים ניט געניטן שיסער, אַז ער צילעוועט, לאָמיר זאָגן, צו זייער אַ שלעכטער מדה, אַ פֿאַרפֿירע־רישער אידעאָלאָגיע, צי אַ פֿאַלשער טעאָריע, און אַנשטאָט אַריינשיסן אין אָט דער שלעכטס, טרעפֿט ער אין דעם פֿאַלשקייט־טרעגערס — קנעפּל. אָדער ווען מען איז ניט פּאַרזיכטיק געגנוג, פּאַסירט עס, אַז מען טרעפֿט גאָר — זיך אַליין.

פּאָלעמיק איז דערצו אַ ברכה, ווען מען זאָגט איר מיט אַן ערלעכער כוונה, מיט אַן אויפֿריכטיקן געפֿיל און אַביסל אויך מיט פֿרומקייט. אָבער ווען מען זאָגט איר אויף אַן אייגענעם ליגן, בעת דאָס האַרץ איז ניט דערביי און די הענט זענען אומריין, — ווערט די ברכה גאָר פֿאַרוואַנדלט אין — אַ קללה. פּאָלעמיק, וואָס ווערט דיקטירט פֿון וויסן און ניט פֿון געוויסן — איז אַ ברכה לבטלה.

דעפֿינירן אַלמיס ווען פֿון פּאָלעמיק קען מען ערשט, ווען מען זעט דעם מ ע נ ט ש, וואָס שטייט אַהינטער איר און די מכשירים, וואָס ער באַנוצט. דער מענטש, וואָס איז אַליין געקריוודעט — טייטלט ניט, אפֿילו ווען ער האָט אַן אויסרייד, אויף זיך אַליין מיט די פֿינגער. ער גיט ניט קיין שום אָנצוהערעניש, אויף זיין פּאָזי־ציע. פֿאַרקערט, ער נעמט זיך אָן די קריוודע בלויז פֿון יענעם. די עטישקייט פֿון איינשטעלן זיך פֿאַר אַ באַעוולטן, זעען מיר, למשל, אין זיין פּאָלעמישער אַפּאָלאָגעטיק וועגן דעם אָנגעגריפֿענעם י. מ. וויסענבערג, צי דעם געקריוודעטן דר. קאַראַלניק, אָדער איז זיינע

אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם נישט געזונג אָפּגעשאַצטן מאָריס ראָזנ־פעלד און דעם פּאַרזעענעם און פאַרשוויגענעם ב. עפּלבוים. זיינע אויפריכטיקע אַרגומענטן באַווייזן, אַז ער איז ניט בלויז אַ מליץ, נאָר — אַ מליץ־יושר. (אגב, איז נאָר אָט די פּאָלעמישע אַפּאָלאָגע־טיק אַ שטריך בלויז, אַ באַדייטנדיקער, אין די דאָזיקע פיינע ליטע־ראַריש־קריטישע עסייען). ווי דער מענטש פון אייגענער און גע־וויכטיקער מיינונג, ווייזט זיך אַלמי אויך אַרויס אין זיין פּאָלע־מישער נעגאַציע, למשל, אין אַרונטעררייסן אַזוינע ליטעראַרישע גדולים, ווי יודזשין אָ׳ניעל, דרייזער, עמיל לודוויג און אַ ריי אי־דישע סטאַביליזירטע פּערזאָנען. נישט אין יעדער אונטערשאַצונג איז אַלמי אפשר גערעכט. דאָס איז אַן ענין פון פּערזענלעכן געשמאַק און סוביעקטיוון קוק, — אָבער קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ער האָט געצילט אין טרעגער פון אידייע און האָט געטראָפן בלויז אין — קנעפל; אַז די אַרגומענטן פון עמפּינדלעכקייט און וויסן, האָבן פאַר־טומלט די שטים פון זיין געוויסן...

דערצו איז דאָס געווער פון זיין פּאָלעמיק, נישט די איפכא מסתברא און סאָפיסטיק, נאָר דער לאָגישער באַווייז, דאָס שפּילעוו־דיקע וואָרט, די דינע איראָניע און דער בילדערישער אויסדרוק.

אַ פּאָר ביישפּילן:

1) וועגן דעם וואָס מ׳טראָגט דעם דיכטער אונטער אַ פּאַר־טיקע פּראָגראַם — אָט אַזוי דאַרף דער דיכטער זיין: „נישט פּראָ־גראַם, נאָר טאַלאַנט מוז זיין די מאָס. נישט מוז — נאָר מוזע״.

2) וועגן דער שפּיל פון ריכטונגען, איזמען און די טענדענץ צו זיין אַנדערש: „אַז מען איז אַ פּאָעט א י ז מ ע ן, און איז מען נישט, העלפן נישט קיין א י ז מ ע ן״...

3) וועגן דער „פילאָסאָפישער״ מעטאָדע, וואָס מען וויל אַריינ־פירן אין דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק: „ריידן פון אַ ליטע־ראַריש קונסט־ווערק „אין ליכט״ בלויז פון איינעם פון די מאָטיוון (אין דעם ווערק), איז ווי שרייבן וועגן אַ געביידע אין ליכט פון חנוכה־לעמפּל, וואָס געפינט זיך דאָרט ערגעץ״.

4) וועגן אונדזער ליטעראַרישער פרומקייט און אָפּגעהיטקייט אין די תרי״ג מצוות פון דער ליטעראַרישער עטיק: „נישטאָ כמעט דאָס בוך און נישטאָ כמעט דער מענטש, וואָס מ׳זאָל פון אים נישט

קענען עפּעס לערנען. אין ערגסטן פאַל לערנט מען, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו לערנען״...

5) וועגן אַ׳ניעל: „אַ׳ניעלס ים־זאַכן דערמאָנען מיר אָן די היימישע ים־בעדער. וואָס טוט מען, אַז אַ חולה בויטיקט זיך אין ים־בעדער און אין דרויסן קנאַקט דער פראָסט? הייסט דער דאָקטער אים קויפן אין אַפּטייק ים־זאַלץ, אַריינשיטן עס אין דער וואַנע — און דער חולה באָדט זיך אין ים, ביי זיך אינדערהיים. אַ׳ניעלס ים־דראַמען זענען אַזעלכע היימישע בעדער״.

6) וועגן עמיל לודוויג: „דער עכטער ביאָגראַף דאַרף, נישט נאָר נעמען ביי זיינע „העלדן״, נאָר זיי אויך ע פּ ע ס געבן. אָבער לודוויג קומט צו זיינע „העלדן״ נקי, אַ נאַקעטער, אַ ליידיקער, אָן וועלכער ס׳איז אידייע, אָן אָן אייגענעם וועלט־קוק. ער מאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס קומט אַריין אין אַ קראָם און פרעגט ביים סוחר, וואָס ער, דער קונה, וויל קויפן״...

אַלמיס מעטאָד פון פּאָלעמיק איז תמיד שטרענג קאָדיפיצירט מיט אָפּפרעג און באַוויז. ס׳איז ניט דער צו־להכעיס פון אַ מיינונג, נאָר איז אַנדערשדיקער איינשטעל און — באַגרינדונג. ביי אים איז אָנגריף נישט לשם הנאה, אָדער מצוה, נאָר לשם פאַרשטאַנד און אמת, וואָס גאָר זעלטן פּאַסט זיך צו, נאָר על כל פּנים איז עס אינדיווידועל באַרעכטיקט. פּאָלעמיק איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן: עס טרעפט, מען וויל אַ קלאַפּ טאָן יענעם, און ס׳פאַרטשעפּעט זיך אויף זיך אַליין. פּאָלעמיק איז ניט בלויז דועל, נאָר אויך — סטראַטעגיע. ביי אַנדערע איז עס אָבער אַ סטראַטעגיע פון — אונטערשטעלן אַ פיסל. דער פּאָלעמיקער פון אַלמיס שניט איז צו געניט, ער זאָל אַ קלאַפּ טאָן מיט אַן אַרגומענט גאָר — זיך אַליין און ווערן פאַר דעם עולם קאָמיש; גענוג ערלעך און גענוג דערפינדעריש פון פלענער — ער זאָל באַנוצן פיסל־אונטערשטעלנדיקע מיטלען...

אין דעם דאָזיקן געביט איז אַלמי שטאַרק, ווייל ס׳העלפן אים נאָך צו די איינגעבוירענע אַטריבוטן פון שאַרפזין, ראַציע און הומאָר. ס׳מערקט זיך אָבער אויך דערביי, אַז אַלמיס כח פון פּאָלעמיק ווייזט זיך ניט אַרויס אַזוי אין דעפענסיוון אָפּקלאַפּ, ווי אין אָפענסיוון אָנגריף. אַז פאַרטיידיקן זיין מיינונג איז אים אַמאָל שווערער, ווי אַראָפּצושיסן יענעמס מיינונג — אויב זי איז, לויט זיין מיינונג, פאַלש

און שעדלעך. אויפן פעלד פון אַנגריף, איז ער זייער אָפט דער ע ר ש ט ע ר און ער האָט ניט מורא, ווען ער בלייבט אַנטקעגן אַלע קריגער פון אַנגענומענער מיינונג — א י י נ ע ר א ו ן א ל י י ן.

אָבער ווי קריגעריש, ווידערשפעניק, שאַרף און בייסיק, יצר־הרעדיק אַלמי איז אין פּאָלעמיק, אַזוי אַנדערש, אַזוי פּונקט פאַרקערט איז ער אין ק ר י ט י ק. אין דעם איז ער כמעט אינגאַנצן יצר־טובדיק. אין דעם איז ער אַזוי רואיק און געמיטלעך, אַזוי דורכגעפילט און דורכגעקלערט, אַז עס דוכט זיך באַלד, אַז ער איז — אָביעקטיוו. אָבער קען דען גילטן אָביעקטיווקייט אין קריטיק? שוין דאָס וואָרט אַליין — „קריטיק״ — פאַרלייקנט אָביעקטיווקייט. קען מען זיין דען פון דער ווייטן; פאַרפאַנצערן זיך מיט אַ מיינונג; מאַכן זיך, אַז מיך אַרט ניט פּערזענלעך, — אַז פּערזענלעך איז דאָך אייגנטלעך יעדער צווייג פון שאַפן; בפרט, דער דאָזיקער געביט פון קריטיק, וואָס האָט צו טאָן, אַ חוץ מיט קינסטלערישע סכעמעס, טאַקע אויך מיט לעבעדיק־רעאַלע מענטשן? צו לעבעדיקע מענטשן, וואָס פירן דורך די גרויסע פונקציע פון שאַפן, מוז מען האָבן פּערזענלעכע באַציאונג און קאָנטאַקט; זיי דאַרפן דינען פאַר אַ מוסטער, אַ פּאָזיטיוו, צי אַ נעגאַטיוו, פריער דאָך פאַר זיך אַליין. וואָרן ווער דען, אויב ניט דער „איך״ דערפילט אוממיטלבאַר דעם איינדרוק פון יעדער זאַך און דאָ—פון אָט דער קינסטלערישער דערשיינונג? און אויב אפילו דער קריטיקער רעדט דער עיקר וועגן ווערק, איז דען דאָס ווערק אויסגעטאָן פון קינסטלער? צי איז עס ניט אַריינגעוואַקסן אין דעם לעבעדיקן מענטשן, וואָס יעדער ביס און ריס צעבלוטיקט אים, פאַרוואונדעט אים און יעדער גלעט פון ליבשאַפט און באַציאונג, יעדעס וואָרט פון „לויב״ דערפרייט אים, דערפרישט אים און שטאַרקט אים?

דערפאַר איז אַלמי, אַלס אַ עטישע נאַטור, טאַקע אין קריטיק — סוביעקטיוו. אָבער דאָ איז שוין אינגאַנצן דאָס יצר־טובדיקע. ער איז, ווי דער בטבע גוטער מענטש, וואָס בעת ער זעט פאַרבייגיין אַ בעל־מום, באַמערקט ער פריער ביי אים די געזונטע אברים, און נאָכדעם ערשט — דעם מום.

און אפשר האָט דאָס ניט צו טאָן בלויז מיט „גוטסקייט״;

אַ קריטיקער פאַר גוטסקייט און רחמנות, ברענגט אָפּטמאָל — שאָדן. ס'איז גיכער אַ ענין פון געוויסן. אויב אַ קינסטלער ווייטיקט אויס אַ ווערק — פאַרוואָס־זשע ניט דערציילן פאַר דער וועלט וועגן דעם מיט גלויבן און התפעלות? פאַרוואָס־זשע ניט, מיט פּאַטאָס און מיט ליבשאַפט, יעדן איינעם מאַכן פילן אָט די דאָזיקע דער־גרייכונג?

בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן קינסטלער, וואָס זענען שטאַרק באַעוולט געוואָרן פון דער קריטיק, מיט ניט גענוג דער־שאַצן, אָדער גאָר אינגאַנצן מיט פאַרשווייגן... בפרט אַזוינע — און וועלכער קינסטלער איז דאָס ניט? — וואָס פילן זיך, לויט פּלאַ־טאָס פּאַראַלעל, פּונקט ווי פרויען, געשמייכלט פון אַ קאָמפּלי־מענט...

אַלמי איז אַלס קריטיקער, קודם כל — עסטעטיקער און עסיי־איסט. ער טרעט ניט צו צום קינסטלער אין זיין ווערק מיט אַ מיק־ראָסקאָפּ. ער האָט דאָ ניט צו עקספּערימענטירן און אַנאַליזירן. ער האָט פאַר זיך אַ פאַקט. ער זעט פאַר זיך אַ דערשיינונג, — און אויב ס'האָט אָנגערעגט אים, צי באַגייסטערט; און אויב ער האָט דערפילט אין דעם דאָס פּאָזיטיווע, דאָס קערנדיקע, דאָס אַנדערשדיי־קע, פאַרפיקסירט ער אָט דעם איינדרוק אָן שום פירוש. זיין עסיי באַהאַנדלט ניט אַזוי די פּרטים — סיידן בלויז די כאַראַקטעריסטי־שע — ווי דאָס גאַנצע ל ע ב ע ד י ק ע בילד פון קינסטלער און זיין שאַפן. אַפילו ווען ער שילדערט בלויז אַן עפּיזאָד, באַ־לויכט דער עפּיזאָד אַ געוויסן שטריך, צי סיטואַציע אינם קינסט־לערס שאַפן.

ער איז ניט קאַרג אין „שבחים", דאָרט וואו שבח — איז ניט קיין גוזמא. ער איז, ווייל סוביעקטיוו און ערלעך צו די אייגענע גע־פילן, זייער אָפט אויך דן לזכות. ער רעקאָמפּענסירט די נעגאַצי־ציע פון פּאָלעמיק מיט די פּאָזיטיווקייטן פון קריטיק.

אַלמיס סוביעקטיוו־וואַרעמער צוגאַנג צו פּאָזיטיווער שאַ־פונג, פאַרגיטיקט זיין קרומשפּיגלדיקן פאַראָדירן און זייער אָפטן טשעפּנדיקן פּאָלעמיזירן. אמת, אפילו זיינע נעגאַציעס טריפן נישט, ווי ביי אַנדערע מיט סם פון בייזקייט. די וואָפן זענען אַ שמייכל, אַ קלוג וואָרט, אַ משל, אַן איראָניש ווערטל, אַ לאָגישער באַווייז

און אַמאָל אַפילו אַ בלויזער שפּיל פון ווערטער, — אַלץ אַזוינע מיט־לען, וואָס דעקן אויף אַ שוואַכקייט, וואָס רירן אָן, נאָר מאַכן נישט חלילה קיין וואונדן.

אָבער אויך אַפילו זיין איינגעבוירענע נטיה צו פּראַגמאַטיק, זיין צודרינגלעכקייט, זיין מישן זיך אין אַלערליי ענינים און עסקים, זיין וועלן וויסן און לאָזן וויסן, — די דאָזיקע מדות פון פּאָלעמיקער, באַגרענעצן אים ניט, צו זיין גלויביקער עסטעטי־קער, וואָס ווערט באַגייסטערט פון אַ קינסטלערישער שאַפונג, וואָס דערקענט אַ פריער די געזונטע אברים פון אַ שאַפונג, און נאָכ־דעם ערשט — דעם מום, אויב ער איז פאַראַן. אַזוי למשל, פילט זיך אָט דער דאָזיקער עסטעטישער „געוויסן", אין זיין באַציאונג צו דר. חיים זשיטלאָווסקי, צו וועמען אַלמי האָט אַ „שוואַכקייט". די ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגן אָט דער „רייכער אינטעלעקטועלער און אויך קינסטלערישער פּערזענלעכקייט" — דאָס איז דאָס תיכפדיקע דערזען אין דער דאָזיקער דערשיינונג — די געזונטע אברים. ס'איז די באַציאונג פון עסטעטיקער. — די שפּעטערדיקע אַרטיקלען — די פּאָלעמישע — זיי זענען שוין ניט אַזוי דיקטירט פון „עס־טעטישן" געוויסן, נאָר דורך דער פּראַגמאַטישער טבע פון וועלן וויסן. דאַן דערזעט ער שוין — ווי ער גלויבט — דעם מום. אָבער ס'ווערט שוין גאָרנישט העלפן. דאָס פּאָזיטיווע, וואָס ער האָט אַ פריער געזען אין דער „רייכער אינטעלעקטועלער און אויך קינסט־לערישער פּערזענלעכקייט"־זשיטלאָווסקי, איז געווען אַזוי פיל אי־בערצייגנדיק, אַז קיין שפּעטערדיקער אָפּנייג וועט עס ניט פאַרטושן... דאָס נעמט זיך דערפון, ווייל דאָרט האָט גערעדט ביי אים דער יצר־טוב, דער קריטיקער־עסייאיסט.

אַזוי איז אויך אין אַלמיס זייער שיינער אָפּהאַנדלונג וועגן לוצקי. דאָס פּאָזיטיווע ווערט אַ פריער דורך אים אַרויסגעזונגען ווי אַ ליד. די וואָרעמקייט שטראָמט דורך מיט יעדן זאָג, וואָס אַלמי אַקצענטירט דאָ אַזוי אָפט. ווי אַ שטייגער: „אַזוי מענטשלעך איז ער (לוצקי), אַז נישט נאָר אַלץ, וואָס איז מענטשלעך איז אים אייגן, נאָר ער פאַרמענטשלעכט די גאַנצע וועלט". אָדער „זיינע לירישע לידער, ווי זיינע לאַנגע קאָמפּאָזיציעס, זענען „גוט־אידישע" תורה". אָדער „פון לוצקין שפּאַרט די תורה — זיין געזאַנג — ווי פון אַ

ברייט־צעעפנטן קוואַל, וואָס רייסט זיך זיגזאַגיש אין אַלע זייטן, דורך פעלזן און דורך אָפּגרונטן, דורך די קלענסטע שפּעלטלעך און דורך זומפּן... און דער שטראָם טראָגט מיט זיך, סיי קוואַליק־לויטער וואַסער, וואָס איז מחיה נפשות, סיי בלאָטקעלעך; סיי גינגאָלדענע שמעטערלינגלעך און קאַליר־רייכע זשוקעלעך; סיי אַלערליי שרצים — ס׳איז אַ שטראָם, וואָס ער אַליין האָט אויף אים קיין שליטה נישט און קאָן אים נישט — און ווייס אים נישט ווי אַזוי — אָפּצוהאַלטן״.

אויך די דאָזיקע שילדערונג, איז אַ שטראָם פון באַגייסטערונג, וואָס דער קריטיקער אַליין האָט אויף אים קיין שליטה נישט, — אָבער פון דער צווייטער זייט, זענען עס אויך די לעבעדיקסטע, ראַיעלסטע שטריכן צו דער פיזיאָגנאָמיע פונם דיכטער לוצקי. פריער איז—געזאַנג צו די געזונטע אברים, און דערנאָך ערשט דערזעט ער דעם מום — פון זיין „בראשית — אינמיטן״, וואָס די מערסטע פערזן דערמאָנען אים „אָן קאַווע אָן קאָפעאין און טאַבעק אָן ניקאָטין״ און וואָס זענען, לויט זיין מיינונג „לידער אָן פּאָעזין און פילאָזאָפעריייען אָן פילאָזאָפין״... ס׳איז אַ גוטמוטיקער נעגירן, אָבער בשום אופן נישט קיין קריטישער נגע־אירן...

אין אַזאַ וואַרעמען טאָן, אויף אַזאַ איידעלן אופן, זענען אַלמיס אַנדערע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פאַרשיידנסטע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן. מיט באַוואונדערונג און עסטעטישער הנאה — און מיט איבערצייגונג — זענען ביי אים כאַראַקטעריזירט סיי מענדעלי, פּרץ, שלום עליכם און רייזען און סיי נאָמבערג, קאָברין און יהושע פערלע; סיי ראָזנפעלד, באָוושאָווער און עדלשטאַדט, און סיי י. י. סיגאַל, גלאַזמאַן און זישא לאַנדוי.

אַזאַ מין קריטיקער־עסטעטיקער איז אין אונדזער ליטעראַטור טאַקע אַ נאָווינע. דער נייס באַשטייט דאָ אויך אין דעם, וואָס דאָ גילט נישט בלויז די שטימונג אַליין, נאָר אויך די געדאַנקלעכקייט און דער לאָגישער באַווייז. און דאָך פּרעטענדירט נישט אַלמי, חלילה, ווי ער האָט זיך אַליין אַרויסגעזאָגט אין איינס פון זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען, „אויפן טראָן פון דער הייליקער קריטיק״. נישט בלויז אַ טראָן, רחמנא לצלן, נאָר ער פּרעטענדירט אַפילו ניט אויף אַ שטול דאָרט אויבנאָן... ביי אים איז בלויז „קריטיק״ אַ נאָך־

טירלעכער שטריך אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיין קינסטלע־רישן כאַראַקטער; אַ קאָמפּענסאַציע צו זיין פּאָלעמישער פּראַגמאַ־טישקייט; דער יצר־טוב פון גלויבן, נאָכדעם, ווי ס׳האָט זיך אָנ־געבונטעוועט געגנוג דער יצר־הרע.

די בעסטע ראיה קען דאָ דינען טאָקע אַלמיס אייגענע עט־לעכע ווערטער, וואָס האָבן אַזוי אויפריכטיק און ערלעך אַרויסגע־קלונגען אין איינע פון זיינע לעצטע עסייען. ריידנדיק וועגן דעם ענין קריטיק און קריטיקער, זאָגט ער דרך־אגבדיק אַזוי: „וואָס ס׳איז שייך מיר אַליין — זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אויסצוזאָגן אַ סוד, אַ סוד, וואָס קלינגט ווי אַ ווידוי בפני כל עם ועדה — איז תמיד, ווען כ׳גרייף אָן וועמען־ס׳איז (ליטעראַריש, נאַטירלעך!), באַפאַלן מיך שלאָפלאָזע נעכט און פייניקן מיך״.

ס׳איז באמת אַ ווידוי „נאָן פּלוס אולטראַ״ — וואָס העכער קען ניט זיין. הגם, ווי אַ שרייבער, האָט ער זי געמוזט אַרויסזאָגן „בפני כל עם ועדה״, מיט אַ קלאַנג אין דער עפנטלעכקייט.

ז. שניאור

„זעאונגען" („חזיונות") און „בריקן" („גשרים") — די טיטל־נעמען פון זײַנע לידער־זאַמלונגען. זעאונג — איז טרוים, וויזיע, נבואה — איבער דער ווירקלעכקייט. בריק — פאַרבינדונג־מיטל, פאַרמיטלער. זייער כאַראַקטעריסטיש און — איין זייט פון דער מטבע. זײַן פּראָזע איז — די צווייטע זייט, גאָר אַנדערש. אין פּראָזע איז ער קאָנקרעט אַזש ביז נאַטוראַליזם, קאָנסטרוקטיוו. אין פּאָעזיע — הפקרדיק, פאַרשווענדעריש, אָן תחום. דאָרט — אַפילו דער ראָמאַנטיזם, די אידעאַליזאַציע — צוועק און תכלית פאַר זיך גופא, דאָ — אַפילו די ווירקלעכקייט — בלויז אַ בריק, אַ מיטל צו אַריבערגאַנג. און נאָך עפּעס: די יוצרות האָבן זיך פאַרביטן — אין דער פּראָזע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, געכאָוועט מיט ליבשאַפט; אין דער פּאָעזיע — פאַרלייקענונג, נעגאַציע, פײַנטשאַפט.

„פאַרשווענדעריש" — ניט לגנאי איז דאָס געזאָגט. די רײַכקייט פון שפּראַך, די שפע פון מאָטיוון, די קראַפט פון אויסדרוק, די פרישקייט פון בילד, — גרויסער, שווער פאַרהאָרעוועטער באַגאַזש. — צו וועמען אָבער אַדרעסירט?

צו דער אַנאָנימער מענטשהייט? — „איך האָב זיי פײַנט אַלעם. איך וויל אַליין זײַן. איך האָב זיי פײַנט אַזש — ביז פאַרשיכורן מיט שײַנעם ליגן, אַפילו ווען זיי לעכצן ווען אַ שטיקל אמת. און אויב זיי וועלן איין מאָל זײַן גערעכט, וועל איך אין צווייען זײַן אומגערעכט פאַר אָט דער נעבעכדיקער גערעכטיקייט".

וואָרום וואָס איז דער מענטש? — „שרעקלעכער פאַר אַלעם איז דער מענטש — — דעם רעשט פון אַלץ וואָס ריין ביי מיר פאַראומווירדיקט ער. — — — און געמאַכט האָט ער זיך פײַלן און שווערדן און האָט זיי אויסגעטיילט און צוגעוואונקען כיטרע: „זאָלן זיך פעלקער שפּילן און לאָמיר זען ווער ס'וועט געבן קלעפּ, און ווער ס'וועט צעקלאַפּט ווערן אין גאַנצן! ווער וועמען ס'וועט באַצווינגען און הייסן, ער זאָל אים מאָלן מעל און טאַנצן; ווער וועט האָרעווען און קלייבן בײַנער, און ווער ס'וועט אויפהויבן דעם סצעפּטער און באַפעלן"...

צום לעבן — ניט ווי צו אַן אַבסטראַקציע, נאָר ווי צו אַ רעאַלן פאַקטאָר? — „אַז דאָס לעבן איז אַ מאַכולעדיקע בריק".

צו דער פרוי? — „און איך האָב שטענדיק אָפּגעשפּאָט פון דער פרוי, וואָס האָט קיין זכרון ניט און האָט ניט קיין עבר: וואָס איר האַרץ און חלום בליען איידער זי לייגט זיך און שטייט זי אויף — האָט זי שוין גאָרנישט". צו דער געליבטער? — „איך שטיי פאַר מיין געליבטער און איר זיכערן שמייכל, און האָב זי פיינט"...

צו ווּעמען־זשע פאַרט אַדרעסירט?

* * *

ביאַליק־טשערניכאָווסקי־שניאור — דער כשרער חוט־המשולש אין דער העברעאישער פּאָעזיע. דער ערשטער — דווקא דער גלותדיקער — איז געקרוינט געוואָרן אַלס ד ע ר נאַציאָנאַלער פּאָעט. דער צווייטער — פּאָטענציאָנעל דער ביבלישסטער — איז באַצייכנט געוואָרן אַלס העלעניסט־וועלטלעכער. און דער דריטער — אפשר ניט ווייניקער קרעפטיק פאַר זייביידן — וואָס איז ער?

דער סוד ליגט אין דעם, וואָס ביידע ערשטע האָבן דער־גרייכט אַ געוויסע השלמה. ביאַליק איז פאַרוואָרצלט אין דער ווירק־לעכקייט. טשערניכאָווסקי סינטעזירט דעם עבר מיט דער ווירק־לעכקייט. שניאור — פאַרלייקנט די ווירקלעכקייט, וויל זיך אויסטאָן פון איר, אַנטלויפט — און לויפנדיק, וואַרפט ער אויף — בריקן. פאַרגאַנגענהייט? ניט בלויז טעמאַטיש, אין מאָ־טיוו, נאָר אַפילו שפּראַכלעך, האָט ער אויסגעבויט בלויז בריקן. ריזיקע, וואונדערלעכע — אָבער בריקן. ביאַליקס קלאַנג האָט שטענדיק געהאַט — אַ ווידערקלאַנג. טשערניכאָווסקי האָט אַריינ־געבראַכט דעם וועלטלעכן מאָטיוו, האָט אים איינגעשפּאַנט אין ביבלישן „וואָגן". שניאור — האָט צעבריקעוועט די ווירקלעכ־קייט — און ווירקלעכקייט אַן אידעאַליזאַציע, קען ניט סובלימירט ווערן ביז צו השלמה.

* * *

איז וואָס־זשע באַשטייט פּאָרט זיין קינסטלערישער כוח?

אין נעגירן די אמתן פון לעבן; אַרונטעררייסן דעם שלייער פון דערווירקלעכקייט און באַווייזן איר פאַלש, מיאוס פּנים. ער זעט ניט, אָדער וויל ניט זען די געזונטע אברים, נאָר ווייזט אָן אויף דעם מום. ער דעקט אויף דעם יצר־הרע אין דעם מענטשן אין זיין פּילפּרצופּדיקייט. ער בייטשט מיט די בליצן פון זיין כעס און האַס די הערשאַפט פון דורכשניט. ער רעוואָלטירט קעגן געזעלשאַפטלעכן ליגן. ער צעפּאַטשט די אויפגעבלאָזענע באַקן פון דער צביעות. ער שפּאַלט די קליינקעפּלדיקייט. ער גראַבלט אויס די אויגן פון דער טומאה, וואָס טובלט זיך אין מקווה פון כלומרשטער קדושה.

זיין געווער — ניט קיין שפּילקעלע באַנוצט ער, וואָס זאָל טיף אַריינשטעכן, נאָר אַ האַמער וואָס זאָל צעשמעטערן.

די געצן זיינען אויסגעשטעלט אין מאַרק פון לעבן. געצן פון „אידעאַלן", „אידייען" און „אמתן". אַלט און יונג לעכצט בוקן זיך — ס'ציט צו דעם שטויב פון וואָס מען איז געקנאָטן. די השגה הויבט אויף אָן אָפּגעשוואַכט פליגעלע צום געץ, וואָס דאַרף עס אונטערלענען. טאָ וואָס־זשע, בלויז פאַרשעמען זיי, די מענטשן? דערמאָנען זיי, אַז זיי זענען ברוך־השם פיל עלטער ווי דער געץ? — מיטן געץ אַ שמיץ זיי אין פּנים! זיי זאָלן אַנט־לויפן און אַ פאַל טאָן אין מיסט פון זייער פלאַכקייט...

די געצן זענען אויסגעשטעלט אין טיפלע. מ'ברענגט זיי זעמל־מעל: תפילה־פּרעפּלעריי; שיין־חנוודיקייטן; ליבע־ניש, איבערגלויבעניש; דאָס אמתע זעמל־מעל פון פּאַטריאָטיזם און טראַדיציע; דאָס פיינע זעמל־מעל געמאָלן פון די ווייכינקעביינדעלעך פון קינדער און געזיפּט פון די איידעלע הענט פון צניעותדיקע באַרמהאַרציקע שוועסטער, — טאָ וואָס־זשע טוט מען מיט די געצן? צעשמעטערן זיי און אַריינשטעקן די האַק אין האַנט פון דעם עלטסטן געץ, כדי צו נ אַ ר ן? — צעשמעטערן דאַרף מען ביז דעם לעצטן! צעשמעטערט ער אַ ל ע

געצן און בלייבט שטיין מיט דער האַק אין דער אייגענער האַנט און שפּיגלט זיך נאָך מיט איר פאַר דער וועלט...

ער האָט הנאה צו פאַכן מיט דער האַק פון האַס און שנאה, ווי היילפעריו האָט הנאה געהאַט צו האָגלען מיט גראָבע רייד. פּונקט ווי דער לעצטער האָט ליב געהאַט צו רייצן דעם איידל־געפּאַטשקעטן עסטעט, אַזוי האָט שניאור ליב צו שרעקן דעם קרומפּיסיקן בעל־תשובה און קרומהאַרציקן פּיליסטער...

ס׳אַראַ ווילדער, פייערדיקער צו־להכעיס טאָן שיסט אַרויס פון די שורות (ניט אומזיסט באַנוצט ער אָפט דעם עפּיטעט „פיילן”). ס׳איז ניט קיין ראַקעטן־שאָס — ס׳פאַרוואונדעט. ס׳איז ניט דער רעזולטאַטן־שפּיל פון איבערזעטיקייט — ס׳איז הונגער נאָך שטאַרקע מעשים; ס׳איז אַ ניטשעאַניש טראָמפּלען אויף די שוואַכע, בלוטלאָזע, כדי צו דערגרייכן דעם העכערן מין מענטשן („אַ נייער דור וועט אויפשטיין, וואָס וועט זיין אינגאַנצן גערעכט אָדער אינגאַנצן שולדיק”). ס׳איז אָבער ניט דער ניטשעאַנישער עגאָאיסטישער דראַנג נאָך מ אַ כ ט, נאָר דער דורשט נאָך ג אַ נ צ ק י י ט. די יסורים פון שנאה איז אים ליב, אָבער ווען עס רינט דאָס בלוט פון דער זון אויף די ווענט פון זיין צי־מער — טריפט נאָך דעם דאָס בלוט פון זיין האַרצן... ווערט געלייטערט אין דעם זיין שנאה.

אַ פּאָזיטיווער עלעמענט ביי אַ דיכטער? איז דאָס קרעאַטיוו? — אויך די נביאים האָבן געשטראָפט און געבייטשט; אויך זיי האָבן אַפילו געשאָלטן, — ביי זיי אָבער האָט ניט דאָמינירט די שנאה, נאָר דער גלויבן. פּאָזיטיוו איז ער, דער היינטיקער ווי־זיאָנער, מיט דעם וואָס ער איז ע כ ט. פיקציע איז ניט קרעאַ־טיוו. זיין עכטקייט און אוממיטלבאַרקייט רעגולירט דעם גאַנג פון געדאַנק און עמאָציע; זיין קינסטלערישער קאָנטאַקט לייזט אויס דעם אומקאָנטראָלירטן טאַקט. זיין דיכטערישע פּאַטענץ איז די פּראָבע פאַר דעם עכטן גאָלד פון זיין שאַפונג. דאָס איז די באַ־רעכטיקונג.

* * *

סקעפּטיציזם און רעוואָלט זענען ביי אים די הויפּט־עלע־מענטן. מיט דעם אַליין אָבער ווערט ער נאָך ניט אַקרעדיטירט

אַלס גרויסער דיכטער. פאַראַנען ביי אים פאַרשיידענע מאָטיוון — לירישע און עפּישע — וואָס פירן אים אַרויס גאָר אויף אַן אַנדער שטח. ס׳איז אַ פאַרצווייגונג פון אַלערליי מאָטיוון: מאַנכע שווער געלאָדענע מיט רייפן פּרוכט; אויך אַזוינע וואָס זענען בלויז באַקאַנאָספּיקט און באַבלעטערט; און אַנדערע הויבן זיך אויף מיט זייערע קרוינען־שפּיצן ביז הימל.

די מאָטיוון: 1) אינדיווידועל־לירישע, 2) נאַציאָנאַלע, 3) פאָלקסטאָניקע, 4) נאַטור, 5) עראָטיק און 6) ראָמאַנס.

דווקא זענען זיינע אינדיווידועל־לירישע לידער — ניט די כאַראַקטעריסטישסטע. זיי זענען נאָכקלאַנגען פון אַ געוויסן נוסח, וואָס איז שוין פיל אָפּגעמאָלקן געוואָרן... ער דערציילט, אַז ווען ניט די אַנגענעמע האָפענונגען, וואָס קוויקן די פאַנטאַזיע מיט אַלערליי פאַרבן, וואָלט זיך דאָס צעוויטיקטע האַרץ ניט איינגעהאַלטן אין ברוסט... ער דערציילט, אַז ער וויל ניט אַז אַ פרעמדער מענטש זאָל זיך אַריינמישן אין זיינע חלומות... אַ ריזיקע כוואַליע האָט זיך באַגעגנט אין ים מיט אַ ריז אַ פעלז און איז צעשמעטערט געוואָרן... און ווען דאָס האַרץ זוכט עפּעס ליכטיק־הייליקעס און געפינט עס ניט, נאַרט עס זיך מיט זינד... און אַז דאָס לעבן איז פּוסט מיט זיין רויש און שיינקייט פאַר דעם טרוימער וואָס זוכט און שטרעבט זיין גאַנצן לעבן... און אַז ער זיצט שטיל־שטיל אין זיין צימער — דאָס קנייטל פון פאַרלאַנגען רויכערט שטיל זיך; איז ניט פריי־לעך, איז ניט טרויעריק. ער איז וואַך — און ס׳האַרץ שלאָפט... און ניט אומזיסט האָט ער ליב די ווייסקייט, ווייל ווייסקייט דער־מאָנט אים שניי, פיאַלקעס, תכריכים, אַ טרוימענדיקע מיידל אויף גראָז אין ווייסן...

זיי זענען גוטע לידער, מאַנכע פון זיי גאָר גוטע. אָבער ווייזט אויס, אַז דאָס לירישע פּאַסט זיך ניט אַריין אין גאַנצן ביי דעם דיכטער פון טיפן אָטעם און ברענענדיקן געמיט... פּאַטאָס — פאַרנעמט די בכורה.

און דערפאַר אין די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון — שטאַרקער, טיפער, שוואונגלעכער. זיי ציען יניקה, די דאָזיקע מאָטיוון, ווי דער שטייגער, אַ היבש ביסל פונם גלות. די קאַנווע געננוג אַ „באַקוועמע״ אויסצושפּרייטן זיך. און אויך אַרויסברענגען

די אידעאַל־ראָמאַנטישע און אויך פּאָזיטיווע עלעמענטן. דער דיכ־טער פון שנאה, זינגט אַ הערלעכן הימן, פול מיט שיינקייט און גלאַנץ, צו „ווילנע". זיין קינסטלערישער באַגאַזש — האָט שוין דעם ריכטיקן אַדרעס. ער וואַרפט פונאַנדער אבנים טובות פון דעסקריפּציע. די פּאָעמע האָט אַ פּאַראַלעלן בוי און איז אַנגעזעטיקט מיט עפּיזאָדן און פרטים. עפּיש און לירישׁ. אָביעקטיווער און סוביעקטיווער טאָן מיניעט זיך אין אַלע קאַלירן. עלעמענטן פון שטייגער־שילדערונג פלעכטן זיך מיט עמאָציאָנעלע אַקאָרדן־פּע־דים.

און „אונטער די קלאַנגען פון דער מאַנדאָלינע" — שטייט אויף די שיינקייט וואָס איז געשטאָרבן. ס'איז אַ טרויעריק־פריילעכע פּראָצעסיע פון אַ פּאָלק אין דער אייביקייט. זיין מאַר־טירער־וועג איז גרויליק באַלויכטן מיטן אמת פון זיין גלויבן. אַ פּאָלק וואָס ווערט ניט אונטערטעניק. עס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אָבער דערהויבן זיך אפשר העכער פאַר גאָט אַליין. אין דער דאָזיקער עפּאָפּיי — ברייט אין פאַרנעם, ווייט און הויך אין שוואונג — איז דער אַנטיטעטישער פּאַראַלעליזם אַזוי קאָלירפול, שאַרף און בלוטפול, דער פּאַטאָס — אַזוי פייערדיק, און די שפּראַך — ווי אַ פאַרכאַפּנדיק פּאַנאָראַמע פון אַ וואַסערפאַל. — מ'דערפילט דעם פליגל־פּאַך פון אַדלער.

די לידער וואָס קלינגען מיטן פאָלקס־טאָן — ווי אויך די ראָמאַנסן — חן־פינטעלעך, וואָס גיבן צו רייץ. די שטילע, צאַרטע לידער — קליינע אינדזעלעך אין דעם ים פון צעברויזטע און צע־שוימטע כוואַליעס.

דעם דיכטערס גבורה האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט און באַ־מען געשטאַלטונג אין די נאַטור־לידער. אַלע כחות און דערשיינונ־גען פון אַט דעם גרויסן וואונדער האָט באַקומען תיקון אין שפּראַך און בילד. די שילדערונג איז אַזוי קאָמפּאַקט און אַזוי אָנגעלאָדן מיט פרטים, אַז ס'איז אַ מורא, אַז די קאָמפּאָזיציע וועט עס ניט אויסהאַלטן. פונקט פאַרקערט — דער לייוונט וויקלט זיך פונאַנדער און די פּאַנאָראַמע וואַקסט און טרעט אַרויס מיט אַזאַ בולטקייט, פונקט ווי אַלע שלייערס פון דער וועלט וואָלטן זיך אָפּגעדעקט. די צעברויזטע סטיכיע פון דיכטער באַגעגנט זיך מיט דער ווילדער

סטיכיע פון דער נאַטור, מיט איר אייביקן ליכט און סוד, מיט איר שפּיל און רוגזא, מיט איר גראַנדיעזקייט און אומרו. זיין פרייער אומגעצאַמטער פּערז כאַפּט אויף די נשמה און ריטם פון דער „טויטער"־נאַטור, ווי דורך ראַדיאָ־כוואַליעס. קלאַנג און בילד פאַרנעמען זיך, שטייגן און לייזן זיך אויס. די נאַטור איז ביי אים אַזוי פּערזאָנאָפיצירט, אַז זי באַקומט אויסזען און געשטאַלט, וואָס לעבט און באַוועגט זיך, און אָטעמט מיט נשמה און חושים. בערג, טאָלן, פעלזן, ים, אַלע תקופות פון יאָר, גאָרטן, פעלד, בלומען, פרוכט — גאַמען אין דער אייביקער סימפאָניע פון קאָס־מאָס.

* * *

פאַרשיידענע טעמעס און מאָטיוון. אַ באַזונדערער צוגאַנג צו זיי. אידעאַליזאַציע און שפּאָט, פאַרלייקענונג און גלויבן, ליבע און ציניזם, ראָמאַנטיזם און שנאה. אומעטום איז ער עכט און גרויס. אָבער די השלמה פעלט בלויז — אין דעם לייטענדיקן געדאַנק, אין דער פאַרגאַנצטער אידייע. ער ראַנגלט זיך ניט ווי אַנדערע מיט דער שפּראַך, מיט דער פאָבולע, מיט דעם מאָטיוו — ער באַצווינגט זיי. אויב אַפילו ער ראַנגלט זיך אַמאָל מיטן מלאך פון הימל — קומט ער שטענדיק אַרויס — ניט אויסגעלינקט... ער ראַנגלט זיך בלויז ניט מיטן מענטשן; פאַר אים האָט ער בלויז — בריקן.

יהודה קרני

שוין דער פּען־נאָמען „קרני״ באַצייכנט דעם מהות פון זיין דיכטונג. דער תּוך און פאָרם איז אין איר קרנדיק, גרונטיק, אייגנ־טימלעך. די אויסערלעכע סימנים פון שפּראַך־און סטיל־קאָמביני־רונג, ווי אויך די אויסערלעכע הילף־מיטלען פון מעטריק און גראַם, זענען אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט דער תּמציתדיקער געדאַנקלעכקייט, מיט דער פאַרגופטער שטימונג און געפיל, אַז עס בלייבט ניט אי־בער קיין מחיצה צווישן דעם אויסערלעכן לבוש און אינערלעכן לעבן, צווישן דעם גוף און נשמה פון זיין ליד. נישטאָ קיין מחיצה צווישן דעם אַסאָציאַטיוו־סוגעסטירנדיקן וואָרט און קערנדיקן אויס־דרוק. די קאָנסטרוקציע פון זיין ליד וואָלט שיר הערמעטיש, פעסט פאַרמאַכט פאַרבליבן, ווען זי וואָלט ניט פאַרזען געוואָרן דורך דער דיכטערישער השגחה, אָדער דורך דעם דיכטערס אינטואיציע, מיט זייטיקע דערעפענונגען פאַר ליכט און לופט. דערפאַר איז אַפילו זיין קלענסטע ליד, אַזוי מאַסיוו און פעלזיק, איטלעך וואָרט און שורה, ווי אויסגעקריצט אין שטיין, קורץ און שאַרף — און בולט.

יהודה קרני פאַרנעמט אַ פּאָזיציע אין דער העברעאישער פּאָעזיע צווישן די קלאַסיקער און ניי־קומער פון ניי־העברעאישן ליד. ביאַליקשע טראַדיציע אין אַ נייער מאָטיווירונג. ביאַליקשער אידעאַליזם אין סינטעז מיט די נייע רעאַלע דערשיינונגען. גלות־מאָטיוו — אין כאָר מיט די קלאַסיקער מקוננים און — די שירה פון דערהויבונג און נחמה; און דער הימן פון אויסלייז און בנין הארץ. — און דאָ איז מיטאַמאָל אַזאַ דערשיינונג: דער דיכטער האָט פאַרברענט די בריק פון אומעטיקן עבר און איז חלילה ניט געבליבן הענגען אין דער לופטן, נאָר האָט ד ע ר ז ע ן דאָס נייע לאַנד און איז געבליבן שטיין מיטביידע פיס אויף איר געגאָרטן באָדן. די פאַרוואַנדלונג איז געגאַנגען מן הכּוח אל הפּועל. קרני׳ס ליד — אין זיין צווייטער תּקופה — איז געוואָרן פלייש און ביין, קערפּער און נשמה אין די חבלי לידה פון אַ לאַנד, אין די חבלי משיח פון אַ פאָלק. קיינער, דוכט זיך, פון

די עלטערע און אינגערע העברעאישע פּאָעטן, האָט ניט דער־גרייכט אַזאַ מין טראַנספאָרמאַציע, פון אויסטאָן זיך אינגאַנצן פונם עבר — דעם גלות׳דיקן עבר — און אָנטאָן זיך אין פרייד און צער, אין גליק און פיין, אין וויזיע און באַוואוסטזיין, מיט וואָס דאָס צוגעזאָגטע, נאָר שווער פאַרהאַרעוועטע לאַנד איז גורם און מזכה. קרני איז באמת קרנדיק אין דעם ארץ־ישראל׳דיקן מאָ־טיוו. זיין וואָרט, וואָס איז געווען פריער שיין, נאָר עטוואָס קאַלט און טרוקן, איז געוואָרן אי פייערלעך, אי פייערדיק. אַמאָל איז דאָס פייערלעכקייט פון עבודה. אַמאָל — דאָס אומעטיקע פייער פון עלעגיע. נאָר אָפטמאָל — דער פאַרצערנדיקער פלאַם פון פליכט און פון אַחריות, פון קינסטלערס וויסן און געוויסן, פון דיכטערס פיינלעכן געראַנגל מיט די ספקות — אויב ער קען אויך זיין אַ קרבן וואָס איז באַוויליקט. אין איינס פון זיינע רירנדיקסטע לידער, זאָגט דער דיכטער:

„ווי גוט וואָלט זיין, ווען איך ווייס, אַז איך בין אַ שטיין ווי אַלע שטיינער פון ירושלים; און ווי גליקלעך וואָלט איך זיין, ווען מיינע ביינער פאַרבינדן זיך מיט דעם מויער; פאַרוואָס זאָל מיין גוף זיין אָרעמער ווי מיין זעל, וואָס אין פייער און וואַסער, איז זי געגאַנגען מיטן פאָלק מיט געשריי אָדער שטילערהייט? — נעמט מיך מיט דעם ירושלים׳ער שטיין און טוט מיך אַריין אין די ווענט און לייגט אַרויף אויף מיר אַ טינק — און פון געמויער־טער וואַנט וועלן זינגען מיינע שמאַכטנדיקע ביינער אַנטקעגן משיח״.

* * *

צוויי עטאַפּן צייכענען זיך אַרויס אין קרניס שאַפן. דער ערשטער עטאַפּ האָט זיין אויסדרוק באַקומען אין די לידער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער תקופה פון 1907 —1922 און געזאַמלטע דערשינען אינם בוך „שערים״. דער צווייטער עטאַפּ — די לידער פאַר די לעצטע זעכצן יאָר — אינם בוך „בשעריך, מולדת״. שוין אין די פריערדיקע לידער ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַ קינסטלער־ווערסיפיקאַטאָר. זיין ליד איז קורץ און שאַרף. יעדע

שורה ווי אויסגעראַדירט אין דינעם, איידעלן מעטאַל. די קורצע קנאַפּע שורות, פלעכטן זיך אין מיניאַטורנע פערזן און סטראָפעס. וואָס ווערן אַקצענטירט דורך אייגנאַרטיקע און פולע גראַמען. דער גראַם ביי אים איז קיינמאָל ניט באַנאַל. ער שפּילט אויף וואָרט און קלאַנג, ווי ס'שפּילט אַ קליין העמערל אויף גאָלדענעם מע־טאַל. דאָס וואָרט איז קיינמאָל ניט מליצהדיק; ס'איז קנאַפּ — נאָר וואָגיק, ס'איז אָפּטמאָל האַרט — נאָר בולט און דירעקט.

אָבער, דאָך, איז נאָך ביי אים דאָן דער מאָטיוו — נישט גאָר קיין אייגענער. אין טייל לידער פילט זיך שטאַרק דער איינ־פלוס פון אַלעקסאַנדער בלאָקס מיסטיש־ראָמאַנטישע „לידער צו דער שיינער דאַמע". נישט בלויז איינפלוס — ס'קלינגט אַמאָל אַרויס יענעמס אַ גאַנצער מאָטיוו. די שיינע דאַמע, אָדער די אויסגעחלומטע מאַדאָנע, קומט אַרויס ביי קרנין, ווי זי שטייט און גייט, מערנישט צניעותדיקער אויף אַן אַנדער אופן און העברעאיש אויסגעשליפֿערט... אין אַנדערע לידער זעט זיך אויך באַשיינפערלעך די מער דירעקטערע צי קנאַפּערע השפּעה פון ביאַ־ליק. דער מאָטיוו פון צער און צאַרן און נביאות. דער שטראָף־טאָן. דאָס ביאַליקשע פילט זיך, ווען ער זאָגט: „די זינד פון מיין דור האָט מיך אויסגעשפּיגן פון איר האַלדז־שלונג און איך בין אַנטלאָפן אין מדבר; און דער גע־אַמער פון מדבר איז מיר געוואָרן אַ פאָטער און אַ מוטער און אַ ברודער אין דער צרה". אָדער „איך שווער, אויב איר זייט מיר ניט געוואָרן דערווידער מיט אייער תפילה און דוכנען, און מיט די טעג פון אייער וואָך און יום־טוב און מיט אייער מאָלצייט". פאַראַנען אויך דאָן ביי אים לייכטע, שפּילעוודיקע נאַטור־לידער, ווי די סעריע „פּליט אודיסה החביבה", — געמיטלעכע געזאַנגען וועגן ים פון אונטן, ים פון אויבן, ים און זון, ים און הימל, ווען „שכור פון ריח און פּאַנאָראַמע, וויל איך אַ שפּרונג טאָן ווי אַ פיש אין ים"; וועגן דער שיינער שטאָט און וועגן די שיינע סאָניעס, ליזעס, צילעס, נינעס, — אַן עולם־הזהדיקער קאָמפּלעקס פון מאָטיוון. — אָבער דער שטעמפּל פון אָריגינעלקייט ליגט פאָרט ניט אויף זיי. ס'איז נאָר צינז פאַר דער מאָדע פון „ווירקלעכקייט", וואָס אַ דיכטער מוז אַמאָל געבן. ס'איז נאָר עטוואָס אויסגעטאָן זיך פון דעם גורל־יאָך, — כדי

צו קענען אויף אַ ווייל אַ בריקע טאָן די שווערקייט פונם לעבן: „אין דער אמתן בין איך גאָר קיין מאָלער ניט, אויך נישט קיין דיכטער, נישט קיין פילאָסאָף; פאַרשאָלטן איז דער מוח, וואָס האָט געקלערט, פאַרשאָלטן דער מענטש, וואָס האָט געשריבן". — ווי קומט אַזאַ לייכטע אַפּיקורסות ביי דעם דיכטער, וועלכער גייט אין שפּאַן מיט די אַלע מענטשן פונם גלות? דער תירוץ איז — ס'איז צינז פאַר אָט דער קלײנער ווײלע פון אויסגעטראַכטער האָפערדיקייט...

אמת, קרני איז שוין קענטיק אין געוויסע אַנדערע מאָטיוון, מיט דער קאָנצענטרירטקייט פונם פערז, מיט דעם אייגנאַרט פון גראַם, מיט דער ערנסטקייט פון טעמע. דערווייל איז אָבער נאָך דער יחיד, וועלכער שטייט נאָך ביי די „טויערן" פון טרערן און פון שמחה. דורך וועג פון טרערן באַגעגנט ער זיך מיט דער אויסגעטרוימטער געשטאַלט, וואָס שלייכט אויפן וועג פון שמחה. — זיין וועג איז אָבער — דער וועג פון טרערן. פאַר זיינע אויגן שטייט נאָך אַלץ די אַנדער ווירקלעכקייט: דאָס פאָלק, דער גלות, די געשיכטע פון זיין פאָלק, די געשטאַלטן פון זיינע מאַרטירער. ער זעט נאָך אַלץ „אין גאָרטן רויטלט זיך דער פערסיק, עס רינט מיט בורשטין יעדער ווײנטרויב; ישראל הויבט־אויף אויף טאַצן די בעכערס בלוט פון זיינע יונגע און אַלטע". „עקיבא" — איז אַלץ נאָך „דער נאָמען וואָס כ'האָב פון דער יוגנט געטראָגן אין האַרצן, און תמיד געזען דיין געשטאַלט פאַר די אויגן". עס פּייניקט דער תליון זיין קערפּער מיט אייזערנע קאַמען „און דו האָסט פאַרדריקט דיינע ליפּן — מנצח געווען אים מיט שווייגן"... דער תלמיד קאָן עס ניט. — עס טרעפט, אַז ער הויבט אויף די הענט מיט געבעט צו דעם תליון, און ס'טרעפט, אַז ער לעסטערט זיין גאָט אין די אויגן פון שונא. בעט ער אים, עקיבאַ'ן, לערנען אים דעם סוד פון השלמה און גייסטיקער שטאַרקייט, — ער זאָל קענען קוקן דעם תליון גלייך אין די אויגן... — דערווייל שטייט נאָך דער דיכטער ביי די טויערן פון טרערן.

שפּעטער־צו ווערט זיין ליד אינגאַנצן אַנדערש. ער שטייט שוין „ביי די טויערן פון זיין היימלאַנד".

און איצטער זעט מען גאָר אַן אַנדער בילד. דער דיכטער איז שוין מער ניט דער יחיד — נאָר אין שיין פון אַ נייער ווירקלעכקייט, איז ער שוין איצט דער שופר פונם פאָלק, וואָס רופט צו גאולה, דער בת־קול פון אַ לאַנד, וואָס ווערט געבויט, דער שליח־ציבור.

זיין ליד האָט איצט באַקומען תיקון. עס האָט זיך אָנגעפילט מיט כוח און מיט לעבן. עס האָט באַקומען גוף און נשמה. אַ נייעם זין, אַ נייע שיינקייט, אַ נייעם תכלית.

ס׳איז אפשר נישט גאָר ריכטיק, צו באַצייכענען קרניס דיכ־טונג דורך דער אַסאָציאַציע פון אַ שופר. אין איר איז צופיל צניעות, רעליגיעזער געמיט, און אַפילו פשטות — אַז ס׳זאָל קע־נען שאַלן, אַז ס׳זאָל קענען הילכן. און נישט קיין שליח ציבור פילט ער זיך, ווען ער זאָגט: „היימלאַנד, יאָרן נאָך יאָרן נעם איך אַריין דיינע געזאַנגען; און ווען אַלע מיינע לידער שרייען און זינגען, גיי איך אום אין דיר ווי אַ טויבער און אַ שטומער". נאָר דאָך, ווען אַ דיכטער באַקומט זיין תיקון אין זיין דיכטונג, וואָס איז דערקענטעניש פון פאָלק און לאַנד, — איז ער, פון זיך אַליין, אי פלייט פון דינסטער שטימונג, אי פויק פון קאַמף, אי שופר — וואָס פאַרטרייבט דעם שטן און זאָגט אָן די גאולה... און אַ שליח־ציבור איז אַ דיכטער ווען ער זאָגט: „מיט יעדן שטיין וואָס וואַלגערט זיך, טוט מיך אַריין אין צעבראָכענעם מויער און קלאַפּט מיך אַיין מיט האַמערס, — אפשר וועל איך קענען פאַר־גיטיקן מיין היימלאַנד, און ס׳וועט באַוויליקט ווערן די זינד פון פאָלק, וואָס האָט ניט פאַרריכט די חורבות".

דער צווייטער עטאַפּ אין קרניס שאַפן, האָט אויך פאַרגי־טיקט זיין נאַציאָנאַלן, קינסטלערישן „יש", פאַר די „זינד" פון פרעמדע, אויסגעוואָרצלטע מאָטיוון...

* * *

פריער — סתם „טויערן", איצטער — „ביי דיינע טויערן, היימלאַנד".

די בריק פון עבר איז פאַרברענט; אָבער דאָס קען געזאָגט

ווערן, וועגן די בריקן וואָס הענגען אין דער לופטן, די ראָמאַנטיש־אויסגעקלערטע, וואָס האָבן ניט קיין אָנהאַלט אָן אַ באָדן און פאַרבינדן ניט דעם עבר מיט איצט און מאָרגן. אָן אַנדער בריק — אַ מער פאַרבינדנדיקע, אַ מער ממשותדיקע, ווייל נישט קיין אויס־געטראַכטע, נאָר אָן אויסגעטרוימטע, אַ וויזיאָנעריש־אמתדיקע — און רעאַלע — איז געוועזן קרניס שאַפן אין דער צווייטער תקופה. דאָס איז געוועזן די בריק, וואָס פירט פון ערד צום הימל און פונם הימל צו דער ערד; גענליכן צו דעם „סלם אלהים", דער לייטער אויף וועלכן מלאכים גייען אַרויף, אָבער נידערן אויך אַראָפּ.

דאָס איז די וויזיע און די וואָר פון אַ היימלאַנד; זעאונגען פון עבר — און דאָס בילד פון היינט. אַ ניכטערקייט — און דער־פאַר אַזאַ מין קלאָרקייט — אינם זען דיווירקלעכקייט, אין אַלע אירע שאַטנס, — און אין דער זעלבער צייט, אַ פאַרבן־שיכרות, אַ רעגנבויגן פון געשטאַלטונג; און אַזאַ מין רייכע גאַמע פון באַגייסטערונג, נחמה, פרייד און דערקענטעניש.

קרני האָט דערגרייכט די מדרגה, צו ווערן ד ע ר משורר פונם לאַנד. נישט גרינג איז אים דאָס אָנגעקומען. ער האָט גע־דאַרפט צאַמען דעם סוביעקטיוון טאָן, וואָס קלינגט אַרויס תמיד ביי דעם עכטן דיכטער; ער האָט געדאַרפט „אַרויסרופן" אָן אָב־יעקטיוו בילד. ער האָט געדאַרפט דאָס לשון בויען אין אַ נייעם נוסח, אין וועלכן ס'זאָל זיך פאַראייניקן אין אַ גאַנצקייט דאָס אַלטע מיט דעם נייעם. ער האָט געדאַרפט דעם „איך" באַהאַלטן, כדי דאָס לאַנד זאָל זיין אַנטפּלעקט אין אַלע אירע פאַרבן. און זיין „בבית הצלם" איז ער זיך אַפילו מודה, ווען ער זאָגט: „און אַזוי אַרבעט איך שטענדיק שווער, כדי צו באַהאַלטן דעם „איך".

אָבער דווקא האָט די „שווערע אַרבעט" זיינע, אוממיטלבאַר זיך פאַרוואַנדלט אין יצירה. אַפילו אויך דער ווירטואָזער פערז און גראַם, וואָס זענען אין פלוג אַזוי געמייסטערוועט, געפינקלט און געצירקלט, — זענען ניט געקינצלט אויף אַ האָר, נאָר ס'פילט זיך ווי זיי האָבן זיך אויסגעמייסטערוועט נאַטירלעך. די פערזן קייטלען זיך אַזוי דאָך לייכט אַמאָל — און דאָך אַזאַ מין וואָגי־קייט און אייזנהאַרטקייט פון יעדער שורה. די גראַמען וואַרפן זיך, ווי כישופדיקע רינגען, אָבער תמיד שליסן זיי זיך וואונדער־

לעך אַריין אין פערז און מאַכן אים נאָך שטאַרקער. דער תוך און פאָרם פון אַ יעדן מינדסטן ליד ווייזן קרניס א י נ ד י ו י־ד ו אַ ל י ט ע ט.

קרני איז אויך איצט אַ טרובאַדור. נאָר מער שוין ניט פון יענער פרעמדער „שיינער דאַמע". ער האָט שוין איצט אַ נעענטערע, אין מעלה און חסרון. זיין געליבטע איז „ירושלים". דאָס לאַנד בכלל.

דאָס לאַנד — אין איר רעטראָספעקטיוון שיין, מיט אירע געשיכטלעכע פיגורן: נביאים, העלדן און קנאים, געשעעניש און וואונדער, גרויסקייט, שיינקייט, נס. — דאָס לאַנד, אין וואָר, אַזוי ווי עס איז היינט. — דאָס לאַנד, ווי עס בויט זיך דורך אי־דישע הענט.

ער איז איר טרובאַדור און — מאָלער. ער מאָלט זי אין די אַלע צייטן פונם קיילעכיקן יאָר. ער איז דער מאָלער פון איר לאַנדשאַפט, פלאָרא, לופט, די שיינקייטן פון איר נאַטור, איר טאָג, איר אָוונט, איר שקיעה, איר נאַכט, — און אויך דעם חמסין, דעם רעגנמאַנגל, איר וויסטקייט, איר פאַרלאָזנקייט, די ערד וואָס איז צעטריקנט און פאַרחלשט.

פון איין זייט, דאָס טרויעריקע, אָבער שאַרף־רעאַלע בילד:

„ווי קליין און מאָגער איז דיין טייִלכל ערד,
אויך וואו געאַקערט — פאַרשמאַכט, פאַרצערט;

די פעלדער קוקן דאָרשטיקע אַרויס,
און פּאַשע פאַר דאָס ביסל פּי פעלט אויס;

און ס'איז ניטאָ קיין שוץ פון ווינט וואָס גליט —
און נאָך אַ ביסל קומט די צייט פון שניט". —

און פון דער צווייטער זייט — אַ בילד, אַ וויזיע פון קאָ־לירן:

„די בערג פון ירושלים
די צעברעגטע,
ווען ס'צעלייגן זיך אויף זיי די שאָטנס פון אָוונט —
ווערן זיי טיגעריש געפלעקטע.

די בערג פון וויסטעניש,
ווען אז עס גיסט זיך אוים אויף זיי די רויטקייט
פון פרימאָרגן — ווערט ראָזיק יעדער שטיין ווי אַ מילגרוים
אויפן כרמל, און ברענט ווי אַ רובין.

די היימלאנד בערג,
דער „הר הצפים" און דער „הר הזיתים",
וואָס ווען עס לאָזט אראָפּ די נאכט זיך —
גלייך ווערן זיי בערג — פּגרים, בערג — מתים.

און ווען עס לאָזט אראָפּ די נאכט זיך, צי גיט דען ניט
קיין לעמפּערט אַ שפּרונג אויף זיי פון וויסטעניש,
און צי דען ניט קיין נביא
שרייט דאָרט אויף דער זינדיקער ירושלים?

אָ, די בערג געלאַטעטע
מיט אייזן און מיט קופּער; צי דען ניט קיין מאַקאַבייער
פאַרזאַמלען זיך אויף אייך, און זעלאָטן
הויבן זיך דען ניט צום שטאָט אויף פעלזן־שפּאַלטן און
שטאַפּלען?

אָ, די בערג די נאַקעטע, צעפּליכטע,
צי לאָזט איר זיך דען ניט צו מיר דערקענען,
ווי נישט פון אייך דען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די אַנזאָ־
גער, די שלוחים
אין נאָמען פון גאָט?"

ה י מ ן, ת פ י ל ה, פ י ו ט — דאָס זיינען די דריי

מינים און פאָרמען פון זיינע היימלאַנד־לידער. דער דערהויבענער טאָן, דער פייערלעכער פּאַטאָס, די פלאַמענדיקע באַגייסטערונג, די שאַרפע זשעסטן פון באַוואונדערונג, דער אויסרוף, דאָס איבער־חזרן „ירושלים“, „לאַנד“, „מיין לאַנד“, „מיין היימלאַנד“, — דאָס זיינען די סימנים פון זיין ליד, וואָס איז אַ לויב־געזאַנג, אַ הימן. אָבער דער היילוקער ציטער, דאָס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון אַן אָנגעפּילט האַרץ, ס׳געבעט פון הייסן, אָנגעלאָדענעם גע־מיט, דעם ניגון וואָס עס זיפצט „ממעמקים“, די צניעות און די פשטות, די אויסגעטאָנעקייט פון זיך און אַפילו די הכנעה פאַר דעם גרויסן וואונדער, — דאָס קען ניט הייסן „ליד“, נאָר תפילה. קרניס מערסטע לידער זיינען תפילות. נישט אַפילו קיין „פּיוטים“ ווי דער דיכטער רופט זיי אָן. פּיוטים — אפשר טיילווייז אין דער פאָרם, אין דער נוסחדיקייט און געגראַמטקייט, — אָבער זייער עצם וועזן איז כמעט דער אוממיטלבאַרער גייסט פון תפילה.

דער צניעותדיקער, רעליגיעזער גייסט האָט זיך שוין געפילט אין קרניס פריערדיקע לידער. אָבער אין די היימלאַנד־לידער האָט ער באַקומען פולן אידישן כאַראַקטער. דאָס רעליגיעזע פילט זיך, נישט בלויז אין די אַלע קנייטשן פונם לשון, נאָר אַפילו אין דעם פרומען צוגאַנג און באַנעם לגבי איטלעכער דערשיינונג און יעדער מינדסטער זאַך. דאָס אידיש־עטישע וואָס ליכטיקט זיך אַרויס כמעט פון אַלע ~~זייערע~~ זיינע לידער, באַווייזט אויף דער ירושה פון נביאים.

נישט בלויז פייניקן זיך מיט די ספקות, אויב ער קען אויך זיין אַ קרבן וואָס עס איז באַוויליקט; נישט בלויז בעטן אַלץ פאַר זיך אַליין דעם שווערסטן יאָך פון פליכטן לגבי אייגן פאָלק און אייגן לאַנד, — נאָר אַפילו ווייטיקן פאַר דער גאַנצער וועלט, זיך פילן שולדיק פאַר די ליידן, פאַר דעם טויט און פאַר דעם אומגליק וואָס טרעפט אַ יעדן מענטשן. די שטים פון יענער אַלטער אי־דישער מאַראַל, קלינגט אַרויס פון די ווערטער, ווען ער זאָגט:

„צו עמיצן, וואָס ווײנט וואו אויף דער ערד, בין איך תמיד זינדיק, כאָטש איך ווייס ניט פאַרוואָס. צו עמיצן, וואָס איז אומ־גליקלעך, ניט ווייסנדיק אַפילו זיין נאָמען, שריי איך אַלץ: איך, איך בין שולדיק. צו עמיצן, וואָס ביינאַכט איז איבערגעריסן גע־

וואָרן דער פאָדים פון זיין לעבן, פאַרגיטיק איך: איך בין דער שולדיקער". — — —

אָבער פאַראַנען אַפּטע מאָמענטן, ווען דער משתתּף זיין זיך אין יענעמס גורל, גיט דעם דיכטער מער קאָנקרעטע דערקענטעניש. ער געפינט אַ טרייסט אין דעם, וואָס ער לעבט דאָס לעבן פונם כּלל, וואָס ער געפינט זיך אין די רייען פונם פאָלק, צווישן די, וואָס בויען זייער לאַנד און צוקונפט, און ער איז דער אָפּרוף פון אַלץ וואָס טוט זיך און געשעט. דאַן איז ניט קיין ווידוי שוין, נאָר ס'קלינגט אַרויס באַוואוסטזיין פון אַ תּכלית און אַ ציל, באַפרידיקונג און נחמה:

„פאַרוואָר, איך בין גאָרניט איינזאַם
אין פאָלק און זיינע טויזנטער;
איך פריי זיך אויף יעדן וואָס ווערט געבוירן, וויין אויפן טויט,
פון יעדן וואָס נעמט זיך דאָס לעבן, אָדער אַלטן.

איך פריי זיך אויף יעדן נייעם שפּראָץ
און יעדן מושל גלעט איך צערטלעך;
און אַלץ וואָס לעבט מיט מיר, פון מענטש ביז שלאַנג,
ווען זיי ווערן טרויעריק־פאַרשמאַכט, שמאַכט איך אויך מיט זיי.

איך פריי זיך אויף יעדן ברונעם, וואָס ווערט אויסגעגראָבן אין דר'ערד,
און קלאָג אויף יעדער וויזיע וואָס ווערט פאַרשטערט;
און יעדע שטיקל ערד, פון אַ מיל ביז אַן אייל,
מעסט איך: וויפיל פון די מידע ווען לייגן דאָ דעם קאָפּ".

וויפיל צניעות ליגט אין דעם, אַפילו ווען עס פיגורירט דער „איך". סאַראַ וואָרעמקייט עס טראָגט זיך דאָ פון יעדן פּרט. און ווי פּשוט־רירנדיק עס איז געזאָגט!

אויפריכטיקייט, הייליקע תּמימות, רעליגיעזער געמיט, פילט

זיך אין די מערסטע לידער — אין וועלכע ס'קומט צום אויס־דרוק דאָס זון און שאָטנדיקע פונם היימלאַנד; אין וועלכע אויך די גרויע וואָר איז באַשטראַלט מיט בטחון. ווי תהלימדיק עס זיינען די ווערטער פון שליח־ציבור, ווי קנאַפּ און וואָגיק איז דאָס זאָגן, און ווי רירנדיק ס'איז דער בטחון און געבעט:

„ווי אָרעם בין איך אַזוי, שטאַרקער גאָט,
אויף אָט דער ערד;
אַז פול זיינען די תפילות און פרוכטבאַר די הימלען —
און די ערדן — אַזוי מאָגער.

ווי פריי איך זיך אַזוי, שטאַרקער גאָט,
אַז פון פייער און שטורם
האָסטו מיר שטענדיק געענטפערט, מיר און מיינע קליינע קינדער,
מיט אויסגעשלאָגענע זאנגען.

ווי גליקלעך בין איך אַזוי, שטאַרקער גאָט,
אַז איך בין זיכער און האָב קיין מורא,
אויסצוהויכן מיין לעבן און מקריב זיין מיין וועלט
אויף איין שטיין".

דאָס תפילהדיקע, די קרבן־גרייטקייט, דאָס ענייוותדיקע, דאָס אונטערטעניקן דעם „איך" צוליב דעם כלל, — דאָס זיינען די קענטיקסטע שטריכן אין כאַראַקטער פון זיין ליד. פון איין זייט, קומט צום אויסדרוק דער אימפּעט, מסירת־נפש, פרייד און שטאָלץ פון בויען ס'לאַנד, באַלעבן איר וויסטקייט, באַפרישן איר טרוקנ־קייט, באַפרוכפּערן די ערד, אויסטריקענען אירע זומפּן, פאַרהיילן אירע וואונדן, — פון דער צווייטער זייט — די שטים פון געוויסן און אַחריות, וואָס טרייבט צו אַרבעט, וואָס הייסט פאַרטאָפּלען יעדער אָנשטרענג, וואָס מאָנט פיל גרעסערע רעזולטאַטן, וואָס שפּאַנט אין יאָך און בענטשט די שווערקייט פון דער משא...
און בלויז ביי דעם, וואָס פילט זיך ניט אין לאַנד ווי אַ טוריסט,

נאָר וויטיקט־מיט מיט יעדן פּיין און צרה פון די בויער, און פרייט זיך מיט דעם מינדסטן שפּאַן פון דערגרייכונג, — בלויז ביי דעם, קען אויפגיין פון דער טיפעניש פון האַרץ אַ תפילה, וואָס בעט פאַר יאָך, און בעט פאַר כוח צו טראָגן אָט דעם יאָך. און וויפיל טראָפּנס פרייד, און זאָרג, און רחמים, עס טרערט אַרויס פון אָט דער קליינער, ריינער תפילה:

„געלויבט ביסטו, גאָט,
דער האַר פון דער וועלט,
וואָס ברענגט אַריין זין, טעכטער
אין ברית פון זייער יאָך,
וואָס באַלאָדט יעדער צאַרט־יונגער און צאַרט־יונגען
מיט דער משא פון פאָלקס־יאָך;
בענטש זיי, אז עס זאָל ניט פאַלן פון זיי קיין איינער,
און אז ס'זאָלן ניט פאַלן אַלע".

* * *

די פרייע איבערזעצונג פון קרניס פריער געבראַכטע לידער, קענען, נאַטירלעך, נישט איבערגעבן זייער אינדיווידועלן וועזן. זיין ווירטואָז־אָריגינעלן גראַם, דעם ספּעציפיש־העברעאישן עפּיטעט, די שפּראַך־הידושים, די קאָנצענטרירטקייט פונעם וואָרט, די קאָנ־דענסירטקייט פונעם פערז, דעם נוסח פון תפילה און פיוט, די אומגעוויינלעכע וואָרט־בינדונג, דעם כוואַליעדיקן ריטם, — די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון זיין ליד, קען מען נאָר פילן אין אָריגינאַל.

אין דער ניי־העברעאישער פּאָעזיע, וואָס איז נאָך עד־היום ניט באַפרייט פון איר „תפארת הלשון", פון דער מאָדערניזירטער מליצה; פון איר שפּעקולירן מיט דער רייכקייט פון לשון, גאָר אָפּט אויפן חשבון פון געדאַנק, — איז קרני גאָר אַ באַזונדערע דערשיינונג. די שפּראַך ביי אים איז אָן שום פראַנדזן, אָן שום קרייזעלעך — איטלעך וואָרט איז גופיק און נשמהדיק פאַר זיך אַליין. עס האָט זיין רעכט און זיין דירעקטן באַדייט. נישטאָ כמעט קיין וואָרט וואָס זאָל בלויז קאָקעטירן און גאַרנישט זאָגן. אויב דאָס וואָרט מאַכט זיך אָנזען, איז מיט זיין איבעררעשנדיקן

חידוש, מיט זיין בולטקייט, און מיטן באַלאַנסירן אויך אָט דאָרט, וואו ס׳האַלט אַז עס זאָל זיין מכריע...

נישט בצמצום איז ביי קרנין בלויז די גאַמע פון זיין היימ־לאַנדישן מאָטיוו. ס׳איז אַ שפע וואָס עס שעפּט זיך ביי אים קיין־מאָל גאָרניט אויס. ער דאַרף אַפילו ניט וואַריאירן. אָבער וואונ־דערלעכער צמצום איז פאַראַן ביי אים אין גאַנצן לשון און אין יעדן מינדסטן אויסדרוק פונם וואָרט.

דאָס איז נאָך אַן אייגנשאַפט, אַ גאָר באַזונדערע, אין זיין דיכטערישן אייגנס.

אינהאַלט:

פון מחבר — 3

מאָריס ראָזענפעלד — 5

דוד פינסקי — 21

אברהם רייזען — 41

מאני לייב — 65

יוסף אָפּאַטאָשו — 77

דוד בערגעלסאָן — 101

ה. לייוויק — 111

דער אידיש־נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין לייוויקס שאַפן — 152

א. לוצקי — 161

יעקב גלאַטשטיין — 179

גלאַטשטיינס פּראָזע — 194

אברהם קאָראַלניק — 201

א. אַלמי — 215

ז. שניאור — 235

יהודה קרני — 245